דער נסתר

געדאַכט

צווייטער באַנד

יידישער ליטעראַרישער פֿאַרלאַג בערלין

Inv. 992.

ליטערארישער
פארלאג

ד ע ר נ ס ת ּר

ג ע ד אַ כ ט

צווייטער באַנד

די הילצ געצייכנט פון י. טשאַיקאָוו.

דער נסתּר

געדאַכט

צווייטער באַנד

Alle Rechte, insbesondere der Uebersetzung vorbehalten.

Copyright by the „Jewish Literature Publishing Co. Ltd."
(„Jüdischer Literarischer Verlag, G. m. b. H.")
Berlin, 1923.

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 48

מוסר

אויפן שרייב־טיש שטייט אַ פּאָרצעלייען הינטל, אַ פּאַר־זאָרגטס און אַ פּאַראומערטס: די ציין טוען דעם ווייִ און די באַקן זיינען ביי דעם, ווי ביי אַ מענשן, צום קאָפּ אַרויף מיט אַ טיכעלע פּאַרבונדן; אין איינעם אַ מויל־ווינקל שטעקט ביי דעם אַ ליולקע אויף רויכערן...

אָט צו דעם הינטל קערעוועט זיך דער שריפטשטעלער, אַ געוויסער הײנטיגער, ער קוקט אויף דעם און פרעגט ביי דעם:

— וואָס אַזוי פּאַרזאָרגט?

— זעהסט דאָך — ענטפערט דאָס הינטל — די ציין טוען וויי.

— איז וואָס? — פרעגט דער שריפטשטעלער.

— האָסטו אַמאָל געהאַט ציין־ווייטאָג? — פרעגט צוריק דאָס הינטל.

— יאָ.

— האָסט זיך דעמאָלט אין שפּיגל געזעהן?

— געזעהן.

— און ווי אויסגעזעהן?

— ווי דו אַצונד.

— איז וואָס־זשע פרעגסטו?

— גלאַט אַזוי. ס׳איז מיר אַ טעמע אויסגעפאַלן.

— מיינסטו ביי אַ הונט זי געפינען?

— יאָ, כ׳מיין.

— איז גוט, אָבער ערב פאַר איר בין איך ניט. זי וועט־פול ציין־ווייטאָג זיין...

— מאַכט ניט.

— הייסט עס, געבן?

— גיב.

— קוק איך אויף דיר די גאַנצע צייט, זאָגט דאָס הינטל, און זעה דיך ביי דיין אַרבעט. איך מוז דעם אמת זאָגן: ס׳איז מיר אַ צער אַמאָל אויף דיר צו קוקן — אויף דיר און אויף אַלע די, וואָס קומען אַריין צו דיר. איך הער אַמאָל די שמועסן אייערע: חוזק! איר ווילט קעגן אייער אייגענעם גורל גיין, איר ווילט זיך די אייך געגעבענע געזעצן נישט אונטערגעבן, איר ווילט איבער זיך אַליין איבערשפּרינגען... „נאַראָנים!” — טראַכט איך זיך: די גרעסטע דערגרייכונג איז דאָך אין דער גרויסער הכנעה, בעתן גרויסן אונטערגעבן־זיך געשעהט דער נס, און קאָפּ אין יאָך שפּאַנען, דאָס איז דער באַרוף און די דערהויבונג פון ברואים. און איר, נאָך איידער איר האָט זיך אין וועג געלאָזט, ווילט איר שוין דעם ציל אייערן, אַ דערגרייכטן און אַריבערגעשפּרונגענעם האָבן, און אייערע פערד, וואָס דאַרפן איבער באַריערן שפּרינגען, זיינען דאָך ביי ציגיינער און פאַרשלעפּטע קרענק געקויפט, און וואוהין ווילט איר זיך עס לאָזן, און ווי ווילט איר וועלט־געוועטן געווינען?... און איך טראַכט זיך ווייטער: אָט שטיי איך, אַ הינטל דאָ פאַר אייך, אַ קליינס און נישט קיין אמת־דיגס, אַ צאַצקע נאָר און אַ נאַרישער קאַטאָוועס, און דאָך די מסורה פון די אמתע הינט ווייס איך, און כאָטש אַ הינטישע, דאָך אַ ריכטיגע — און לערנען מעג מען זיך אפילו ביי הינט...

— אדרבה — בעט זיך דער שריפטשטעלער.

— מ׳דערציילט: — לאָזט זיך דאָס הינטל נישט בעטן — איידער דער ערשטער וואָלף האָט באַשלאָסן אַ הונט צו

ווערן, האָט ער פריהער אַ גרויסן ישוב געהאַט. געהונגערט האָט ער שוין אַ צייט זעהר, מיט זיין ווייב און מיט זיינע וועלפעלאַך, און נאָהענט צו דעם מענשנס וואוינונג קומען איז שוין דאַן וואָס אַ מאָל אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן; דער מענש האָט שוין אַרום זיך און אַרום זיין גוטס אַ מין פלויט, אַ פאַרקן געמאַכט, און אויך געווערט האָט ער זיך שוין נישט מיט הוילע הענט דעמאָלט, נאָר האָט שוין שטיינער, דריקעס און דראָנגעס אויסגענוצט. האָט דער וואָלף דעם זומער ווי־ניט־ווי נאָך דורכגעלעבט, ווען־ניט־ווען ביים מענשן עפעס אַוועקגעשלעפט. אָבער אַז דער ווינטער איז געקו־מען, אַז די פרעסט האָבן די וועלדער באַהערשט, און אַז בערג מיט שנייען האָבן זיך אָנגעהויפנט, און קינדער האָבן אין די היילן געהוילט, און פון מענשנס דאַך, האָט ער געזעהן, אַ וואַרעמער רויך גייט אויף, שמעקט מיט פלייש אַמאָל, או, יעדערס מאָל מיט געקעכץ — אָט דעמאָלט איז דער וואָלף נישט איין מאָל צום מענשנס וואוינונג אונטערגעקומען, אויף אַ היפשן מהלך נאָר אָפגעשיידט, זיך אַוועקגעזעצט, אויף די הינטערשטע פיס און דעם קאָפ צו מענשנס דאַך פאַרריסן, געזעסן און לאַנג אויפן רויך געקוקט... ער האָט זיך גע־טראַכט: אמת, וואָלפישע פרייהייט איז פון גאָט, אין די גע־באָטן איז אונז פאַרזאָגט וועלף צו זיין, אין ווינטער־נעכט אין טיטשקעס זיך זאַמלען און דער פאָראויסלויפנדיגער „זי“ נאָכלויפן, איינס איבערן אַנדערן זיך שטאַרקן, איינס דאָס אַנדערע איבער איר זיך אומברענגען, שטאַרק זיין, אייננעמען און ערווערבן... נו, און אַז דו האָסט ערווערבט, און אַז אַדאַנק די ציין און אין זכות פון כח און אין כח פון ליבע האָסט דו שוין די „זי“ צו זיך אין הייל געבראַכט; און אַז אין אַ צייט אַרום האָט זי דיך מיט וועלפעלאַך באַגליקט, און זי איז מוטער־מאַט, און קינדער זויגן איר דאָס לעצטע אויס, און זי

ליגט און שווייגט און די אויגן זיינען איר מיט רחמנות פול, און דו ביזט אָרים, און נאָר מיט קנאַפּער פּעל אויף זיך... און דער ווינטער איז אַן אכזר, און ביינאַכט די פרעסט שטאַרקן זיך, און דער הימל איז מיט שטערן־מאָן פאַרזייט, און מאָן איז קיין מאכל ניט, און די לבנה מיט מילך גיסט, און די קינדער קומט גאָרניט אָן פון איר — ווי זאָל מען דע־מאָלט וואָלפישע געבאָטן געדענקען און ווי זאָל מען זיך אָן אַלטע ירושות און אָן שטאָלצע גלויבונגען האַלטן?...

אַז אַלע וועלף פון געגנט זיינען אומגעקומען, אַז די לעצטע פון דאַנען האָבן שוין אויסגעוואַנדערט, און פון גאַנצן שטאַם פון היגן זיינען פוסטע נאָרעס נאָר געבליבן... און דער מענש שטאַרקט זיך, און זיין שטוב איז באַוואוירנט, און זיינע קינדער וואַקסן אונטער, און די קינדער העלפן אים, און זיין רייכטום מערט זיך, און זיין וואוילשטאַנד פאַרגרעסערט ווערט, און דו ביזט, ווי געוועזן, און פאַר לאַנגע דורות איז דיר גאָר־ניט צוגעקומען — וואָלט דען ניט גלייך געוועזן זיך אונטער־געבן, וואָלט דען ניט קיין פלאַן געוועזן דאָס געווער אַוועק־לייגן און אין שוואַכקייט זיך מודה זיין?...

און דער וואָלף האָט איין נאַכט געטראַכט און צו גאָר־נישט נישט געקומען, די צווייטע נאַכט — און אַלץ אַנטקעגן מענשנס שטוב און אויפגייענדיגן רויך געזעסן, דעם דריטן אויפדערנאַכט — איז ער אַהיים געקומען, און אַז ער האָט די וואָלפיכע שוין אַ האַלב־טויטע כמעט געטראָפן, און די קינדער אָן פּיפּס און אָן עסן האָבן זיך נאָך ביי איר לעצט ביסל בויך־וואַרעמקייט געוואַרעמט; און אַז דער וואָלף האָט זיך דאַן צו דער וואָלפיכע געווענדט און איר זיין פלאַן און זיין איבערקלערן פאָרגעלייגט, האָט די וואָלפיכע געשוויגן, קוים־געהערט, און וואָס ער האָט גערעדט, שוין שוואַך פאַר־שטאַנען, און אַז דער וואָלף האָט זי געוועקט, געטאָרקעט און

פון איר אַ לעצט וואָרט הערן געוואָלט. האָט זי זיך אַ דריי געטאָן, און מיט לעצטער בייזקייט און שוואַך־פגירישע ציין אים אַ ביס געטאָן – אַ ענטפער געגעבן:

– זעהסט דאָך...

און דער וואָלף האָט באַלד זיין הייל פאַרלאָזט און צום מענשנס וואוינונג געקומען, האָט זיך שטיל צו זיין שטוב צוגעשאַרט און די גאַנצע נאַכט דאַן די שוועל פון זיין שטוב געהיט. און אינדערפריה, אַז דער מענש איז אויפגעשטאַנען, אַרויסגעגאַן, און דעם וואָלף ביי זיין טיר געטראָפן, האָט ער פריהער נישט פאַרשטאַנען, געמיינט: אַ דערפרוירענער... אַז ער האָט אָבער געזעהן, אַז ער רירט זיך, האָט ער פריהער זיין גראָבן דראָנג גענומען, אים מיטן גאַנצן כח אויפן וואָלפס ביינער אַראָפּגעלאָזט, אים געשלאָגן און נישט אויפגעהערט, אַלץ געמיינט – ער וועט אַנטלויפן, און אַז ער איז נישט אַנטלאָפן, און אַז ער האָט די גאַנצע צייט די אויגן צו אים אַרויף און נכנעדיג געהאַלטן, און ביי זיינע פיס, ווי זיין גאַנצן שטאָלץ און אַלעס וואָלפישעס אַוועקגעלייגט, האָט דער מענש פאַרשטאַנען: דער וואָלף איז מיט שלום־געדאַנקען געקומען, און אַז פון היינט און ווייטער האָט פון מלחמה צו טראַכטן אויפגעהערט. האָט ער אים ווייטער געשלאָגן, און דאָס מאָל אים שוין אויף אויסצופרובן: און אפשר וועט זיך אין אים צוריק דער וואָלף דערוועקן, אָן זיין געוואוינשאַפט זיך דערמאָנען, און זיך ווידער אַנטקעגן־שטעלן פרובן. האָט אָבער דער וואָלף אויך איצטיגס מאָל אויסגעהאַלטן, אויס־געהאַלטן – און דער מענש האָט מיט אים שלום געשלאָסן, און באַלד אים עסן און טרינקען אַרויסגעטראָגן. אויף מאָרגן האָט דער מענש ביי זיין טיר שוין אויך דעם וואָלפס ווייב און דעם וואָלפס קינדער געטראָפן, און ער האָט זיך אויך אויף זיי מרחם געווען, האָט זיי אָפגעהיטט, און דאָס גאַנצע

געזינטל בײַ זיך צו לעבן, אים צו דינען און אים געטרײַ זײַן געלאָזן.

אָט דאָס איז מיטן וואָלף געווען, און זײַן שטאָלץ האָט פֿון אים דער מענש אַרויסגעשלאָגן, און דו ביזט אַ ל י י ן אַ מענש, און מוזט זיך עס אַ ל י י ן אַרויסשלאָגן...

— איז וואָס ווילסטו? — האָט זיך שוין דער שריפֿט־שטעלער אונטערגעבייזערט.

— כּעס זיך ניט! כ'האָב דאָך דיר פֿאַר דער טעמע נישט ערב געווען, אָבער עס איז מײַן חוב און מײַן באַרוף: אונזער זיידע האָט נישט אומזיסט בײַ ד י י ן זיידען זײַן ערשטע סעודה באַקומען... שלום איז שלום, און דינען און געטרײַ זײַן איז אַ הינטישע זאַך: איך וואָרן דיך.

— דבורים! וואָס מיינסטו?

— איך זעה דײַן צער און קאָן אים ניט צוזעהן: דו און דייניגע האָבן זיך אונטערגענומען איבער זיך אַליין אַריבער־שפּרינגען, און שפּרינגענדיג גייט בײַ אייך דאָס לעצטע ביסל מזומנים פֿון די קעשענעס פֿאַרלוירן. נאָך קלאָרער: איר האָט זיך איינגערעדט: גרעניץ איז באַגרעניצט, דאָס אמתע מלכות איז פֿרייהייט אין חלל, א מרידה קעגן אַל־דער ראָד און קרייזן! און איר האָט זיך אין חלל פֿאַרלוירן, און דער אמת איז אין גרעניצן געגעבן, די אמתע פֿרייהייט איז דאָס ו ו ע ל ן זיך באַפֿרייען, און אַמאָל איז י אָ ך א ו י ף ז י ך נ ע מ ע ן די גרעסטע מרידה... און אָט צוליב דעם האָב איך דיר די מעשה מיטן וואָלף דערציילט.

— ס'איז נאַרישקייט און מסופּקע געשיכטע.

— אין קיין געשיכטעס נ י ט, אָבער אין חלומות גלויבסט דאָך י אָ, טאָ נאַ־זשע דיר אַ חלום.

— וואָס דיר האָט זיך געחלומט?

— ניין, דיר, און דו האָסט פֿאַרגעסן.

דערמאָן.

— בין איך איינמאָל שפעט ביינאַכט אויף דיין טיש גע־שטאַנען, דאָס נאַכט־לעמפל האָט געברענט, און דו ביזט אַנטקעגן אין בעט געלעגן און געשלאָפן. פלוצלום האָסט זיך צעוויינט. פריהער שטיל און באַלד אויפגעהערט, דערנאָך ווידעראַמאָל און שוין אויף אַ קול און ביטער זעהר. און דאָ האָט זיך דער בעל־החלומות אין צימער באַוויזן. דו זעהסט אים ניט, איך אָבער בין מיט אים שוין לאַנג באַקאַנט, פון פיל נעכט און פון פיל באַזוכן זיינע ביי דיר. ער איז באַלד צו דיין בעט צוגעגאַנגען, זיך איבער דיר איבערגעבויגן און דיר די הענט פון האַרצן אַראָפּגענומען. האָסטו זיך באַלד באַרוהיגט. דאַן האָט ער זיך, ווי אַ דאָקטאָר ביי אַ חולה, אויף אַ בענקל, וואָס איז ביי דער זייט פון דיין בעט געשטאַנען, אַראָפּגעלאָזט, אַ שטיקל צייט נאָך געקוקט אויף דיר און דיך מיט די אויגן באַטראַכט. אָפּבאַטראַכט, האָט ער זיך מיט מיר צערעדט ער האָט ביי מיר אויספּרעגן גענומען, ווי לעבט זיך דיר, ווי אַרבעט זיך און ווי גייט עס? האָב איך אים אַלץ, וואָס גע־וואוסט, דערציילט. און די פּאַרענדערונג, וואָס איז אויף דיר די לעצטע צייט צו באַמערקן, און אַז גרויסע יסורים ליידסטו בהקיץ, און אַז ביינאַכט וויינסטו פון שלאָף אָפט. און דער בעל־החלומות האָט מיך אויסגעהערט און געשוויגן, געשוויגן און נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט: „יאָ, ער וויינט. ער האָט אויף וואָס צו וויינען... בהקיץ גיבן זיך ניט אויס די לייט, האַלטן זיך שטאַרק און שטייף מכלומרשט, דערפאַר אין שלאָף אָבער רייסט זיך עס אַרויס פון זיי“...

— און וואָס האָט ער איצט געוויינט?

— ער האָט געזעהן — האָט דער בעל־החלומות דער־ציילט — ווי אַ שטאָט האַלט זיך אין מויערן... ציגל און ליים, שטויב און שטאַבעס, און אַלץ, וואָס ס׳געהערט צו

בויען··· און בויען בויט זיך גיך, און די אַרבעט גייט פלינק··· און אָט זיינען די שטאַבעס שוין צענומען און די מויערן שוין פאַרטיג, און די פענסטער זיינען מיט גראַטעס, ווי אין תּפיסות, געמאַכט, און מיטאַמאָל — און די מויערער בלייבן נישט פון דרויסן, און יעדער מויערער שוין אינעווייניג אין אַ תּפיסה זיצט און פון אַ גראַטע־פענסטער אַרויסקוקט, און פלוצלום, און אַלע מויערן זיינען איין מויער געוואָרן, און אינעווייניג זיצט ער אַליין דאָרט··· און ס׳געדויערט ניט לאַנג, און ער דערזעהט זיך אַלס יונג אָדלערל דאָרט מיט אַ געל שנאָבעלע און מיט קורצע נאָך פליגל, און די אויגן בענקען ביי דעם און פאַרמרה־שחורהט איז דאָס שוין ווי אַן אַלטער געפאַנגענער··· און מיטאַמאָל — און דאָס אָדלערל בלייבט אָדלערל, און ער אַליין זיצט אויף אַ בענקל פאַר דעם, ביי אַ טיש און פאַר פאַפיר, און מיט טינט און פעדער אָנגעגרייט, און דאָס אָדלערל דיקטירט אַ בריוו צו זיין טאַטן, און ע ר ברענגט זי אויף פאַפיר אַרויף.

און אַזוי דיקטירט דאָס אָדלערל:

··· „און נאָך שרייב איך דיר, טאַטע: כ׳בין נאָך קיינמאָל אַזוי עלנט ניט געווען, כ׳האָב נאָך קיינמאָל אַזוי עלנט פאַר קיין ברודער נישט געפילט, ווי איצט און ווי די לעצטע טעג, און כ׳האָדעווע זיך מיט אים, און כ׳עס מיט אים פון איין שיסל אינאיינעם··· און, טאַטע, קיינמאָל האָט נאָך, ווי איך דיר, קיין זון קיין טאַטן נישט ליב געהאַט··· און אַז איך פאַרמאַך די אויגן, שטעלט זיך מיר פאָר, ווי איך מיט דיר אויפן העכסטן וועלט־פעלז זיצן, און די וועלט אַרום אונז איז אַ גרויסע און נישט קיין באַזעצטע, און איך מיט דיר באַטראַכטן זי פון פעלז פון אונזערן, זיצן און קוקן און פון צייט צו צייט מיט די שנאָבלען אונזערע אין אונזערע פע־דערן פיקן··· און מיטאַמאָל טוסטו אַ זאָג צו מיר: „זון, מיר

פליהען!" און מיר לאָזן זיך אַרום דער וועלט און קיילעכיג, דו פאַרפריהער און איך נאָך דיר, און דו ביזט מיר דו, און איך לערן זיך און הייליג די שפּורן דיינע נאָכפליהענדיג, און מיט דיין פאָראויספליהענדיגן אָטעם — אָטעם איך, און ביי דיין אָנגעצייכנטער ראָד האַלט איך זיך... און דו וויזט מיר דיין מלוכה אויס און וואָס איך האָב צו ירשענען נאָך דיר, און איך פליה דיר דיינע שפּורן נאָך, און לערן און געוויין זיך געוועלטיגן...

"טאַטע, און ליב איז מיר אויך דיין תּפיסה... און אַמאָל (און איך בין באַגלויבט אין דרין) וועל אין אַ שטילן פריה-מאָרגן צי אין אַ טונקעלן פאַרנאַכט, ווי אַ שטילער געדאַנק דורך די גראַטעס זיך דורכשלייכן, און שטיל און נישט באַ-מערקט פאַר קיינעם אויף די הויכע און די ווייטע בערג דיך זוכן לאָזן, קיינער וועט מיר דעם וועג ניט פאַרשטעלן, קיינע גראַטעס וועלן מיר קיין צוים ניט זיין, און דערווייל האַלט איך זיך נאָך אויף, און פון צייט צו צייט קני איך און בעט פאַר דיינע גראַטעס: טאַטע, פאַרגעס ניט דיין זון"...

און די בריוו איז געענדיגט, און דאָס אָדלערל איז שטיל פאַרדמיונט, און פלוצלום, און אַז ער (דו, הייסט עס) האָט דעם קאָפּ פון טיש און פון פּאַפּיר און שרייבן אויפגעהויבן און צום פענסטער אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער דערזעהן, ווי די גראַטע איז אויפגעבראָכן, ס'איז דאָ אַן אָרט פאַר אים און פאַרן אָדלערל אויף אַרויסגיין, און ער האָט דאָס אָדלערל פון פאַרדמיונט-זיין אויפגעוועקט, און מיט אַ פינגער דעם אויפן אָפן-געוואָרענעם פענסטער אָנגעוויזן: "קום, ס'איז אָפן..." און דאָס אָדלערל איז פאַרפריהער געגאַן, און ער איז דעם נאָכ-געגאַן, און ביים אָדלערל האָט זיך איינער אַ פליגל נאָכ-געשלעפּט, און געגאַן איז דאָס הינקענדיג און אויסגע-זעהן קרענקליך, און ער האָט דאָס באַלייט פון הינטן, און

אַזוי זיינען זיי אויפן גאַס געקומען. אַז זיי זיינען אַ שטיקל וועג אָפּגעגאַנגען, האָבן זיי אַ בהמה־ און עופה־רופא באַ־געגנט, אַ פולבאַהאַנגענער און מיט מכשירים באַלאָדן, מיט זיינע מעסערלאַך און רופא־געווער אָנגעשטעקט, און מיט זיין גאַרטל־טאַש, מיט פאַרשיידענע זאַלבן און שמיראַכצן אויף שמירן... האָט ער זיך צום רופא געווענדט און אים אָפּגע־שטעלט, אים פאַרהאַלטן און אויפן פליגל אים אָנגעוויזן: ער הענגט זיך אים נאָך און טוט אים וויי, שלעפּט זיך און קאָן ניט פליהען. האָט זיך דער רופא צום אָדלערל אָנגע־בויגן און דאָס ביי דעם פאַכוועלע און ביי דעם געלענקל געטאַפּט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און אַזוי געזאָגט: ס׳איז נישט אויסגעלענקט, נישט אויסגעוועכנט, ס׳איז פון געבוירן, און איך מיין, ס׳איז פאַרפאַלן... האָט ער זיך צעוויינט, און דאָס אָדלערל האָט דערשלאָגן אויסגעזעהן, און דאָס פלי־געלע ביי דעם האָט ווי אַ יתומל און איבעריג־אָפּגעשטאַנען אויף דער ערד זיך געשלעפּט; האָבן זיי זיך נאָכן פליגעלע שבעה געזעצט, דאָס אָדלערל וואו געזעסן, און ער האָט זיך נעבן דעם אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט, און דער רופא האָט זיי העלפן געוואָלט און מיט וואָס נישט געוואוסט, האָט אויך ער זיך אַראָפּגעלאָזט, און אום זיי צו טרייסטן האָט זיי אַן איוב־מעשה דערציילט.

און אַזוי האָט אָנגעהויבן:

פון אַ יריד גיי איך, פערד און בהמות האָב דאָרט געהיילט, קרומע, בלינדע און אויך מאָגן־פאַרשטאָפּטע. ביי אַלעמען האָב פאַרן היילן דאָס געצאָלטס באַקומען. ביי איי־נעם נאָר, אַן אָרימער פאַרשוין עפּעס, מיט אַן אָרים און עלנט פערד־און־וועגל, וואָס דאָס פערד איז ביי אים איינגע־פאַלן, און ער האָט מיך גערופן, און איך האָב אים העלפן נישט געקאָנט, און דאָס פערד האָט אינמיטן דער רפואה די

פיס אויסגעצויגן און ד'עם יריד די נשמה אָפּגעגעבן — האָט מיר פֿאַרן היילן נישט באַצאָלט. נאָר באַלד נאָכן אַוועקפֿאַלן פֿון פֿערדל, האָט זיך אַ שינדער באַוויזן און ביים אָרימען פֿאַרשוין דעם פֿערדס נבלה אַוועקגעהאַנדלט. און אַז דער פֿאַרשוין האָט דאָס געלט באַקומען, האָט ער מיר אַ וואונק געטאָן און מיך אין אַ שענק אָפּגערופֿן: קום מיט מיר אויפֿן לעצטן.

— און מיט וואָס וועסטו אַהיים קומען?

— כ'וועל דיר שוין אין שענק זאָגן.

אַז מיר זיינען געקומען, זיך אַוועקגעזעצט און די ער־שטע און די צווייטע כּוסות גענומען, און מיין פֿאַרשוין האָט זיך צעוואַרעמט און זיין צער און פֿערד־און־וועגל־עלנט האָט פֿון אים אַרויסדעמפֿן גענומען, האָט ער מיר דערציילט; צי וואָר, צי אַ שיכּורער אויסווייז נאָר, בין איך ניט ערב, נאָר געזאָגט האָט ער אַזוי:

— ס'איז מיין לעצטס, און אַהיים קומען האָב נישט מיט וואָס, און אַ סבֿרא, אַז כ'האָב גאָר קיין היים נישט. און בי־נען בין איצט אין צווייטן גלגול, און אין ערשטן בין רייך גע־ווען און פֿיל גוטס געהאַט. און מער וויפֿיל איך האָב געהאַט, מער האָט מען מיר געגעבן... און געווען בין דאַן אַן ערד־פֿאַרמאָגער אַ גרויסער, און פֿעלדער האָב פֿון האָריזאָנט צו האָריזאָנט געהאַט, און אַז די צייט פֿון אַקער איז געקומען און איך בין מיט מיינע פֿערד אין פֿעלד אַרויסגעפֿאָרן, אַזוי האָב אין הימל אויבן איבער מיר אַ פּאָר אָקסן צו אַ אַקער געשפּאַנט דערזעהן; און די אָקסן זיינען איבערן הימל גע־גאַן און איבערן באָדן דאָרט אַ שטויב אויפֿגעהויבן, און פֿון איין האָריזאָנט צום צווייטן, און הין און צוריק, און ווי ביי אַקער מ'איז זיך נוהג, און צו האַלבן טאָג איז שוין מיין האַלב פֿעלד צעאַקערט געווען, און פֿאַרנאַכט, אַז די הימל־

אָקסן זיינען אין האָריזאָנט אויף נאַכטלעגער און אויף אָפּרוה אַוועק, איז שוין מיין פעלד און אינגאַנצן גרייט און שוואַרץ געשטאַנען... אַזוי מיטן אַקער און אַזוי אויך מיט אַנדערע אַרבעט. און אין שניט־צייט — און אין הימל האָבן זיך מיר שניטערס געוויזן און גאַנצע טעג זיך געבויגן און די רוקנס נישט אויסגעבויגן, און שווייס איז פון זיי גערונען, און וואַסער האָבן זיי פון הימל־קריגלאַך געטרונקען, און די תּבואה אין הימל איז אָפּגעשניטן געווען, און מיין פעלד אונטן דאָ איז מיט גרויסע הויפנס פון צונויפגעלייגטע תּבואה־בינטלאַך באַשטעלט געוואָרן... און אין וואָס פאַר אַ זכות — ווייס איך נישט, און פאַר וועמענס גוטע מעשים — אויך ניט, נאָר אַזוי מיטן אַריינגעמען און אַזוי אויך מיטן דרעשן און מאָלן, און אַזוי יאָר נאָך יאָר — און באַשטענדיג מיט נסים, און מיין שטוב איז איבערגעפולט געווען, און מיינע שייערן ביז אין די דעכער אָנגעלייגט, און מיין פיך איז געזונט געווען און איר אַרבעט און איר פרוכט מיר געגעבן, און גאָרנישט איז מיר אָפּגעגאַן, און גאָרנישט האָט מיר געפעלט, און די ברכה איז ביי מיינע שוועלן געלעגן, און מויל און ליפּן האָבן זיך מער נישט געוואונשעוועט.

נאָר איינמאָל, אין האַרבסט־צייט, אין אַ פאַרנאַכט אַמאָל האָט מען מיר פון הימל אַ אורח צוגעשיקט: אַ קרענקליכן און אַ קרעכצנדיגן, אַ שווייגנדיגער און אַליין עפּעס אַ האַרבסטיגער, און ער האָט אין אָוונט מיין טיר איבערגעטרעטן און ביי מיר זיין טאָרבע אָפּגעלייגט. ער האָט זיך אויף נאַכטלעגער געבעטן, כ׳האָב אים ניט אָפּגעזאָגט, כ׳האָב אים אַן אָרט אָנגעוויזן, אָבער צופרידן בין מיט אים ניט געווען: עפּעס האָט ער מיר צו פרעמד און עפּעס נישט־גוטס־ברענגענדיג אויסגעזעהן. ער האָט איבערגענעכטיגט, איז אויפ־

געשטאַנען, איך האָב אים מיט גוט־מאָרגן געבענשט, און ער האָט ווי ניט איינגעהערט. ער איז מיטן פנים צו אַ פענסטער געשטאַנען און אין דרויסן אַרויסגעקוקט. אין דרויסן האָט גערעגנט. אויף די פענסטער האָט די האַרבסט־נעץ געטרערט, און די פעלדער האָבן זיך געווייקט, און דער הימל האָט זיי געצוואָגן, און פלוצלום, און דער אורח האָט זיך אויסגעדרייט און אויף מיר מיין נישט־צופרידן־זיין באַמערקט, און ער האָט מיר פערד פאַר אים שפאַנען געהייסן: ער איז קראַנק און קאָן צופוס ניט גיין... און איך האָב דערווידערט, און איך האָב אים מכלומרשט ביי מיר נאָך פאַרבלייבן געבעטן, און אין דער אמתן האָב דאָס נ י ש ט געוואָלט, און אויך קיין פערד שפאַנען קיין בעלן ניט געווען, און געוואָלט האָב איך, ער זאָל אַליין אַוועקגיין און וואָס גיכער די שטוב פאַרלאָזן. און ער האָט פאַרשטאַנען, און ער האָט מיר גאָרנישט נישט געזאָגט, און ער האָט זיך נאָר צו זיין טאָרבע אָנגעבויגן און זי פון דער ערד אויפגעהויבן, און נישט אויפן אַקסל האָט זי פאַרנומען, נאָר אין דער האַנט אַריין, ווי ער דאַרף זי נאָר אין דרויסן אַרויסטראָגן, און דאָרט וואַרט שוין עמיצער אויף אים. און באמת, ווי ער האָט זיך געזעגנט און פון שטוב אַרויסגעגאַן, און איך בין מיט אים איבער דער שוועל אים אַרויסבאַלייטן אַריבער, אַזוי האָב איך באַלד ביי דער טיר אַ פערד־און־וועגל שטיין דערזעהן. ער איז אויפן וועגעלע אַרויף, אַ טרייב געטאָן און אַ זאָג געטאָן:

— אַז דו וועסט עס אַמאָל דאַרפן, דאָס פערד־און־וועגעלע, איז דאָס אָנגעגרייט פאַר דיר...

און דער אורח איז אַוועקגעפאָרן, און איך האָב צוריק די שוועל איבערגעטרעטן, און עפעס איז פאַרבליבן נאָך אים, וואָס ביים נאָמען איז דאָס נישט אָנצורופן, אָבער געוויס איז דאָס אַ קללה געווען, און געוויס האָט ער זי ערגעץ ביי מיר

אין שטוב אין אַ ווינקל געלאָזט··· פון דעמאָלט אָן, און די פריהמאָרגנס זיינען אומעטיגע פריהמאָרגנס געווען, און די פאַרנאַכטן אין שטוב נישט קיין פריילֿיכע, און אַ זאָרג האָט פון דעמאָלט אָן אין קוימען געהוידעט, און ביינאַכט פלעג אין הייזל ביי מיר עמיצער אויפן לייטער גיין, און דאָס פייער אין אויוון האָט געקנאַקט משונה, און דער לאָמפּ אין אָוונט פלעג זיך עפּעס לעשן אָפּט; און דער האַרבסט איז האַרבסט געווען, און נאָכן האַרבסט איז ווינטער געקומען, און דאָס, וואָס דער אורח האָט געלאָזט נאָך זיך, בין איך אויך אום ווינטער נישט איבערגעקומען: און דאָס פיך האָט זיך צו־קרענקט ביי מיר, און קיין רופא האָט זיך נישט געוויזן, און דאָס פיך איז אַוועקגעפאַלן, און איך האָב אפילו קיין שינדער די פעל פאַרקויפן נישט געהאַט, און צום סוף ווינטער בין אויך איך קראַנק געוואָרן, און אַ צייט אין בעט אָפּגעלעגן, און צו פריה־יאָר, און צו אַקער־צייט האָב שוין נישט געהאַט מיט וואָס אין פעלד אַרויסצופאָרן. און איינמאָל, אין אַ טאָג אַ וואַרעמען, ווען איך האָב זיך פאַר דער שוועל אַרויסגעשלעפּט, האָבן זיך אין הימל די געוויסע גליק־אָקסן באַוויזן. און ווי־דער געשפּאַנטע און ווידער האָב געמיינט, אַז מ י י נ ע פעל־דער מיינען עס, און גערעכנט, אַז דאָס זיינען זיי געקומען מיין אַקער־פעלד באַזאָרגן; האָב איך זיך דערפרייט מיט זיי, און מיט פריהמאָרגן און מיט שפּאַן־און־יאָך זיי געבענשט; האָב איך זיי דאַן נאָכגעקוקט, ווי באַשטענדיג, און פלוצלום — און אויסגעקערעוועט האָבן זיך די אָקסן און פון מיין רשות אַרויסגעגאַן, און צו אַ צווייטן — צו אַ שכן מיינעם — צו אים אויפן גאַנצן טאָג אויף אַרבעט··· פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך צוריק פון דער אַרבעט אומגעקערט און פאַרביי מיינע פעלדער דורכפאָרנדיג, מידע און מיט זון־פאַרגיין זיך געזעגענענדיג, האָב איך זיך צו זיי געקערעוועט און ביי זיי

„פֿאַרוואָס זיי מײדן מיך אויס״ געפֿרעגט. האָט זיך אויפֿן וואָגן בײ זיי ווי יענער אורח מײנער באַוויזן און מיר אַראָפּ־געענטפֿערט: „מיר מײדן דיך ניט אויס, מיר האָבן קעגן דיר גאָרניט, און אויב דו ווילסט, קאָנסטו אַרויפֿקומען, און מאָרגן גאַנץ פֿריה מיט אונז אויף אַרבעט צו דײן שכן אַרויספֿאָרן״.

— און צו מיר? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

— צו דײנע פֿעלדער ליגט אונז דער וועג נישט אַצונד...

און איך האָב פֿאַרשטאַנען: מײן צײט איז מיר פֿאַרגאַן, און מײן ברכה האָט זיך פֿון מיר אָפּגעטאָן. האָב איך זיך מיטן זון־פֿאַרגײן געזעגנט און מײנע פֿעלדער געבענטשט, האָב צו די אָקסן אַרויפֿדערלאַנגט און מ׳האָט מיך אַרויפֿגענומען, באַשטאַנען — און מיט זיי שוין מאָרגן אויף פֿרעמדע פֿעלדער אַרויסגעפֿאָרן.

אַזוי בין איך פֿון דער וועלט געקומען, און לאַנגע יאָרן האָב אין הימל בײ פֿרעמדע גליקן פֿאַר אַן אָנטרײבער געדינט, און דערנאָך, אַז ס׳איז מיר נמאס געוואָרן, האָב זיך צוריק אויף אונטן און אויף אַראָפּ געבעטן... האָט זיך מיר דע־מאָלט ווידער מײן אורח באַוויזן, און נאָך אַלץ אַ קרענקלי־כער, און נאָך אַלץ דאָס אַמאָליגע מיר נישט פֿאַרגעסן, און איזן איז ער דאָרט אַן אויפֿזעהער אויף עפּעס געווען, און עפּעס שליסלען צו טויערן פֿון שטאַלן געהאַט, און אַז ער האָט איצט מײן בקשה דערהערט, האָט ער מיך צו אַ שטאַל צוגעפֿירט, זי אויפֿגעעפֿנט און זײן אַמאָליג פֿערד־און־וועגל מיר אַרויסגעפֿירט:

— דו קאָנסט דאָס נעמען, היט מיר נאָר דאָס פֿערדל אָפּ, ס׳איז אַ שוואַכס בײ מיר; פֿאַלט עס, אַזוי האָסטו נישט מיט וואָס אַהײם צו קומען; איז דײן אָרט דיר דאַן אין אַ שענק זיך וואַלגערן.

אָט אַזוי האָט מיר דער פֿאַרשוין פֿון פֿערד־און־וועגל דערצײלט, און דאָס האָב איך אײך איצט איבערדערצײלט — האָט דער רופֿא פֿאַרענדיגט.

— און צוליב וואָס דערציילט? — האָט ער מיטן אָדלערל בּיים רופא געפרעגט.

— ראשית, אַנטקעגן דעם, אַז ס'זיינען דאָ גלגולים; און מעגליך, אַז אין ערשטן גלגול האָט איר איינעם אַ האַרבסטיגן און הוסטנדיגן גורל אויפן פוס אָנגעטרעטן. והשנית, ווי אַ רופא זאָג איך, קערט זיך אום... שלעכט־שלעכט, אָבער אַ היים איז אַ היים, און קראַנקע דאַרפן זיך ניט שלעפן...

און פלוצלום (האָט דער בעל־החלומות ווייטער דער־ציילט) און ער מיטן אָדלערל האָבן זיך ווידער אין תּפיסה דערזעהן, און די גראַטע איז צוריק גאַנץ געווען, און ווי פריהער קיין אָפנס און קיין אַרויסגאַנג נישט צו מערקן; און דאָס אָדלערל איז ווידער פאַרמרה־שחורהט געווען, און ער דערויף קוקנדיג, טרויעריג זעהר; און ווידער איז ער בּיים טיש מיט פּאַפּיר און פעדער געזעסן, און דאָס אָדלערל האָט אַ בּריוו דיקטירט, דיקטירט און ער האָט געשריבּן:

...„און אַמאָל, ווען איך בּויג דאָס קעפּעלע אונטערן פּאַכ־ וועלע אַרונטער און שטיל און פאַרשטאַרט בּלייבּ אין וואַרעמ־ קייט דאָרט נעכטיגן, זעה איך דעם טאַטן אין הימל, אין זיין הויכן רשות, און בּיז וואַנען ס'איז מיר נאָר ערלויבּט צו קוקן... און אָפט, ווען מיר פליהען אינאיינעם, פאַרלויף איך אים פאַר־ פריהער דעם וועג, און איך פיל זיינע מעכטיגע פליגל אונטער זיך: ווי ער קוקט מיר נאָך און האַלט אין אויג מיך, און מיט זיין זונס פּאָראויספליהען פרייט זיך; און אַמאָל — און דאָס העכסטע גליק מיינס איז, ווען זיין קול פון אונטער מיר צו מיינע אויערן דערגרייכט — ער שרייט מיר נאָך און שטאַרקט מיך דאַן: „אַזוי, זון... גוט און ווי מ'בּאַדאַרף פליסטו“... און דער אָטעם פאַרכאַפּט מיר דאַן, פון פרייד און פון פליהען, און וואָלט איך נאָך אַ רגעלע דאָס קעפּעלע אין פאַכוועלע

געהאַלטן, אַזוי וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן, און דער טאַטע וואָלט אַ יורש אָן אָטעם באַקומען...

„די לעצטע צייט אָבער, טאַטע, ווען איך האָב זיך איינמאָל פאַרקלערט פון דיר, אַזוי האָב איך פלוצלום דיך אויף דיין הויכן פעלז דערזעהן; און אַ ווינט איז געוואָרן, און דער גאַנצער הימל אַרום פעלז האָט זיך אָנגעוואָלקנט, און דער ווינט אויפן פעלז איז זעהר שטאַרק געוועזן, און דיין הויכע נעסט, וואָס צום שפּיץ־פעלז איז צוגעקלעפּט, האָט דער ווינט געריסן, און דו ביזט קוים איינגעזעסן, און די פעדערן דיינע האָבן זיך דיר צעבלאָזן, און דיינע אויגן זיינען דיר מיט בלוט פאַרלאָפן; און פלוצלום — און איך האָב דיך אַן אַלטן דערזעהן, ווי דיינע יאָרן האָבן זיך דיר דערפולט, און דיין צייט איז געקומען פון פעלז און פון דער וועלט צוגענומען ווערן; און גאָר פלוצלום — און דער שטורעם האָט זיך אויף דער גאַנצער וועלט פאַרשפּרייט אין זיין צעבלאָזנקייט — מוראדיג זעהר, און אין הימל האָט זיך אַ פאָרכטיגקייט אָנגערוקט... און אין סאַמע פאָרכטיגקייט און אין סאַמע וואָלקן־מורא, האָט זיך אַן אָרט איינס געעפנט: צוויי אָדלערס זיינען מיט ברענענדיגע ליכט פון דאָרטן אַרויסגעקומען, צו דיר און צו דיין פעלז זיך געלאָזט, און א ו נ ט ע ר זיי, אין אָרט, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעגאַן, האָט זיך אַ גרויסע אָדלער־ראָד באַוויזן, און אינמיטן דער ראָד איז אַ בעטל געשטאַנען, פאַר דיר שוין אָנגעגרייט, אַן אָרט, ווען יענע וועלן דיך פון פעלז מיטברענגען... און יענע זיינען צו דיר מיט די ליכט אונטערגעקומען, און דו האָסט אין שטורעם ווידוי געזאָגט, און דו האָסט זיך אונטערגעגעבן אָדלעריש, און — וויי! — פאַר מיינע אויגן, טאַטע, האָט מען דיך טראָגן גענומען, און איך האָב דיך אפילו באַלייטן נישט געקאָנט... מיה זיך פאַר דיין זון...״

און דאָ האָט דאָס אָדלערל אינמיטן דעם בריוו־דיקטירן דאָס קעפּעלע אין פּאַכוועלע אַריינגעטאָן און זיך צעוויינט. און ער (דו הייסט עס) אויפן אָדלערל קוקנדיג, האָסט אין אַ גרויס געוויין אויסגעבראָכן...

און דאָס הינטל האָט צוגעגעבן:

— און דאָס האָסטו אין חלום געזעהן, און דאָס האָט מען דיר אין חלום געוויזן, און וויינען מעגסטו וויינען, אָבער מיט צעבראָכענע פליגל שלעפּט מען זיך אויף קיין ירידים נישט. אַזוי זאָגן רופאים... געדענקסט דעם חלום?

— יאָ, האָסט מיך דערמאָנט.

— און וואָס?

— אַ דאַנק פאַר דערמאָנען.

— און נו?

— און פאַר דיין מוסר וועט דיר האָנאָראַר קומען.

— און מער גאָר?

— וואָס נאָך? – האָט דער שריפטשטעלער געשמייכלט.

און ער האָט זיך פון הינטל אָפּגעקערעוועט און דאָס אַליין ביים ציין־וויטאָג און ביי די פאַרבונדענע באַקן גע־לאָזן, און אַליין האָט זיך צו טינט און פעדער גענומען, אום דאָס אַלץ אויף פּאַפּיר אַרויפּברענגען.

ג ע ק ע פ ט

— וואָס מיינט מען? אים קרוינען?

— וועמעס קאָפּ איז דען איצט דערביי?

זיינער געוויס ניט!

ער טוט אים ווי זעהר...

און ער נעמט מיט אַ שטייף־אויסגעבויגן און דאַר פינגער־ביינדל און טוט זיך אין מיט שטערן אַ זעץ. שפּרינגט ביי אים דאָס קאָפּ־און־שאַרבן־דעקל, ווי דאָס דעקל פון אַ פּושקע־אָפּ, עפנט זיך אויף, און ס׳קומט פון דאָרט זיין קאָמעדיאַנט, זיין קאָפּ־ווייטאָג אַרויס — אַ פראַנט, קאָמעדיאַנטיש־עלעגאַנט, און פון דעם טאַש פון זיין איבער־רעקל שטעקט זיך אַ טי־כעלע אַרויס, אַ ווייס און מיט אַ פּאַרפומען באַשמעקט, און ער כאַפּט דאָס אַרויס אויף גיך, קנייטשט דאָס צונויף איילנ־דיג, און ער גייט צו זיינע שלייפן און צו זיינע מאַט־פאַר־מאַכטע אויגן צו, באַנעצט זיי, באַשמעקט זיי און זיין קאָפּ־ווייטאָג פאַרגרינגערט...

— ווי פילסט זיך, אָדם? — פרעגט דער קאָמעדיאַנט.

— בעסער; אָבער בעסער וואָלט איך דיך אין די אויגן ניט געזעהן.

און איזן איז דעמאָלט אויף דער נאַכט און שוין נאָהענט צו האַלבע נאַכט, און דאָס צימער, וואו אדם געפינט זיך, איז פול מיט ליכט באַלויכטן, פון לעמפּעלאַך, וואָס הענגען פון דער מיט סטעליע אַראָפּ; און זיין קאָמעדיאַנט איז ניט אַליין פון קאָפּ אַרויס, נאָר מיט מכשירים זיינע, מיט אַ ליילעכל אויף

דער ערד אויסצושפרייטן און מיט זיין פּאָקוס־שטעקעלע זיינע קונצן צו מאַכן. ליגט שוין איצט דאָס ליילעכל אויף דער ערד אויסגעלייגט, און דער קאָמעדיאַנט אויף דעם – אַ וואַנדערנדיגער דערוויש – זיצט, אין אַ לייווענטענעם כאַלאַט און מיט אַ שיסעלע אויף נדבות, די פיס אונטער זיך און זיין שטעקן ניט ווייט אַוועקגעלייגט.

– וואָס איז?

– כ'וויל מיט דיר איצט וועגן קרוינען רעדן: ווי קרוי־נען צו דערנער ווערן.

– פאַרשפּאָרסט, מ'האָט שוין אָפּגערעדט.

– און אויך ווי דערנער, סוף כל סוף, אויס דערנער ווערן,

– מ'ווייס עס אַליין.

– און אַז אַ קאָפּ איז נאָר – ער זאָל ווי טאָן – געמאַכט געוואָרן, דאָס איז זיין באַרוף און זיין איינציגע באַרעכ־טיגונג.

– זעהר שיין!

– און אַז ד יי נ ע ר איז באַרעכטיגט, און איך דין געטריי דיינעם, און מיין פונקציע איז אַ וויכטיגע, און איך פיר זי אויס, ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

– אָנגעלייגט!

– און אַז דו וועסט זיך איבערציילן און דעם חשבון מאַכן, וואָס נאָך אויסער ד ע ם און אויסער מ י ר וועט דיר אויף דיין וועלט בלייבן? גאָרניט!

– גליק און שלים־מזל מיינער, איז וואָס־זשע ווילסטו?

– גיב עפּעס אין שיסעלע... האַלט דיין אָרימען דער־וויש אונטער, ער גייט איבער דיין לאַנד און איבער דיינע שטעט אַרום און ער קאָן דיר פיל וועגן דיינע גיטער דערציילן; פאַרברענג מיט אים.

– פאַרברענג איך, נו?

– בין איך די לעצטע צייט אין דיינער אַ גרויסער שטאָט, אין דיינעם אַ באַגדאַד געווען, אויף אַ מאַרק־טאָג און אויף אַ יריד אַ גרויסן, האָט מען געהאַנדלט און געטומלט לאַנג, און נאָכן האַנדלען און נאָכן איינשטילן זיך פון יריד, האָט דער עולם אין בינטלאַך און אין רעדלאַך זיך צונויפ־געקליבן. מ׳האָט וועגן דיר, וועגן האַר פון לאַנד געשמועסט: ער איז וואויל, האָט מען געזאָגט, און גוט, און מ׳דאַרף אים באַגוטיגן. – „מיט וואָס?״ – און אַלע קליינע רעדלאַך זיי־נען זיך אין איין גרויסן ראָד צונויפגעגאַן, און נאָך לאַנגע שמועסן און רעדעס רעדנערשע, האָט מען באַשלאָסן דיר אַ דענקמאָל שטעלן. און טאַקע באַלד האָט מען געלט קלייבן גענומען. און די רייכע האָבן זיך אַרויסגערוקט איינ־ציגווייז, די פאַרמעגליכע זיינען מיט האַרטע פּרוטות אָפּגע־קומען, נאָר איינער אַ פאַקיר, אַ האַלב־דולער, און מיט אויגן קאַליע האָט פון זיין שויס אַ קראַנק און קרעציג מאַלפּעלע אַרויסגענומען, און אַ צווייטער אויך אַזוינער–האָט זיין טאָג־פּרנסה אָפּגעגעבן. האָב איך דאָס דערזעהן: דאָס אָרימקייט פון די אָרימע און דעם בזיון פון די רייכע – האָב איך זיך צום עולם געווענדט און אים אָפּרעדן גענומען: די זאַך איז קיין זאַך, און די גאַנצע מעשה איז אָפּגעפרעגט און איבעריג... כ׳קען דעם האַר אונזערן, האָב איך געזאָגט, און אַז ביי זיין לעבן, בין איך זיכער, וועט ער אויף קיין דענקמאָל ניט איינ־גיין. בטבע איז ער אַ בעל־פּחדן, ביינאַכט גייט קיינמאָל אין דרויסן ניט אַליין, און דער דענקמאָל מוז דאָך באַשטענדיג – אי ביי טאָג אי ביינאַכט – אינדרויסן בלייבן, און אונזער האַר וועט דאָס ניט דערלאָזן, איך בין זיכער, און פאַר ק י י ן פאַל ניט... און איך האָב אָפּגערעדט דעם עולם, און דעם ערשטן פאַקיר די מאַלפּע אומגעקערט, און דעם צווייטן זיין טאָג־פאַרדינסט; און ביי די רייכע איז פון האַרצן אַראָפּ, און אויך

די פאַרמעגליכע זיינען געוועזן אויפגעלייגט זעהר, און דער עולם איז זיך צוגאַן, און דער פלאַץ איז באַלד ליידיג געבליבן; און דיינע אונטערטאַנער זיינען וואוילע אונטערטאַנער, און דיינע לאַנדס־לייט זיינען פון אַ חוב אַרויס... און געבליבן בין איך מיט זיך אַליין נאָר דעמאָלט, און איך מיט זיך האָבן זיך איבערגעקוקט נאָכן עולמס אַוועקגיין און הנאה געהאַט ביידע, און לאַנג נאָך אויפן פלאַץ דאָרט דעם ענין אַרומצוקלערן פאַרבליבן, זיך אויף אַ שטיין צוגעזעצט און דעם גאַנצן אָוונט שטיל געקלערט פון דעם... יאָ, אדם!

– ס'איז ליגן, קאָמעדיאַנט!

– פאַרוואָס?

– ווייל מיינע אונטערטאַנער ווייסן, אַז איך פאָדער פון זיי גאָרניט, און אַליין זיינען זיי ניט אַזוי שלעכט און נאַריש, און אומזיסט ווילסטו זיי מיר פאַרמיאוסן.

– חלילה, און דאָך...

און דאָ שפרינגט דער דערוויש פון זיין אויף־דער־ערד־זיצן און פון דעם ליילעכל־פאַרשפרייטקייט אויף, און ווידער ווי פריהער, און ווידער קאָמעדיאַנטיש אָנגעטאָן בלייבט שטיין, און ווידער מיט זיין טיכעלע באַשמעקט צו אדמס שלייפן גייט צו, באַנעצט זיי, באַשמעקט זיי, אים דעם קאָפ־ווייטאָג פאַרגרינגערט און אַזוי זאָגט צו אים:

– און איצט, אדם, וויל איך מיט דיר ווידער וועגן קרוינען רעדן, אָבער איצט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן אַנדערע צו קרוינען... איך רעד פון דיין מייסטער... און אָט וועט באַלד האַלבע נאַכט קומען, און ער וועט זיך צו דיר, אַהער אין צימער, מיט זיינע נאָהענטע באַווייזן, און דיין גרויס דרך־ארץ פילט זיך שוין אין דיר, און דיין מורא און כבוד דריקט זיך שוין אויף דיין פנים אויס, און מיך וועסטו צוריק אין קאָפ אַריין פאַרטרייבן, און איך וועל פון דיינס אַ אויג־

שפּעלטעלע אויף וואָס דאָ וועט פּאַרקומען אַרויסקוקן, און צוזעהן וועל איך מוזן, און שווייגן, און אויסהערן, און קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן, און אַ עדות און אַ שטומער זיין, און דעם גאַנצן שווינדל ניט שטערן, און אין אים זיך ניט אריינ־מישן טאָרן...

– קאָמעדיאַנט!

– ערלויבּ!

און דאָ גיט זיך דער קאָמעדיאַנט צו איינער אַ וואַנט אַ לאָז, מיטן שטעקעלע אין האַנט, אין דער לופט מיט דעם עפּעס באַוועגונגען מאַכנדיג, גיט זיך אַ שטעל פאַר דער וואַנט, אַליין אין דער זייט ביי איר, און די גאַנצע איבעריגע פאַר אדמען, פאַרן איינציגן צוקוקער, פריי מאַכנדיג, און דאַן, און אַ פּאָר רגעס אַזוי פאַר איר גרייט שטייענדיג, אַזוי טוט זיך מיטאַמאָל די אויבּערשטע העלפט אירע אַ ריר און פאַרשווינדעט, די אונטערשטע בּלייבּט, און דורך דער ניט־בּלייבּנדיגער אויבּערשטער שטעלט זיך אַ פאַרשוין – אַ פאַרשטעלעניש – אַריין: – אַ הויכער און אַ דאַרער, אין געלן אָנגעטאָן און אויך מיט אַ רעקל אַ געלס, און אין זיין האַנט עפּעס אַ כּלי טראָגט און פאַר אַן אויער האַלט זי, און די כּלי איז עפּעס מיט אַ טישטוכל פאַרדעקט, און מיט דער צווייטער, מיט זיין פרייער האַנט, טוט אַלע ווײַלע מיטן טיש־טוכל דאָס מויל פון כּלי איינדעקן...

– ער האָט געהערט, דער מייסטער דאַרף אַהער קומען, האָט ער אים געבּראַכט אַ נשמה צו פאַרריכטן.

– אַ נשמה? – פרעגט דער קאָמעדיאַנט.

– יאָ.

– און וואָס פעלט איר דען?

– פעסטקייט אין די פיס, די קניעס בּויגן זיך איר, און שוואַך אויף די פיס האַלט זיך. – און דער פאַרשוין גיט

צו: – געבוירן איז זי אַ געזונטע, מיט אַלע אברים׳ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און אויך מיט פּיס אָהן אַ פעלער, אָבער שטיין אויף זיי איז זי ניט בכח, זאָגט זי, און תמיד און באַ־שטענדיג מוז אַ שטיצע און אַ אָנשפּאַר האָבן.

– נו?

– האָט זי זיך געהיילט אַ צייט, געטאָטערט און געדאָק־טערט און אין פיל הייל־ערטער אויסגעוועזן. האָט איר קיינער ניט געהאָלפן. און איצט האָט זי וועגן מייסטער געהערט, און וועגן אדמען, אַז אויך אדם איז אויף דעמזעלבן קראַנק, האָט זי זיך אַהער געבעטן, אום אינאיינעם מיט אדמען צום מייסטער זיך ווענדן.

– באווייז זי.

און דאָ דעקט דער פאַרשוין דאָס טישטוכל אָפּ, און פון טאָפּ און פון אינעווייניג, ווי אַ גומי און אויפשפּרינגענדיג, אַ צווייטער אדם, ווי אַ צווילינג זיינער, כאַפּט זיך אַרויס, שפּרינגט אויף דער ערד אַראָפּ, און פונקט אַנטקעגן אדמען, און פנים אַנטקעגן פנים, בלייבט שטיין.

– וואָס איז דאָ? – ווענדעט זיך דאַן אדם צו די פאַר־שוינען, קוקט זיי אַרום, קוקט אָן, באַטראַכט און פאַוואונדערט זיי, און דער עיקר צום ערשטן, צו זיין קאָמעדיאַנט קערע־וועט זיך:

– וואָס איז דאָ?

– שרעק זיך ניט, ס׳איז גאָרניט. ס׳איז אַ פּאַציענט נאָך איינער און אַ קאָלעגע צו דיין קרענק דיר, און דער, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, איז, ווי איך ביי דיר, נאָר אַ דינער זיינער... קוק אים אָן.

און אדם גיט דאַן אויפן פאַרשוין, וואָס האָט דעם פּאַצי־ענט געבראַכט אַ קוק, און דערזעהט: אמת, דער פאַרשוין און זיין דינער זיינען איינער אויפן אַנדערן ענליך, און דער

פּאַציענט און ער אַליין — חזרן זיך איבער, און דאָס, וואָס ס׳קומט פאַר אים פאָר, איז אים ניט קלאָר, און פון דעם־ וואָס איז פאַר זיינע אויגן געשעהן, מישט זיך אין קאָפּ ביי אים, און — וואָס זאָל דאָס הייסן און וואָס זאָל באַטייטן, און וואָס איז פאַר אַ צווילינג, און וואָס פאַר אַ געמיש דאָ?

— וואָס איז דאָ?

— שרעק זיך ניט, און מיר זיינען ניט איינע, און אַזוינע (זעה!) ווי דו, זיינען אַסך, און אַזוינע (זעה!) ווי מיר, זיינען ניט ווייניג און ניט קיין ביסל.

און אדם טוט אַ קוק און זעהט: — די ווענט פון זיין צי־מער צוגייען און צענעמען זיך פאַמעליך, און זיין צימער צו אַ זאַל עפּעס ווערט, און די זאַל פאַרגרעסערט זיך און שוין צו אַ פעלד אַ גרויס איז ענליך, און דאָס פעלד איז מיט פיל מענשן אָנגעפילט, און די מענשן נאָר פון אדמס און נאָר פון דינערס באַשטייען, און אַלע זיינען אויסגעמישט, און דער עולם איז נאָר פון צוויי מינים אינגאַנצן... און די אדמס זעהען זעהר ערנסט, מיד און בלאַס אויס, און די דינער—מיט דינער־שמייכלאַך אויף די ליפּן... און אַ גרויסע ליכט באַ־לויכט דאָרט אַלעמען, און די שעה איז שוין אַ שפּעטע און די האַלבע נאַכט אַ נאָהענטע, און מיטאַמאָל — און אַלעמענס אויגן אַרויף ווענדן זיך, און איבערן גאַנצן עולם גייט עפּעס אַ מורמל איבער, און אין אַלעמענס אויגן און אין אַלעמענס מורמל: — „דער מייסטער, דער מייסטער״ — פילט זיך... און פלוצלינג און איבער די קעפּ פון אַלע, הויך און אין דער לופט זיך האַלטנדיג, דער מייסטער באַווייזט זיך... און אַלע אדמס דערזעהען אים און דערשרעקן זיך, קאָנען אויף די פיס ניט איינשטיין און פאַלן צו דער ערד אַנידער; און אויך די דינערס דערזעהען אים, און אַז זייערע האַרן זיינען אויף די קני געפאַלן, אָבער די דינערס בלייבן שטיין און אויף

זייערע האַרן מיט פֿאַראַכטונג קוקן... און אויף זייערע ליפּן, די שמייכלען צעוואַקסן זיך, גרויסן זיך און פֿאַרגרעסערן זיך און וואַקסן צו אַ גרויס געלעכטער אויס, און די דינערס לאַכן און לאַכן, און די דינערס בײַ די זייטן האַלטן זיך:

– קעלבער! האַרן־נאַרן!...

– קאָמעדיאַנטן! – שרייט דאַן אדם ניט מיט זיין קול דערשראָקן און מיט פּחד אויס. און די אויגן ווערן גרויס בײַ אים און זעהען ווי פֿאַרשטאַרטע, פּוסטע און ווילדע גלעזער אויס. און ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ דערמאָן, און מיט דער האַנט אין שטערן אַ זעץ, און דאָס קאָפּ־און־שאַרבן־דעקל שפּרינגט בײַ אים ווי פֿון אַ ענגן שלאָס דאַן אָפּ. און דאַן, און צו זיין נאָהענט־שטייענדיגן קאָמעדיאַנט זיך ווענדנדיג, מיט פֿאָדערונג און באַפעל אויף זיין קאָפּ און אויף זיין אויפגעעפֿנטן ווייזט:

– אַריין!

און דער קאָמעדיאַנט פֿאָלגט, און דער קאָמעדיאַנט פֿאַר זיין האַרס באַפעל דערשרעקט זיך, כאַפּט זיך אין קאָפּ אַריין און לאָזט דאָס דעקל באַלד זיך צושליסן...

און דאָס פעלד ווערט אויס פעלד באַלד, און די פּילע פֿאַרשוינען פֿאַרשווינדן פֿונם פעלד. און די ווענט גייען זיך צונויף ווי פֿריהער, און דאָס צימער ווערט צימער ווידער, און נאָר דער פֿאַרשוין, וואָס האָט דעם פּאַציענט געבראַכט, אויף זיין אָרט נאָך מיט זיין געבראַכטן שטייען, שטייען און ווי אויף אדמס וואָרט וואַרטן.

– אין כּלי אַריין! – באַפוילט דאַן אדם.

און דער צווייטער אדם שפּרינגט אין כּלי אַריין, דער דינער דעקט דעם טאָפּ ווידער מיט זיין טישטוכל צו, און אַליין קערעווען זיך צו אדמען מיט דער פּלייצע אויס, און ווי גאָרניט ניט געווען, שטיל דורך דער פֿאַרשוואונדענער

וואַנט ניט בלייבט··· און די וואַנט קערט זיך צו איר פריי־הערדיגן אָרט אום, און דאָס צימער באַקומט זיין אויסזעהן צוריק, און אדם איז אַליין שוין דעמאָלט, אָבער זעהר מיד און זעהר אויסגעמאַטערט פון דעם פאָרגעקומענעם. און ער לאָזט זיך אויף אַ בענקל אַראָפּ, זיפצט שווער פון איבערגע־קומענעם אָפּ, טוט זיך מיט דער האַנט איבערן שטערן אַוויש, און די האַנט ביי אים ווערט פון קאַלטן שווייס אים נאַס..

אַז ער באַרוהיגט זיך, זעהט ער: — ס׳איז האַלבע נאַכט די צייט, מיד און מאַט שלאָגט פון די סטעליע־לעמפּלאַך די שיין דאַן אָפּ, אַ שטילקייט, אַ האַלב־נאַכטישע, אין צימער און אין די ווינקלען הערשט, און די ווענט נאָכן פאָרגעקומענעם ווי נאָך עפּעס וואַרטן, אויף נייס און אויף נאָך, וואָס איבעראַ־נייס דאַרף איצט פאָרקומען···

און די וואַנט, וואָס אדם האָט זיך אַנטקעגן איר אויפן בענקל אַראָפּגעלאָזט, עפנט זיך אויף פּאַמעליך און אין אַ זייט גייט אָפּ··· אַ גלייך און גרויס פעלד דאַן דערזעהט זיך··· און אין גרויסן פעלד, אין שטילן, אַ וועג באַווייזט זיך, אַ וועג, און ווייט אויפן האָריזאָנט זעהט מען דעם מייסטער אָנקומען, און פּ אַ ר אים, אויף אַ גרויסער שטרעקע פאָראויס אַ בינטל תּלמידים מיט ברויט און מיט וויין אין די הענט, אויפן וועג, ווי צו אדמען, גייען. און מיטאַמאָל, און אינמיטן וועג וואַקסט פון ערגעץ אַ טיש אַרויס, און תּלמידים קומען צו אים צו, לייגן דאָס ברויט אַוועק און שטעלן דעם וויין אַנידער, און שטיל צום האָריזאָנט זיך ווענדנדיג, אויפן מייסטער און אויף זיין אָנקומען וואַרטן. און דער מייסטער דערנעהענט זיך, און דער מייסטער גייט צו, און די תּלמידים טרעטן דאָס אָרט אויבן־אָן ביים טיש אים אָפּ, און שוויינגנדיג און מיט כּבוד אָפּגעטראָטן, ביי די טיש־ראַנדן שטעלן זיך. און דער מייסטער הויבט די הענט און די אויגן אויף און

נעמט דעם טיש, דאָס ברויט מיטן ווײַן בענשן: — אַ ברכה אויף דעם טיש, אַ ברכה אויף דעם ברויט און ווײַן און אויף אײַך, תּלמידים... עסט דאָס ברויט און טרינקט דעם ווײַן און האָט אונזערן אַ נײַעם תּלמיד אין זינען: מיר גייען צו אים און קומען, און היינט וועט ער אויף זיך אונזער גוטס און גורל קרוינען.

און תּלמידים עסן, און תּלמידים דעם ווײַן פּרובן, און בשעת עסן דעם מייסטערס ווערטער געדענקען, און דעם נײַעם נאָך ניט־געזעהענעם תּלמיד שוין אין זינען האַלטן.

און אָט, און ווי דער מייסטער דאָרט נעבן זײַנע תּלמידים און אויף זייער עסן וואַרט, אַזוי טוט ביי אדמען עפּעס אין די אויגן אַ שווינדל... דאָס פעלד בלײַבט ניט, און די וואַנט, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט, איז אויף איר פריהעריגן אָרט ווידער. שטיל... נאָר אין דער טיר פון צימער עפּעס אַלייכט קלאַפּן דערהערט זיך:

— אַרײַן! — זאָגט אדם.

און מיטן זאָגן פון דעם וואָרט, דערפילט אדם אַ גרויס אחרוּת פאַרן זאָגן, און אַז דאָס, וואָס פון יענער זײַט, דאַרף באַלד צו אים אַרײַנגיין און זײַן שוועל איבערטרעטן, און ער שטייט פון זײַן אָרט און זײַן בענקל אויף, און מיט פּנים און קערפּער צו דער טיר דאַן ווענדט זיך, און אַזוי, און זיך ווענדנדיג און בכּבוד בלײַבנדיג, מיט דערוואַרטונג אויף זײַן טיר אַרויסקוקט... און די טיר עפנט זיך, און דער מייסטער פאָראויס גייט, און נאָך אים די פעלד־תּלמידים באַווייזן זיך, קומען אַרײַן, און אדם נעמט דאָס בענקל און דערלאַנגט עס דעם מייסטער באַלד, און דער מייסטער זעצט זיך, און אַלע אַרום אים אין אַ רעדל שטעלן זיך...

וויפיל ס׳געדויערן אַזוי די ערשטע מינוטן, ווייס ניט און גיט זיך קיין רעכענונג ניט אָפּ אדם; און ציהען ציהען זיי

זיך לאַנג די מינוטן׳ און געדויערן געדויערן זיי זעהר לאַנג׳ און דאָס צימער ווערט מיט אַ שטילקייט אָנגעפילט׳ פון דעם זיצנדיגן מייסטער און פון די תלמידים שטייענדיגע׳ און דאָס וואָרט פון מייסטער איז נאָך ניט געזאָגט׳ אָבער באַלד דער־הערט זיך עס:

– דו האַלסט ביי קרוינען׳ אדם׳ און אויך מיר האַלטן דערביי׳ און מיר מוזן באַלד אויפן פלאַץ פון די געקעפּטע זיין׳ זעהט! – ווענדעט זיך דאַן דער מייסטער צו אַלע אַרומיגע – און דאָס גאַנצע אדמס צימער פאַרשווינדט מיט־אַמאָל, מיט דער סטעליע און מיט ליכטיגקייט און מיט די ווענט און ווינקלען אַרום. און דער מייסטער מיט די באַגליי־טערס אַלע אויף אַ גרויסן ווילדן פלאַץ געפינען זיך... זעהט מען דאָרט: – דורך דער גאַנצער ברייט פון פלאַץ אַ הויכע וואַנט, וואָס ביזן הימל דערגרייכט, איז אויפגעשטעלט. און די וואַנט איז אַ ליימיגע און אַ טויבע, און עפּעס אַ לייכטער לייטער ווי אַ פלעכטנדיג געוואוקס אויף איר אַרויף פלעכט זיך, און די שטאַפּלען און די טרעפּלאַך פון מענשליכע קעפּ און שאַרבנס זיינען, און די שטאַפּלען זיינען נאָך ווייניג זעהר׳ און ביזן הימל, און ביז דער העכסטער הויך פון וואַנט איז נאָך אַ מהלך און אַ גרויסער זעהר... און דער פלאַץ איז ליידיג, און קיינער קומט ניט אויף אים, און אויף די גרעניצן זיינע אַ פוסטקייט הערשט, און ווער ס׳קומט צו צו זיי׳ פאַלט אויף אים אַ מורא אָן, און ווער ס׳איז שוואַך׳ האַלט זיך פון די גרעניצן גאָר פון וייטן, און ווער ס׳איז שטאַר־קער, שטעלט זיך אַמאָל איין צו זיי צוגענעהענען, אָבער אַלע דערשרעקן זיך און באַלד אויף צוריק פאַרקערעווען; פאַרקערעווען... בפרט, אַז די וואַנט מ׳דערזעהט, ווי הויך און ווייט זי איז, און נאָך מער – אַז מ׳כאַפּט פון ווייטן אויפן לייטער אַ קוק – פון וואָס זיינע שטאַפּלען און טרעפּלאַך

באַשטייען... גייט מען פון דאָרט אָפּ; אָבער איינער אין אַ דור אַ מאָל טרעט י אָ די גרעניץ איבער, און איינער אין אַ צייט אַ מאָל טרעפט זיך י אָ אַ איינשטעלער — קומט ער צו דער וואַנט צו גיין. און דאָרט וואַרט שוין אַ אָרט אויף אים, אַ געריכט־און־משפט־אָרט, מיט אַ קלאָץ, און אַ תליון ביי דער קלאָץ מיט אַ גרויסער שווערד אָנגעגרייט. און יענער איינ־שטעלער איז שוין גרייט, און דער איינשטעלער לייגט דעם קאָפּ אויף דעם קלאָץ אַוועק, און דער תליון האַקט אים אָפּ, ווי ער האַקט... און אַז דער קאָפּ איז אָפּגעהאַקט, גיט אים דער תליון אין די הענט דעם געקעפּטן, און דער געקעפּטער נעמט אים און גייט מיט אים אויפן לייטער אויף, און דער לייטער דאַן מיט אַ קאָפּ העכער ווערט, און דעם לייטער קומט דאַן אַ שטאַפּל צו...

און דער מייסטער מיט די באַגלייטער זיינען יענעם פּלאַץ אַריבערגעטראָטן, צום אָרט פון משפט און קעפּן געגנעהענט, און דער תליון איז שוין אָנגעגרייט געשטאַנען; און דער מיי־סטער האָט דער ערשטער דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט, דערנאָך אים גענומען און מיט אים אויפן לייטער אויפגעגאַן. און נאָכן מייסטער די תלמידים אַלע, און איינער נאָך איינעם דאָסזעלבע, און צום לעצטן איז אדם געווען, און אדמס קאָפּ איז צום העכסטן און לעצטן שטאַפּל געוואָרן.

אַז זיי האָבן דאָס אָפּגעטאָן, האָט זיי דער מייסטער צו־נויפגענומען אַלעמען, אַ גרויס ליכטיגקייט האָט אים דאַן פון אָרט פון זיין פּנים אַרויסגעלויכטן, און אויך די תּלמידימס פּנימער זיינען מיט ליכט באַלויכטן געווען; האָט ער זיי צו־נויפגעזאַמלט און אויפן אָרט פון משפט זיי אויסגעזעצט, אויס־געזעצט און זיי אַזוי געזאָגט:

— תלמידים און געקרוינטע! אַז איר וועט איצט אָהן די קעפּ אַהיים קומען, וועלן אייך אייערע אייגענע און קרובים

אַרומשטעלן און אייערע אויסזעהענס און מזלות באַוויינען.
און אייערע קאָמעדיאַנטן וועלן אייך פאַר די אויגן קומען,
וועלן זיך מיט אייך רייצן און אויף אייערע „מפּלות“ זיך
פרייען און אייך פרעגן: „בעלי־מחות, וואו האָט איר די קעפּ
פאַרלוירן?“ — און איר וועט זיך פאַרלירן, און שעמענדיג
און פאַרשעמטע אויף דער ליכט פון אייערע קעפּ זיי אָנווייזן.
און זיי וועלן לאַכן און חוזק מאַכן, און פאַר די בייכער וועלן
זיי זיך האַלטן, און — „קאָמעדיאַנטן!“ — וועלן זיי אייך
זאָגן — „ווי וועט איר אייער לעבן אָהן אייערע קעפּ אויסקו־
מען, און אויף וועמעס עצות־שטריק האָט איר זיך געלאָזט, און
אונז ניט געהערט, און אונז נאָך קאָמעדיאַנטן אָנגערופן...
און וואָס וועט אייך אַרויסקומען, אַז דער ווינט וועט שוין
אויך אייערע קעפּ אויף דער וואַנט דאָרט הוידן, און — אַ
גליק וועט אייך טרעפן! — אַז עמיצנס פיס וועלן אויף אייך
טרעטן, אום נאָך אַ קאָפּ אויף איבער אייערע אויפצוהענגען“...
אַזוי וועט מען אייך זאָגן. הערט! לאָזט אייערע קרובים זיך
אויסוויינען, און אייערע אייגענע זיך אָפּבאַדויערן, און מיט
די קאָמעדיאַנטן, אַז איר וועט בלייבן, זאָלט איר זיי די מעשה
מיטן בריק און מיטן אַל־בריק דערציילן.
און אַזוי זאָגט צו זיי:

מייסטערס דערציילן.

אַמאָל איז איבער אַ טייך איינעם, פון איין ברעג צום
צווייטן זיינעם, אַ בריק איבערגעוואָרפן געלעגן. אַ בריק, ווי
אַלע בריקן, האָט מענשן און משאות, און פערד און וואָגן
אויף זיך און דורכן טייך דורכגעלאָזט — בייטאָג און ביינאַכט,
אום זומער און אום ווינטער, אין רעגנס און אין שנייען, אין
אַלע וועטערן און אין פאַרשיידענע אינדרויסנס. געדינט און
קיינמאָל זיך ניט געקלאָגט און קיינמאָל צו קיינעם קיין טענות
ניט געהאַט, אַז ס'איז אין אים אַ לאָך געוואָרן, האָט מען אים

פאַרריכט, אַז ס'האָט זיך פּיי אים אַ ברעט אָדער אַ באַלקן אויסגעבראָכן, האָט מען אים נייע אונטערגעגעבן, און ער האָט זיין אַרבעט און זיין זאַך געטאָן: אַ ברעג מיט אַ ברעג פאַראייניגט, און מענשן מיט מענשן צונויפגעפירט, און טאָג ווי נאַכט אויף זיין פּאָסטן געווען, און אָרדנטליך און ערליך זיין בריק־ברויט און זיינע פאַרריכטונגען פאַרדינט...

זיינען אָבער פיל יאָרן אַוועקגעגאַנגען און דער טייך אונ־טערן בריק האָט עפּעס ווי אויסטריקענען געגומען, און אויפן אָרט פון שטראָם און לויפנדיגן וואַסער האָבן זיך אינזלען און מיט ווערבעלאַך באַוואַקסן באַוויזן, און די ברעגן זיינען עפּעס אָפּגעפאַלן און מיט פיל אָטשערעט און טיף אין טייך אַריין זיך באַדעקן געגומען, — האָט זיך איינמאָל אין אָטשערעט אין דאָרטיגן אַ לך באַזעצט. און דער בריק איז שוין דאַן אַלט געווען, און דער בריק האָט שוין אָפּט געקרעכצט און זיך אויף זיין פּאָסטן געקלאָגט, און אַז וועגן מיט גרויסע משאות פלעגן אויף אים אַרויפפאָרן, פלעג ער זיך שוין בויגן און עפּעס שאָקלען דעמאָלט, און פון צייט צו צייט, און בשעת גרויסע געוויסערן ערב־פרילינגדיגע, פלעג ניט אויס־האַלטן און אַ מאָל אויף האַלב נאָר צעריסן ווערן, און אַ מאָל שוין גאָר אינגאַנצן מיטן שטראָם אַוועקגעטראָגן ווערן...

פלעג מען אים נאָכיאָגן, אים פאַרהאַלטן, אים די צייט פון געוויסער פּיי אַ ברעג ערגעץ, און וואוהין ער איז פאַרטראָגן געוואָרן, אָפּהאַלטן, און דאַן ווידער אים אַהיים ברענגען, ווי־דער אים צו זיינע ברעגעס צוקרעמפּעווען, און ווייטער אים צו זיין דינסט און אויף זיין אָרט און עלטער אים אַוועק־שטעלן.

און דער בריק האָט געקרעכצט, זיך געהוידעט און אונ־טער משאות זיך געבראָכן, אָבער באַין ברירה זיין זאַך גע־טאָן, און קיינער האָט אויף זיין ניט־קאָנען קיין אַכט גע־

געבן, און קיינעם איז זיין עלטער און זיין שוין ניט־טויגן אָנגעגאַן, און וועמען אַרט עס, און וועמען גייט עס דען אָן? ... נאָר דער לץ ... בייַנאַכט אַמאָל, ווען דער בריק איז אַליין געבליבן, אין אַ שטיל וועטער, אין אַ נאַכט אַ אויסגעשטערנטער, ווען די ברעגעס שלאָפן, קיין פאָרער און קיין דורכגייער און קיין ברעג־פאַר־בינדונג זייַנען ניטאָ, און טייך ליגט רוהיג, און הימל מיט שטערן אין טייך אויף זיין נאַכט־גרונט שפּיגלען זיך, — פלעג דער לץ דאַן פון אָטשערעט אַרויסגיין, אַ מאָל אויפן בריק און אַ מאָל אונטער אים קומען, זיך אַוועקזעצן און מיטן בריק אַ שמועס פאַרפירן. און דער בריק פלעג זיינע בייטאָגעדיגע אויסשטייענישן אים אויסדערציילן, און דער לץ פלעג אים אויסהערן און מסכים זיין אויף זיין קלאָג, און דער בריק פלעג זיך צו אים נאָך אַן עצה ווענדן, און דער לץ פלעג פאַר אים נאָר איין עצה האָבן:

— נאַר, וואָס האַלסט זיך? וואָס ווערסטו פון די פערדס טלאהען האָבן? און — אַלטער נאַר — וואָס ביסטו פאַר אַ מחויב?:..

און דער בריק פלעג זיך פאַרטראַכטן און מיט טייך און מיט הימל אין טייך זיך איבערקוקן, און יענע זיינען שטיל געוועזן, און יענע האָבן זיך אין שמועס ניט אַריינגעמישט. און נאָר פישעלאַך אין טייך און שטערנדלאַך אין הימל — אַ מאָל פלעג זיך אַ פישעלע אַ וואָרף טאָן, און אַ מאָל אַ שטערנדל אַ פינקל טאָן — האָבן ווי דערווידערט און דאַגעגן געהאַט און דעם אַלטן אויפן לצס עצה זיך ניט לאָזן גערעטן.

אַזוי אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט, אַזוי אַ צייט און אַ לאַנגע זעהר. און דער בריק איז אין אַ מרה־שחורה אַריינגעפאַלן, און דער בריק האָט שוין ניט גערן און אָפּגעלאָזן זיין זאַך געטאָן, און אָפּט און זעהר אָפּט פלעגן זיך שוין אויף אים

אומגליקן מאַכן: — אַ פערד האָט אַ פוס אויסגעבראָכן, אַ מענש איז אין זיינער אַ לאָך אַריין — און צו אָפּט האָט מען אים שוין פאַרריכט, און ס'האָט ניט געהאָלפן דאָס פאַרריכטן.

— בריק, ברעך זיך איין! — האָט אים אַלץ דער לץ געעצהט.

— ס'קאָן דאָך אָבער אַ אומגליק זיין!...

— איז וואָס גייט עס דיר אָן? און וואָס האָסט דו פון ניט קיין אומגליק? וואָס פאַרדינסט דו און וואָס דערלייגסט דו?

— גיי לך, און וואָס וועלן בריקן זאָגן?

— כאַ־כאַ!...

און ס'איז דאַן ביינאַכט געווען. ליכטיגע שטערן האָבן פון איין זייט פון ברעג, פון אונטער אַ באַרג אַרויסגעשיינט, און פון באַרג און פון אַ סטעזשקע אַ דאָרטיגער האָט מען דערזעהן אַ וואַנדערער צום טייך זיך אַראָפּלאָזן. האָט אים דער בריק אויסגעוואַרט, און אַז ער איז אַראָפּגעקומען און פון ברעג אַ פוס שוין אויפן בריק אַ שטעל געטאָן, אויף אים אַרויפגיין געוואָלט, אַזוי האָט ער פלוצלינג פון בריק אַראָפּ־צי פון אָטשערעט אַרויס — אַ קול דערהערט, דער וואַנ־דערער.

— האַלט!

— ווער? וואָס? — האָט זיך דער וואַנדערער דערשראָקן און דעם פוס צוריק צום ברעג אַ כאַפּ געטאָן.

— איך, דער בריק, צו דיר, דעם וואַנדערער: איך האָב דיר וואָס צו פרעגן.

— וואָס?

— איך בין אַלט און אָפּגעפּאָרן, און זעה קיין תכלית־טרייסט מיך.

— און ווער האָט דיר אויפן געדאַנק אַרויפגעפירט?

— דער לץ פון אָטשערעט און מיינע אייגענע ביינער

— זיינען מיינע פיס מיר שוין ביזן בויך געשוואָלן, און דאָס געשווילאַכץ גייט מיר באַלד אונטערן האַרצן אונטער...

— און וואָס?

— און אויך מיינע פיס זעהען קיין תכלית ניט.

— און דאָך?

— און דאָך ביזטו אַ בריק און דו מוזט די מעשה מיטן אַל־בריק וויסן...

און דער וואַנדערער איז אויפן בריק אַרויפגעגאַן, אויף זיין מיט געקומען, האָט פון זיך זיין רוקן־זאַק אַראָפּגעלאָזט, זיך אַוועקגעזעצט און דערציילט:

— דער אַל־בריק, וואָס פירט פון די טיפסטע אָפּגרונטן ביז די העכסטע היכלות, איז — אינאיינעם מיט די אַנדערע זאַכן, וואָס דער האַר גאָט האָט שוין צו זיי קיין צייט געהאָט — פרייטאָג פאַרנאַכט, שוין בין־השמשות־צייט באַשאַפן געוואָרן... זיך לאַנג מיט אים ניט געעסקט, מיט אים ניט גערעדט און זיין באַרוף אים ניט קלאָר געמאַכט, און באַלד אים אַליין איבערגעלאָזט און פון אים אָפּגעגאַן — און דער האַר גאָט איז דעם שבת באַגעגענען אַרויסגעגאַן.

און דער אַל־בריק איז אַליין געבליבן און די ערשטע נאַכט פאַרדמיונט געווען, און שטיל און אין דער פינסטער דאַן זיין פאָרם און זיין פאַרנעם, זיין באַשטאַנד, און וואו אין דער וועלט ער געפינט זיך, באַטראַכט. האָט ער זיך דערזעהן, ווי מיט די פיס אין אָפּגרונט שטעקט, און מיטן קאָפּ אין אַ היכל אַ ליכטיגן געפינט זיך; און אין היכל האָט אַ הייליגע שטיל־קייט גערוהט, און פון יענעם היכל האָט אַ טיר ערגעץ אין אַ צווייטן געפירט, און די טיר אַהין איז פאַרמאַכט; און פון יע־נער זייט טיר האָט יענע נאַכט דער האַר גאָט מיט זיין שבת נאָך דער וואָך און וועלט־מידקייט פאַרבראַכט... איז ער מיט זיין קאָפּ צופרידן געווען זעהר, און מיט זיינע פיס ניט איבע־

ריג, ווייל זיינע פיס האָבן אים געקילט און געגעצט, און נעץ און גליטשיקס, און היפל און משונה שרצים האָבן זיך אויף זיי געווידמעט. האָט ער זיך ניט גוט געפילט מיט זיי. האָט ער פון זיי ניט גוטס געטראַכט, און פון טראַכטן איז צו ניט־צופרידנס, און פון ניט־צופרידנס צו תּרעומות געקומען; תּרעומות, וואָס מען האָט זיך ביי אים ניט אָנגעפרעגט, תּרעומות, וואָס מען האָט אים די ברירה ניט געגעבן, תּרעומות, וואָס דער האַר גאָט האָט באַלד נאָכן באַשאַפן אים פון אים אַוועק־געאיילט, אַוועקגעאיילט און זיך ביי אים ניט פאַרהאַלטן גאָר... און ווי ער האָט אַזוי תּרעומות באַקומען, אַזוי איז דער שטן צו אים מיט אַ ערשטן נאַכטישן וועלט־וויזיט געקומען:

— ער האָט ניט וואָס צו טון, ס'איז נאַכט, און ס'איז שבת, און דער האַר גאָט האָט זיך אין זיין העכסטן היכל איצט פאַרקליבן און זיי — אים, דעם שטן, און דעם אַל־בריק מיט די פיס — האָט אונטן אין די אָפּגרונטן געלאָזט... ס'גייט אים ניט אָן: נעץ און שרצים ווידמענען זיך — זאָלן זיי, ס'איז מיאוס און גליטשיק, — זאָל מיאוס זיין. ער רוהט איצט.

— יאָ — האָט דער אַל־בריק מסכים געווען — און פאַר־וואָס זיך גאָר ניט אָנגעפרעגט?

— יאָ, פאַרוואָס זיך ניט אָנגעפרעגט? און פאַרוואָס איז אַלץ געשאַפענעס צוליב זיך אַליין באַשאַפן געוואָרן, און דו פ אַ ר און צ ו ל י ב אַנדערע: מ'זאָל אויף דיר טרעטן און דיך נאָר איבערגיין?...

און דער שטן האָט דאָ דעם אַל־בריק זיין באַרוף קלאָר געמאַכט; און געוויזן האָט ער אים פון די ערשטע דורות, דערנאָך פון די שפּעטערע און נאָך שפּעטערע, און דערנאָך פון פיל און פון אַל־די דורות אויפגעהער, ווי אַלע אויפגייענ־דיגע היפל מיט זיך ברענגען און פיל נעץ און גליטשיקס

אויפן בריק, און אַ סך פּאַרמיאוסן און פּאַראומרייניגן אים, און — אַרויפגייענדיג און אַרויפדראַפּנדיג זיך, און אַז זיי קו־מען ביז זיין מיט שוין צו גיין און קוקן אויף אונטן אַראָפּ — פּאַרדרייען זיי זיך די קעפּ פּלוצלינג, ברעכן אָפּ און ברעכן אויס, און מיט פּאַרדרייטע קעפּ און מיט געבראַכטן גליטש צוריק אין אָפּגרונט פּאַלן... האָט דאָס דער אַל־בריק דערזעהן, און איבל איז אים געוואָרן און מיאוס זיין זאַך, און אַ עקל האָט אים אָנגענומען, און נאָך מער תרעומות דער־פילט; און דאַן איז דער שטן נעהענטער צו אים צוגעטראָטן און שטיל אים אין אויער איינגעראַמט:

— ביזט באַליידיגט, בריק!...

— איז וואָס?

– ברעך זיך איין!

– איז וואָס וועט זיין?

– וועסטו אַראָפּפּאַלן, און דער האַר גאָט וועט ניט הערן, ווייל דער האַר גאָט איז איצט אין זיין לעצטן היכל פּאַרנו־מען. און פּאַלסטו אַראָפּ, אַזוי וועלן מיר אונטן אונזערע אַ מלוכה גרינדן; וועלן מיר זיך טיילן מיט דער מלוכה; און אויב שוין אַ בריק – איז ניט די הויך מיט דער נידער פּאַר־איינגען, און ניט אויפגעשטעלט שטיין, מ׳זאָל זיך דראַפּן און צוריק פּאַלן, נאָר די לענג מיט דער ברייט פּאַראייניגן, און אַלע וועלן אויף דיר גרינג און לייכט גיין, און גלייך און וואוהין זיי וועלן, וועלן אָנקומען; און די זאַך איז באַרעכ־טיגט, ווייל אויך דער אָפּגרונט האָט רעכט, און צו וואָס אונז אים דינען, אַז מיר קאָנען אליין האַרן זיין. – און לאָז ער דאָ רוהען...

און דער אַל־בריק האָט דעם שטנס רייד אויסגעהערט, און ער האָט זיך פּאַרקלערט, און אַ שלעכטער געדאַנק איז אים אויפגעקומען, און אויפן שטן און אויפן אָנריידער האָט ער

געקוקט, און דער שטן האָט זיך פון אים אָפּגעקערעוועט און אים אַליין באַטראַכטן געלאָזט; און דער אַל־בריק האָט גע־וואַרט און געצווייפלט, זיך געישובט און געקווענקלט, און דאַן, און זיך איבערלייגנדיג, דאָך ניט צו קיין גאַנצער הסכּמה געקומען...

איז אים אַ קעלט און אַ שוידער פון אָפּגרונט איבער זיין גאַנצער לענג און גאַנצן קערפּער איבערגעגאַן, האָט ער אַ ציטער און אַ טרייסל זיך געטאָן און פון יאָ־הסכּמה און ניט־הסכּמה האָט ער נאָר אַ שטיקל בריק און דאָס, וואָס ס׳האָט אין אָפּגרונט געשטעקט, פון זיך אָפּגעטרייסלט.

אין דער מינוט איז די ליכט פון זיין היכל, וואו ער האָט מיטן קאָפּ געשטעקט, טונקל געוואָרן, פון דער טיר פונם צווייטן היכל איז דער האַר גאָט אַרויסגעגאַן; אַ באַרוהטער און אַ פאַרוואונדערטער האָט ער אויפן אַל־בריק אַ קוק גע־טאָן, אַ קוק געטאָן און גאָר ניט ניט געזאָגט, אַ קוק געגעבן און צוריק צו שבתדיגער מנוחה זיך אומגעקערט... און דער שטן האָט זיך שוין פון זיין אויסגעקערעוועטקייט צום אַל־בריק זיך ניט אומגעקערט, און אַ בייזער און ניט־צופרידענער און פון קנאַפּן ערפאָלג פון ערשטן וויזיט זיינעם באַליידיגט, איז פון פאַר אַל־בריקס אויגן פאַרשוואונדן, און פון וואַנען ער איז געקומען, אַהין אַוועקגעגאַן...

ס׳איז שוין פאַרטאָג געווען. און דער טאָג פון שבת איז געקומען, און דער טאָג פון שבת איז אויך רוהיג איבערגעגאַן, און אויף דער נאַכט, אַז דאָס ליכט אין היכל פון אַל־בריק האָט זיך אָנגעצונדן, האָט עס שוין ניט ווי נעכטן, שבתדיג, נאָר שוואַכליך און הבדלהדיג אויסגעזעהן, און באַלד נאָכן ליכט־זיך־באַווייזן, האָט זיך דער האַר גאָט דאָרט אויפן שוועל זיך באַוויזן.

— אַ גוטע וואָך! — האָט ער זיך צום אַל־בריק געווענדט.

און דער אַל־בריק האָט זיך זינדיג און געמינערט געפילט,

עפעס האָט אים געפעלט, און די שטיק, וואָס האָט נעכטן אין אָפּגרונט געשטעקט, איז אים אָפּגעגאַן, און כאָטש קיין פינסטערניש און נעץ פון אָפּגרונט האָט ער שוין ניט געפילט – דערפאַר איז אבער אויך די קרוין זיינע, די ליכט פון זיין קאָפּ טונקל און צוגעשלאָגן געווען.

– אַ גוטע וואָך! – האָט ער דעם האַר גאָט אויף זיין ברכה געענטפערט און די אויגן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט.

און – (גיט דאָ דער וואַנדערער צו זיין מעשה צו) – און איבער יענעם שטיקל פון אַל־בריק מוזן איצט אַלע בריקן אָפּקומען, און די לענג מיט דער ברייט זיינען פון שטן פאַרנומען, און ביי אַלע בריקן האָט ער זיינע לצים באַזעצט. און בריקן ווערן פון זייער באַרוף אָפּגערעדט; און דאָס אָפּ־געבראָכן שטיקל האָט מען זיך זוכן אַוועקגעלאָזט, אום עס ווידער מיטן אַל־בריק באַהעפטן, און שוין לאַנג, אַז מ׳זוכט עס, און ביי די זוכערס זיינען די פיס פון גיין שוין געשוואָלן; און פאַר דער זינד פון קאָפּ פון אַל־בריק און פאַר זיין ליכט־פאַרמינערונג מוזן פיל קעפּ געקעפּט ווערן, אום מיט דער ליכט פון זייערע קעפּ יענץ היכל־ליכט צו דערפולן. – – –

און – „תּלמידים״ (גיט דאָ דער מייסטער צו) „דאָס וועט איר אייערע קאָמעדיאַנטן זאָגן, ווען זיי וועלן צו אייך קומען און אייך צער אָנטון, ווען זיי וועלן צו אייך צושטיין און אייך אויף אייערע קעפּ פרעגן.״

און דער מייסטער ווערט אַנטשוויגן, און ער גייט באַלד פון רעדל אַרויס. און יענער פלאַץ פון וואַנט און פון לייטער פאַרשווינדט באַלד, און ס׳עפנט זיך ווידער דאָס פעלד דאַן אויף, פון וואַנען דער מייסטער מיט די תּלמידים זיינען צום אָנהויב געקומען און זיך באַוויזן פון דאָרט... און דער מיי־סטער איז שוין ווייט, און ער שפּאַרט שוין צוריק־גייענדיג אויף אַ האָריזאָנט ערגעץ אָן, און דאָס ליכט פון זיין קאָפּ

זעהט זיך ווי אַ בלאָס־פּאַרחלשט רעדעלע אויס, און די תּלמידים אונטער אים האַלטן זיך און אויך מיט די ליכט ביי די קעפּ און מיט ברויט און ווײַן אין די הענט — אין דער וועלט אַריין און וואוהין דער מייסטער פירט זיי, עס ברענגען; גייען זיי דאָרט און פאַרגייען, און אדם קוקט זיי נאָך אַ צייט, ביז זיי אינגאַנצן פון זיין אויג פאַרשווינדן... און דאַן, און אדם קערעוועט זיך אויס פון זיי נאָכצוקוקן, אום אויך מיט ז י י ן ליכט צו ז י ך אַהיים זיך אומקערן.

און אַז אדם אַהיים קומט און קוקט זיך דאַן אויף זיין צימער אום, טרעפט ער עס ווי נעכטן און ווי ביינאַכטן גע־ווען; ער אַליין נאָר אין זיין בעט איצט ליגט, און אויפן אָרט פון זיין קאָפּ אים אַ ליכט נאָר לויכט זיך; היימישע און קרובים אַרום זיין בעט שטייען, שאָקלען אויף אים מיט די קעפּ און זיין אויסזעהן און זיין מזל באַוויינען, און ער קוקט זיי אָן און זייער וויינען און זייערע רחמנות־פּנימער באַדויערט. און אַז זיי פאַרלאָזן אים לסוף, צעגייען זיך, און ער אַליין מיט זיין קאָפּ־ליכט בלייבט, און אַז דער קאָמעדיאַנט דאַן באַווייזט זיך, און ווייטער און ווי געווינט, אים צו דינען אַ גרייטער, און מיט דער האַנט אין דער טאַש שוין, אום פון דאָרט דאָס טי־כעלע אַרויסצונעמען, אים דעם קאָפּ־ווייטאָג צו פאַרגרינגערן — צושמייכלט זיך דאַן אדם, טוט מיט דער האַנט אַ מאַך און לאָזט אים ניט צו נאָהענט, און „איבעריג" — טוט אַ זאָג — „זעהסט דאָך, און זיי זיך ניט מטריח"...

— וואָס הייסט? — מאַכט זיך דער קאָמעדיאַנט ניט וויסנדיג, תּמעוואַטע.

— זעהסט דאָך, דיין דינסט איז ניט נויטיג, כ'בין גע־קעפּט, און דו קאָנסט זיך צו עמיצן אַנדערש פאַרדינגען..

און אַז דער קאָמעדיאַנט הויבט אָן, און ווי דער מייסטער האָט פאָראויסגעזאָגט: „סטייטש?" און „וואָס הייסט?"

און „בעל־מח, וואו האָסטו דעם קאָפּ פאַרלוירן?‟ א. אַ. וו. א. אַ. וו.“ — צעשמייכלט זיך שוין גאָר דאַן אדם, אַליין רוהיג, און דעם קאָמעדיאַנט באַרוהיגט, לאָזט אים ניט צוגיין און מיט דער שפּראַך ניט אַרויס, הייסט אים נאָר זיך זעצן און דאָס, וואָס דער מייסטער האָט אים דערציילט, דערציילט אים.

דער נאַר און דער וואַלד־רוח

(אַ אָנהויב)·

יאָרן־לאַנג איז דער נאַר אין ווילדן וואַלד געווען און דעם וואַלד־רוח באַדינט: אים האָלץ געהאַקט, אים וואַסער געטראָגן, אויף אַלע זיינע וועגן אים באַגלייט, אַלע זיינע באַפעלן געפאָלגט, געטאָן און אָפּגעטאָן, און נאָר געשמייכלט און געשוויגן. אַמאָל נאַר, אַמאָל, אַ זומער־טאָג, אַ הייסן און אַ וואַלדישן, ווען טון איז נישטאָ וואָס, ווען אַלץ פאַרן טאָג איז שוין אָפּגעטאָן, און דער טאָג איז נאָך גרויס און דער וואַלד איז פאַרשמאַכט — פון זון און פון זיך און פון טאָג און פון שטיין, און דער וואַלד־רוח איז בטל און אָפּגעלאָזן, און מיד, זומעריג און מיטן־העלן־טאָגעדיג אין זיין אַלטן לינדן־בוים אויף אָפּרוהען גייט אַריין, — אָט דעמאָלט, ווען זון־שאָטנס ליגן ביי בוימער, וואָס שטייען, אין וואַלד, וועלכער רוהט דאַן מיט פויגעלאַך שטילע און נעסטן, נאָך שטילער — אָט דעמאָלט פלעג דער נאַר אין זיין וויטן און נאָר־פאַר־אים־אַליין־וויסיגן וואַלד־ערטל אַוועקגיין, אין דעם שטילן, מיט נידעריגע בוימער און געדיכטע בלעטער פאַרשטעלטן. דאָרט איז אַן אַלטער־אַלטער, מיט מאָך באַוואַקסענער שטיין געלעגן. פלעג ער אַהין קומען, זיך ביי אים זעצן, מיטן רוקן צום שטיין און מיט פנים אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען, און אַזוי, און אויפן נשאר־טאָג אין אַ זיינער און אין אַ וואַלדישער מחשבה זיך אַריינלאָזן. אַליין און אין יענעם אָרט, מיט טאָג־רוה אויפן קאָפּ און מיט קיינעם נישט אַרום זיך, פלעג ער אַזוי

זיצן, אַמאָל פֿלעג אַ שמייכעלע זיין פּנים באַפֿוילן און אויף זיינע ליפּן קומען, אַ קלאָרס און אַ קוועלנדיגס, אַ ריינס און פֿון זיין אינעווייניגסט, פֿלעג ער זיך צעשמייכלען, אַליין און צו זיך, גוט און איבער־גוט, און אַזוי און קוועלנדיג, לאַנג ביי דעם גוטן און ביי דעם נאַרישן בלייבן...

פֿאַרנאַכט אָבער, אַז די זון פֿלעג זיך שוין זעצן, אַז פֿון אַרום און אַרום פֿלעגן שוין שאָטנס אַרויסקריכן און אויף דער לענג און אויף דער ברייט און אויפֿן וואַלד און אויף בוימער זיך לייגן, פֿלעג דער נאַר פֿון זיין אָרט אויפֿשטיין, צום שטיין זיך אויסקערעווען, לאַנג פֿאַר אים שטיין און אויף אים קוקן, און פֿאַרן אַוועקגיין אים אַזוי זאָגן: — בין איך ביי דיר אָפּגעזעסן, שטיין: האָב איך אין דיר אָפּגעגלויבט אַ טאָג, האָב געמיינט, ווי אַלע מאָל, היינט שוין עפֿנסט זיך לסוף, פֿאַר דעם זון־זעצן־פֿאַרגיין, און ציהסט אויס פֿון זיך אַ זון, און דו גיסט זי דעם פֿאַרנאַכט, און אוממעגליך איז שוין נאַכט.. האָב דערויף איך היינט געהאָפּט, האָט ניט איינמאָל מיר גע־דאַכט: ס'גייט דער כּח אין דיר אום, וואָס ער עפֿנט דיך לסוף, האָב איך זיך אין זיך צעלאַכט. — איצטער מוז איך גיין צו־ריק, ווייטער דינען וואַלד און רוח, ווייטער וואַרטן אויף דיר, שטיין, און איך נאַר, און איך גיי...

און אָפּקערעווען פֿלעג זיך דער נאַר פֿון שטיין דעמאָלט אים אין פֿאַרשטעלטן און אין געדיכטעניש פֿאַרלאָזן, אַליין אין וואַלד, צוריקוועגס מיט פֿאַרנאַכט און מיט זון־זעצן זיך לאָזן, און שטיל און שפּעטליך, שוין אין אָוונט און אין טונקל־געוואָרענעם, צום וואַלד־רוח און צו זיין לינדן־בוים קומען און אים נאָך אַ ליגנדיגן און שלאָפֿנדיגן טרעפֿן.

— ווי שפּעט איז? — פֿלעג זיך אין אַ צייט אַרום פֿון שטאַם פֿון בוים אַ הייזעריגע שטים דערהערן.

— שוין שפּעט און צייט צו אויפֿשטיין.

פלעג דער רוח פון דאָרט פריהער דעם קאָפּ און הערנער אַרויסשטעקן, דערנאָך מיט פיס און פעל אַרויסקריכן, זיך ציהען און גענעצן, די ביינער קנאַקן און אויפן נאַרס פּליי־צעס זיך אָנשפּאַרן, און דער נאַר האָט אים געהאַלטן, זיין גוף און זיין שווערקייט, ביז יענער האָט זיך רוחיש און דער־פרישט דערפילט. האָט ער זיך אָוונטיג און אויפגעלייגט אַרומקוקן גענומען, וואו, און אין וואָס פאַר אַ זייט וועט ער היינט עפּעס טון ביינאַכט, וואו און וואָס אַזוינס שטייט אים פאָר די נאַכט... האָט ער געטראַכט, האָט ער זיך דערטראַכט, פלעג ער לסוף מיט אַ באַפעלנדיגן טייט־פינגער דעם נאַר אַ ווייז געבן: זאָל ער די טעפּ און אויף וועטשערע צונויפנעמען, ער גייט מיט אים מיט, און אָט און אַהין און אָט אין יענער זייט אַריין...

אָט אַזוי איז געווען, אַזוי פלעג זיין, לאַנג און יאָרן־לאַנג — און דער וואַלד זיך שטייט, די צייט זיך גייט, דער רוח — דער האַר, דער קנעכט — דער נאַר, און קיינע שום שנויים. נאָר איינמאָל, נאָך אַזאַ מין מיטאָג־שלאָפן און אָוונט־אויפשטיין, האָבן זיך דער רוח מיטן נאַר אין ווייטן וואַלד אַוועקגעלאָזט. די נאַכט אַ זומערדיגע און לבנהדיגע, אַליכטיגע און אַ העלע, זיינען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זיינען לסוף אין עפּעס אַמיט אָנגעקומען. אָנגעקומען, האָבן זיי דער־זעהן: — קיינמאָל זיינען זיי אין יענעם אָרט נישט געווען, קיינמאָל אַזוי פאַרוואַקסן פון גראָזן אונטן, און אַזאַ הויך פון בוימער אויבן נישט באַמערקט, און קיינמאָל אַזוי ווילד, קיינמאָל אַזוי פרעמד, קיינמאָל אַזוי אָוונטיג אין קיינמאָל אַזוי ליכטיג. זיינען דאָרט לאַנגע און ריזיגע בוימער מיט זייער וואוקס און זעטיגקייט געשטאַנען, שטאַמען אין געזונט־זאַפט און מיט וואָרצלען אין בטיחות ערדישן, די שפּיצן אין שיין און די צווייגן ביי די קעפּ געהאַלטן, און מיט מעכטיגקייט

און מיט גידול זייערן דעם רוח און דעם נאַר אפילו ביי זייער צופוסנס נישט באַמערקט: קליינינקע און נישטיגע האָבן זיך ביידע פון אונטן און ביי די שטאַמען אַרומגעדרייט, די קעפּ אַרויף און אויף אויבן פאַרריסן, אויף די בוימער־שפּיצן גע־קוקט, די אויגן נישט אַראָפּצונעמען און צו חידושן זיך נישט אויפגעהערט.

– וואו זיינען מיר דאָ?

– כ׳ווייס נישט. – האָט דער נאַר געענטפערט.

– כ׳דערקען דעם וואַלד נישט.

און באַלד האָט דער רוח דעם נאַר אַ באַפויל געגעבן. זאָל ער די זאַכן דאָ צענעמען, זאָל ער דאָ אַ פייער צעלייגן. זיי מוזן דאָ די גאַנצע נאַכט בלייבן, זיי מוזן דאָס אָרט דאָ אויסקוקן. האָט דער נאַר געפאָלגט: באַלד האָט ער צווישן גראָזן אַ פייער צעלייגט, אויף דערויף דאָס אָוונט־געקעכץ צוגעשטעלט און דאָס זיך קאָכן גענומען. געזעסן און אויפן פייער געקוקט, האָט ער פון מאָל צו מאָל אונטער דעם אונ־טערגעלייגט און דאָס אונטערגעהאַלטן, האָט זיך עס צעברענט און צעפלאַקערט דאָרטן; האָט דערויף דער נאַר געקוקט. דער רוח דערווייל האָט זיך אַרום און פונדערווייטנס אַרומ־געדרייט, דאָס אָרט אויסגעקוקט און לעת־עתה נאָך נישט אָפּגעגאַן און ביים פייער זיך געהאַלטן. נאָכדעם, אַז דער רויך איז שוין הויך אין הימל אויפגעגאַן, איז דער רוח צום נאַר צוגעגאַן און אים אַזוי געזאָגט: – „נאַר, איך לאָז דיך דאָ אַליין, ביים פייער און צו זיצן, דאָס דערהאַלטן, נישט פאַר־שלאָפן. זעה, דער רויך זאָל נאָר אויפגיין... איך אַליין גיי אַוועק, איך אַליין מוז אַוועקגיין, מיטן אָרט זיך באַקענען: ס׳איז ניט שיין פאַר קיין רוח, אַז דער וואַלד – זיין רשות — זאָל גאָר האָבן אַן אָרט, וואָס ער אַליין זאָל נישט וויסן״... אָפּגעזאָגט און אַוועקגעגאַן.

איז דער נאַר שוין דאַן איינער אַליין בּיים פּייער געבּליבּן.
איז ער זיך געזעסן און געזעסן, שטיל, און ווי זיין שטייגער,
אין וואַלד און אין גראָזן, אין שיין און אין וואַלדישער, האָט
ער זיך פאַרטראַכט. האָט ער זיך שטיל צעלאַכט, לאַנג און
לענגער און ווי געוויינליך תּם, שטיל און קוועלנדיג, ווי ער תּמיד,
נאַר, האָט ער זיך אויסגעלאַכט, פאַר זיך און פון זיין הנאה
וועגן, און לסוף און אויפגעהערט, האָט ער זיך נאָכאַמאָל
צום פייער גענומען, שטיל און בשעת שוין־מיטן־ל ע צ ט ן־
שמייכלענדיג, דאָס פאַרגרעסערט. איז דער רויך דערפון הויך
און העכער בּוימער אויפגעגאַנגען, גלייך און מיט זיילן רויכיגע,
אַזוי שטיל און אַזוי לאַנג, אַזוי אָוונטיג און נישט באַמערקט,
ביז דער אָוונט איז פאַרגאַנגען, די האַלב־נאַכט איז געקומען,
און דער רוח איז נאָך צוריק נישט געקומען, האָט זיך דעם
נאַר דאַן שלאָפן פאַרוואָלט, האָט אים דעמאָלט דרימלען
גענומען, האָט ער זיך צום פייער צוגערוקט, זיך איינגעניאָ־
רעט, און אַזוי און זיצנדיג, דעם קאָפּ אויף דער בּרוסט אַראָפּ־
געלאָזט, אים פאַרלוירן און אַנשלאָפן געוואָרן.

און אָט, ווי דער נאַר האָט אונטן שלאָפן אָנגעהויבּן,
אַזוי האָט זיך אויבּן, אויף איינעם אַ הויכן בּוים אַ געזונטן,
בּיים סאַמע שפּיץ דאָרט, אַצווייג זיך צעהוידעט... דאָס האָט
זיך אַ יונגע נקבה אַוואַלד־בּריאה אויפן בּוים זיך באַוויזן, און
אַראָפּ און אויף אונטן, אויפן נאַר און בּיים פייער שלאָפן
קוקן גענומען, געקוקט און זיך געהוידעט, גרינג און וואַלד־
מיידלש, לייכט און קוים מיטן אויג צו באַמערקן, האָט זי זיך
אַזוי לאַנג אַרויף און אַראָפּ באַוועגט, בּיז זי האָט זיך אין
איר הוידן אָפּגעשטעלט, די צווייג מיט איר קערפּער פאַר־
האַלטן, און ווי אָהן וואָג און אָהן אָטעם קיינעם, נאָך לאַנגן
אַראָפּקוקן לסוף אַראָפּגעשריגן: „נאַר, וואָס שלאָפסט דו? איך
גיי פונם שטיין, דער שטיין איז נישט אַליין, דער שטיין האָט זיך

געשפּאָלטן...״ אַראָפּגעשריגן און אויפן נאַר און אויף זיין אויפ־כאַפּן־זיך געוואַרט. נ י ש ט — האָט זי ווייטער אַראָפּגעשריגן:
״וואָס שלאָפסט דו, נאַר? ס׳איז די לעצטע דיין נאַכט, וואָס דו דינסט נאָך דעם רוח, גיי, מ׳וואַרט שוין ביים שטיין, מ׳קוקט אַרויס דאָרט אויף דיר״... און דער נאַר האָט זיך אַלץ נישט אויפגעכאַפּט, האָט זי פון נעבן־זיך אַ גרויסן, האַרטן און טרוקענעם זוימען־נוס אָפּגעריסן, און גלייך און זיך געצילט, און דעם נאַר אין זיין שלאָף־קאָפּ געטראָפן:
— שטיי אויף!
און אַז דער נאַר האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פּאַר זיך שוין דעם צוריקקערנדיגן רוח שטיין דערזעהן, מיט זיין קאָפּ אַרויף און אויף אויבן געקערעוועט, אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָהענטן בוים געקוקט און זיך איינגעקוקט, זיך געחידושט און אַרויפגעפרעגט:
— ווער איז דאָרט?
— איך! — האָט מען אים אַראָפּגעענטפערט.
— ווער איז דער איך?
— די וואַלד־בּריאה.
— וואָס דאַרף זי דאָ?
— דעם האַר פון קנעכטשאַפט אויסלייזן.
— וועמען מיינט זי?
— אים! — האָט זי אויפן נאַר אַראָפּגעוויזן.
און אַז דער רוח האָט זיך צו אים אויסגעקערעוועט און אים אין פּנים אַריינקוקן געוואָלט, האָט ער אים שוין, ווי תּמיד און ווי זיין שטייגער איז געווען, געטראָפן, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און צו דער ערד געהאַלטן, אַזוי און אַראָפּגע־לאָזט און ווי פאַרשעמט געשטאַנען, שטיל און גוטמוטיג און גע־שמייכלט, שולדיג און מבויש ווי פאַר שיין פון שולד, האָט דער רוח זיך צו אים שוין ערנסטער געווענדט, אים פון שטיין געוועקט און אין בושה־שטיין געטאָרקעט:

— האַ, נאַר

— יאָ — האָט אים דער נאַר געענטפערט, דעם קאָפּ אויפהויבנדיג און קוים אין די אויגן אים קוקנדיג — מיר געזעגענען זיך.

און דער רוח האָט שוין געשוויגן.

האָט דער נאַר דעם רוח דאַן זיין אָוונט־געקעכץ אָפּגע־געבן, אַליין און פונדערוואייטנס אויפן קנעכט־אופן געשטאַ־נען, אים אויסגעוואַרט און ביז ער וועט אָפּעסן, האָט ער דער־נאָך די כלים צונויפגענומען און שטיל און אינאיינעם מיטן רוח פון יענעם אָרט און פון יענער נאַכט אויף צוריק און אַהיים זיך געלאָזט. אָנגעקומען, איז דער נאַר צום בוים דאַן צוגעגאַן, שטיל און נאָך געשעהענעם־שטילן זיך אים אַזוי אַנטקעגן געשטעלט, שווייגנדיג און פאַר זיין שטאַם אַזוי גע־שטאַנען, דערנאָך זיך אויף די קני אַראָפּגעלאָזט, מיטן פנים צו דער ערד זיך צוגעבויגן, און שטיל און לאַנג פאַר אים געלעגן. געקניט און געבוקט זיך, אַזוי לאַנג און פאַר זיין ערד, דער בוימישער, ביז ער האָט זיך דערנאָך פון פאַר אים און זיין באַשטאַנד אויפגעשטעלט, צום רוח דאַן צוגעגאַן, אים אין די אויגן געקוקט, און דערנאָך און בקיצור און אַזוי געזאָגט:

— דער נאַר איז דיר דאַנקבאַר.

— פאַר וואָס?

— פאַר לאַנג און פאַר יאָרן, פאַר מיין דאָ־זיין און געוועזענעם...

און נישט געוואַרט נישט אויף גאָרנישט, אויף קיינע רייד און קיינע ווערטער, האָט ער זיך באַלד מיט דער פּלייצע אויסגעדרייט, און שטיל און אָפּגייענדיג, פון רוח און פון ד י נ ע ן צום רוח, זיין אָרט און זיין בוים דאָרט פאַרלאָזט.

אין מדבר

עפּנט זיך אַלע נאַכט אין הימל אַ פענסטערל אויפשטעקט זיך דורך דאָרט אַ קאָפּ אַרויס און זאָגט:

— ווער ס'איז אַ וואַכנדיקער אַצונד, ווער ס'איז אויף נאַכטלעגער אין פעלד געבליבן, אָדער ווער אין אַ שטאָט און אין אַ גאַס אַן עלנטער, זאָל ער אַהערצו צוגיין, זאָל ער אַ האַנט אויסשטרעקן, וועט מען אים אַרויפנעמען, וועט מען אים אַרויפברענגען.

דערזעהט און דערהערט דעם קאָפּ ווען עמיצער, שטעלט ער זיך אונטער דעם פענסטערל און אונטער דעם הימל־אָפענעם אַנידער, טוט ער, ווי מ'האָט אים געהייסן, ווערט ער אין הימל אויפגעבראַכט, אין שטילן און אין דעמאָלטיגן, אין הויכן און אין ביינאַכטישן. דערזעהט ער דאָרט:

ווייט און פאַרלאָזטליך, ווי אויפגעראָמט און אָפגעליידיגט זעהט דאַן דער הימל און זיין ווייטער שטח אויס, פינסטערליך און ווי נאָך אַן אָוונט־געבעט, אַנטשוויגן און צוגעשלאָגן, ווי אַ געבעט־הויז נאָך אָוונט; איז דאָרט דרימלענדיג און פוסט אַרום, שלאָפט דאָרט אַלץ, און ווי אויף דער ערד דער שלעפעריגער נאָר ווייט און אין אַ ווינקל ערגעץ; אַ שיין אַמאָל באַוויזט זיך, אַ שוואַכע שיין און אַ צאַנקענדיגע, אַ פון־ווייט־קומענדיגע און קוים־לויכטנדיגע. גייט מען אַהין צו, דערזעהט מען דאָרט:

אַרום אַ פייערל, אַרום אויף־אַ־באָדן־ברענענדיגס עפּעס אַ הימל־עדה זיצן, אַן אַלטע און אויף נאַכט פאַרבליבענע,

נישט קיין שלאָפנדיגע און וואָס תמיד אויף די ביינאַכטן בלייבט; זיצן זיי דאָרט אַרום פייערל אויסגעזעצט, אַלע זיינען זיי ערנסט און אין דער שעה דער דעמאָלטיגער, שטילע און באַרוהטע—און אין דער נאַכט דער שפּעטער; זיצט צווישן זיי אַ גרייזער זקן אַ הימלשער, אַ ציטערנדיגער און אַ חשובער און פון אלע אַרומיגע אַ געערטער; הערן זיי זיך צו אים צו, צו אים און צו זיין אַלץ־וויסן, צו זיין אַלטקייט און גענוטקייט, און וואָס ער האָט געזעהן און בייגעוועזן, און וואָס ער האָט געהערט און אויך פון אַנדערע, און אַלע אויגן זיינען צו אים געקערעוועט, אַלע אויגן צו זיין מויל און רייד—און ער דערציילט.

שטיל און פינסטערליך איז אַרום־און־אַרום און אויף אַלע עקן פאַרוואָרפענע דער הימל־באָדן ליידיג, ווי אָפּגעליידיגט און אָפּגעקערט און פון קיינעם און נישט באַזוכט דאַן; אַליין נאָר און אויף אַ האָריזאָנט ערגעץ אַ פאַררוקטן דער שטערן־בער דאָרט דרייט זיך, מיטן שטערנדל אין קאָפּ, און אויפן מויל אים זיין מויל־שלאָס; און בעריש און ביי־דר׳ערדיג, און שוואַרץ און שווער־גופיג, און מיטן מויל און ער נישטערט, און מיטן קאָפּ און קערפּער דעם באָדן באַשמעקט ער; זעלטן־זעלטן קומט אַמאָל אַהין און אויך צו דער עדה צו, קומט ער איר פון הינטן אָן, אונטער רוקנס און אונטער פלייצעס זייערע; שטעלט זיך אָפּ און בלייבט שטיין און הערט אויך און הערט, און פון קיינעם און נישט אָנגעזעהן, און פון קיינעם און נישט באַמערקט; גייט ער זיך דערנאָך צוריק אַוועק, פאַרלאָזט ער זיי און אינמיטן, און שטיל און ווי אָנגעקומען, שווייגנדיג און אַזוי ווי ער איז צוגעגאַנגען, אויף ווייטער גיין און אויף צו זוכן, אויף אַכטונג געבן און אַלץ אין הימל אַרומקוקן, און אַלץ אַרומזעהן און באַטראַכטן, אויף נאַכטישן און ווי באַוואָרענען, און אַליין און נישט געדרעמלט איבער אַל־דאָרט דעם דרעמלענדיגן.

און דער אַלטער דערציילט און די איבעריגע הערן.

און איין מאָל אין אַ ביינאַכט אַזאַ מין האָט דער זקן אַזוי דערציילט:

– אַמאָל אין אַ פֿאַרטאָג אַ גרויסן איז אין די ווייטסטע הימלען כביכול פֿאַר דער קדושה דער פריהמאָרגעדיגער אויף זיין כסא־הכבוד געזעסן... שטיל און וועלט־שטילקייט האָט דאַן אויף דעם אָרט דאָרט גערוהט... אַן אומגעהייערע מלאכים־ראָד, אַ ווייטע און אָפּגעטראָטענע, אַ קיילאַכיגע און פון אַ פאַרנעם אַ גוואַלדיגן האָט כביכולן אין זיין מיט און זיצן אַרומגערינגלט; אַ בלאָע ליכט אַ סוף־נאַכטישע, אַ שוואַכליכע און אַ האַלבליכע, האָט איבער אַלץ און אַלעם דאָרט און אַרום־און־אַרום געהערשט; אַ ווייסער חסד־פּאָדים האָט זיך פון איבער זיין שטול און פון כביכולס מיט און כבוד אַרויסגעצויגן, אַרויסגעצויגן און דאָס בלויקייט אָנגעזועהן געמאַכט, אַרויסגעגאַנגען און ווי מיט טאָג אין נאַכט געקומען. האָט כביכול דאַן פון זיין מיט און שטילקייט געקוקט, פאַרטאָג און מיט מנוחה פאַרטאָגיגער. און אַלע האָבן אים מיט זייער בליקן געוואַרט; געוואַרט און זיך שטיל געהאַלטן און מיט גאָרנישט און מיט נישט דאָס שטילקייט יענס נישט געשטערט – נישט מיט קיין ריר און מיט קיין באַוועגונג, נישט מיט קיין פליגל און מיט קיין פּאָך קיין מינדסטן; האָבן זיי זיך אַזוי געהאַלטן, און אַ צייט און אַ לאַנגע צייט. האָט זיך פּלוצום אין שטילקייט יענער דער הייליגער גייסט אין געשטאַלט און ־אין פאָרם פון אַ טייבעלע אַ ווייס זיך באַוויזן און פאַרן כסא־הכבוד געקומען, האָט ער פריהער אַרום כביכול זיצנדיגן שוועבן און רעדלאַך מאַכן גענומען, אַרומגעפלויגן און גערעדלט שווייגנדיג, דערנאָך צו אים צוגעטראָטן און געפרייט זיך, אונטערגעקומען און אים געהייליגט און דאַן – און מיט ציטערניש גרויסן, מיט פאָרכט און ערע גרעסערער האָט פאַר

זיין פּנים זיין ליכטיגן זיך אָפּגעשטעלט, און אים אַזוי אַ פֿרעג געטאָן:

– צי דען ווייסט נישט כּביכול פֿון זיין ערד און זיין מדבר דאָרט דער גרויסער?

– ער ווייסט–האָט כּביכול געענטפֿערט.

– און צי ווייסט ער אויך פֿון זיין נזיר, פֿון זיין דינער דאָרט דעם הייליגן?

– ער ווייסט–האָט כּביכול ווייטער געענטפֿערט.

און דער גייסט האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, דערנאָכדעם צוגעגעבן און צום לעצטן מאָל געפֿרעגט:

– און צי וואָלט ער אים איצט אין זיין פֿריהמאָרגן־תּפֿילה און אין זיין מדבר־געבעט זעהן געוואָלט?

– געוואָלט–האָט כּביכול נישט דערגעגן געהאַט.

– זאָל ער זשע איצט מיט אונז אַלע אויף דער ערד זיך אַראָפּלאָזן און פֿון די ווייטע הימלען צו דער מדבר שוועבן.

– שוועבן...

און אויפגעהויבן האָט זיך כּביכול פֿון דער שטול און פֿון שטילקייט דאַן דעם רוהיגן, ער פֿאַרפֿריהער און דער גייסט באַלד נאָך אים, ער פֿאָראויס און נאָך אים די ראָד צענומען, און שטיל און שווייגנדיג, מיט חיל פֿיל און מיט מחנה אויסגעשטעלטער, פֿון אָרט און קדושהדיגן זיך אָפּגע־טאָן, און שטיל און פֿון הימלען אַראָפּ, מיט פֿאַרטאָג און מיט פֿליגלען פֿאַרטאָגיגע צו דער ערד און צו דער מדבר זיך אַוועקגעלאָזט.

און אָנגעקומען זיינען זיי אַהין צום אָרט דעם דאָרטיגן אין דער פֿריה און צום זונען־אויפֿגאַנג: ווייט און רויט, נאַכ־טיש און מדבריש איז די זון נאָך אויפֿן האָריזאָנט און אין עק־הימל געשטאַנען, טויט און זאַמד־רוה האָבן נאָך אויף

מיילן און אין טאָג־לופט געהערשט, און בערג מיט בוימלאַך מדברשע זיינען נאָך דער נאַכט נאָך בלאַסע און אָפּגעצערטע געשטאַנען... זאַמדן און גראָזן האַרטע האָבן זיך נאָך אין טונקלקייט געקילט, און מיילן אַרום האָבן מיט טאָגן געטאָגט. און די מדבר האָט דאַן געשוויגן טאָגנדיג. האָט די זון אויף דעם אַלעמען פון האָריזאָנט אַרויסגעקוקט, געקוקט און ווי אויסגעוואַרט, אַרויסגיין צו ניין, אָנקומען צו אויפן הימל־עק בלייבן, און דערווייל און נאָך געשטאַנען שטייענדיג, און דערווייל און ווי נאָך צייט און ישוב געהאַט...

האָט זיך פלוצלום דער הימל דאָרט, ווי גרויס ער איז געווען, איבער מדברשן און איבער שטח אומגעהייערן אויפ־געעפנט, און כביכול אין דער מיט און מלאכים אַרום אים האָבן פאַר דער ערד און פאַר וואָס אונטן איז געווען, פאַר פאַרטאָג און פאַר פאַרטאָג־פאָרכטיגקייט זיך באַוויזן.

און דערזעהן האָבן זיי, ווי שטיל און איינער אַליין, אין מדבר און פאַר אַ זאַמד־באַרג פאַר איינעם, איז אַ מענש דאָרט קניענדיג געלעגן, און שטיל און פאַר דער זון דער ווייטער זיין פריהמאָרגן־געבעט געבעטן, געקניט און מיטן פנים צו מזרח געקערעוועט, האָט ער פאַר מדבר און פאַר גראָזן, פאַר טאָג און זיין אַרויסגיין מתפלל געווען, פאַר זון און איר אין־מדבר־זיין און פאַר איר ליכט דאָרט דער פאַרגאָסענער, פאַר דער זאַמד און איר לעכצן, און נאָך אַ טראָפּן איר חלשן, פאַר לופט און דער אָנגעגליהטער און אַרום איר קיין שאָטנדל; קיין וועג און קיין פויגל, קיין קומען און אָנקומען; און דער טאָג איז אַ גרויסער, און קיינער באַפוילט אים, און קיינער נישט ווייזט זיך פאַר אים אין עק הימלען, און קיינער דאָרט זעהט אים — זיין גרויס און זיין אומעט; קיין פאָרער, קיין גייער אויף זיין סטעזשקע נישט טרעטן, קיין וואָלקן דערמאָנט אים נישט איין מאָל, נישט קיינמאָל, אַליין נאָר די היץ און

אַרום די צעגליהטע, אַליין נאָר דאָס ברענען אויף ווייט און מיט פייער, אַליין אויך דער מענש און נאָר איינער, וואָס טאָגט דאָרט, און זעהט אים, באַגלייט אים פון אויפשטיין ביז לייגן, אין דער פריה מיט אַ תפילה און פאַרנאַכט, און ער בעט אים מחילה, ביי אים פאַר זיין צער און זיין מיהונגי פאַר זיין עלנט און פוסטקייט און גאָר־נישט־געבוירן: „זאָל מוחל זיין טאָג, קדוש־טאָג אין דער מדבר, כביכולן זיין טיילן, וואָס ער האָט פאַרטיילט אים, כביכולן זיין זעהן, וואָס ער האָט פאַרזעהן אים, ווייל מסתם איז זיין מיין און ווי תמיד פאַרהוילן, און זיין דאַרף אַזוי, ווי זיין ווילן געוואָלט האָט״.

און אויסגעהערט האָט כביכול אין דער הויך אין הימל אויבן דעם מענשן אין זיין תפילה און אין זיין קניען אונטן; אויסגעהערט, און אַז דער מענש האָט זיין פנים פון דער ערד אויפגעהויבן, און די זון נאָך נישט קיין אויפגעגאַנגענע גע־פונען, די מדבר איז נאָך בלאָס געווען, און דעם הימל אויף דער מדבר הויך און אויפגעעפנט געטראָפן, — אַזוי האָט ער מיטאַמאָל און דערשראָקן זיין קאָפּ אויף אַרויף און אויף הימל־מיט אַ הויב געטאָן, און כביכולן אין דער הויך און אַרום אים די מלאכים אַלע אין אַ ראָד און אין אַ קיילאַכיגער, אַראָפּקוקנדיג און פונקט אויף אים די אויגן און די קעפּ זייע־רע אָנגעשטעלט, דערזעהן, האָט ער באַלד ווידעראַמאָל צו דער ערד אַ פאַל געטאָן, האָט ער דעם קאָפּ אין זאַמד באַ־גראָבן און אין באַגרעבעניש די אויגן געשלאָסן, און שטיל און מיט רחמים נאָר פון אונטן אַרויף, און פון זיין ליג־אָרט צום הימל געשעפּטשעט:

— וואָס וויל דער האַר פון זיין קנעכט האָבן?

— שטיי אויף! — האָט זיך פון הימל און איבער זיין קאָפּ אַ קול דערהערט.

— כ׳בין נישט אימשטאַנד און נישט זוכה.

— שטיי אויף! — האָט אים דאָס קול צום צווייטן מאָל באַפוילן.

און אַז דער מענש האָט געפאָלגט און פון דער ערד און געפאַלנקייט אויפגעשטאַנען און דעם קאָפּ דאָך אַראָפּגעהאַלטן, די אויגן צו דער ערד און די בליקן צו די פיס געקערעוועט, האָט זיך דאַן ווידעראַמאָל דאָס קול פון הימל און איבער זיין קאָפּ דערהערט און אים אַזוי געפרעגט:

— און ווי פון לאַנג שוין וואוינט דער מענש אין דער מדבר?

— פון מיין יוגנט, און זינט מיין שכל איז מיר געגעבן.

— און ביז ווי לאַנג נאָך בלייבט דער מענש אין דער מדבר?

— ביז דער באַגער און דעם הימלס ווילן וועט זיין.

און אַנטשוויגן געבליבן און מער נישט געפרעגט האָט אים שוין דאָס קול פון דער הויך און פון הימל־קומענדיגע, איז דאָס אַנטשוויגן געוואָרן. איז דער מענש אַזוי פון אונטן געשטאַנען און די אויגן אַרויף און צו די הימל־פאַרזאַמלטע נישט אויפגעהויבן; איז ער אַזוי געשטאַנען. כביכול האָט אים אין זיין שטיין און אין זיין ערד־אָנגעבויגנקייט געזעהן און לאַנג אויף זיין אונטערטעניגקייט און אויף זיין הכנעה־קאָפּ געקוקט; האָט ער אים באַטראַכט, האָט די טויב די הייליגע שטיל און אין יענער צייט ווידער אַרום כביכולן אַרומ־שוועבן און אַרומדרייען זיך גענומען, אַרום אים רעדלאַך מאַכן און אים הייליגן, אים לויבן און מיט לופט און טייבל־פרייד זיך פרייען. און אַז זי האָט זיך אָפּגעפרייט, און אַז דער גייסט דער הייליגער האָט זיך פון לויב און ליבן אָפּגע־שטעלט און שטיין געבליבן, און אַז אַלע, וואָס האָבן דאָס צוגעזעהן, האָבן געקוקט און אָפּגעקוקט, און זייער צייט איז אַריבער — האָט זיך כביכול דאַן שטיל און פון זיין מיט־

אָרט דערהויבן און אין די וואָלקנס פֿאַרשוואונדן, נאָך אים דער גייסט דער הייליגער און פֿון זיין פֿאַרשוואונדנקייט און נישט אָפּגעשטאַנען, און נאָכן גייסט די מלאכים־ראָד און אין יענעם אָפּפליה־וועג פֿאַרפלויגן. איז דער הימל דאַן אַ צייט אָפּגעראַמט און אַליין, אויפֿגעעפֿנט און מיט קיינעם נישט פֿאַרנומען געווען, איז ער אַזוי געשטאַנען און געוואַרט. האָט ער זיך דערנאָכדעם פֿאַרמאַכט, האָט ער זיך געשלאָסן, איז דער מענש דאַן אונטער זיין פֿאַרשלאָסנקייט, אַליין און ווי געווען, אין דער מדבר און אין פֿריהמאָרגן געבליבן. און... דאָ הויבט זיך ערשט דער עיקר מעשה אָן.

א.

שטיל און נישט באַמערקט פֿון קיינעם האָט זיך בשעתן הימל־שליסן־זיך פֿון הימל און פֿון אַ זייט, פֿון דער הויך און פֿון אונטער די מלאכים – אַ קליינס און אַ וואָלקנדיגס, אַ פּיצל־דיגס און ווי אַ שאָטנדל זיך אָפּגעטיילט, און שטיל און אָהן שאָרך אָהן מינדסטן, שטילער, און אָהן פֿליגל־פּאָך אפילו פֿאַרשטעלט און פֿויגלדיג, אויף דער מדבר און אויף דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז דער שטן מיט זיין קנאה פֿאַר־באָרגענער, דער שטן מיט זיין מיין זיין תּמידיגן, אַהין און צום הייליגן, אויף אים זעהן, און אויף אים דערקענען, אַראָפּ־געקומען.

וואָרום ווייט און פֿאַררוקט איז ער אין דער פֿריה און פֿאַר דער קדושה דער פֿריהמאָרגנדיגער אין הימל און מן־הצד ערגעץ געשטאַנען. האָט ער דעם הייליגן גייסטס פֿרייד און זיין פֿאַר כּביכולס באַרימען־זיך געזעהן, האָט ער דאָס צוגעקוקט און בייגעווען, האָט ער געשוויגן און זיך שטיל געהאַלטן, זיך איינגעהויקערט און אין זיין זייט־אָרט פֿאַרשטעקט.

און דערנאָך, און אַז אַלע האָבן זיך פון יענעם אָרט אָפּגעטאָן און צו דער מדבר זיך אַוועקגעלאָזט, איז אויך ער דאַן ווי אַ פויגל אַ פאַרשפּעטיגטער הינטן און נישט באַמערקט פון קיי־נעם נאָך דער מחנה נאָכגעפלויגן, צום הימל־עפּענען אָנגע־קומען און אַלץ, וואָס דעמאָלט איז געשעהן, צוגעזעהן, און לסוף, און אַז דער הימל האָט זיך געשלאָסן, און אַז אַלע האָבן אים פאַרלאָזט און צוריק און אין די הויכן פאַרפלויגן, — האָט ער דאַן, קליין און ווי אַ שאָטנדל, ווי אַ פלעק און אַ טונקעלער, פון הימל אַראָפּגענידערט, און לאַנג און אויפן טאָג, ווייט און אין דער מדבר־ווייטקייט, אַליין אויף זיך צו באַטראַכטן, און אַליין אויף זיך אַן עצה האַלטן געבליבן...

לאַנג און דעם טאָג דעם גאַנצן איז ער אַזוי אויף זיין אָרט און ווי באַגראָבן, איינגעבויגן און מיטן קאָפּ צו דר'ערד, געזעסן, נישט אויף דער ווייט און נישט אויף דער מדבר, נישט אויף דער זאַמד און נישט אויף אַרום געקוקט, נאָר שטיל און אַליין, פאַרזאָרגט און אַריינגעטראַכט געווען. די זון האָט אים דעם רוקן געברענט און זיין שאָטן־אָרט באַ־לויכטן, די מדבר האָט זיין באַגרעבעניש געזעהן, זיין פאַר־טיפט־זיין און זיין פאַרטראַכט־זיין דאָרטן, האָט זי אים און זיין קערפּער אַ קליין ערטעלע נאָר אָפּגעטיילט, האָט זי אים און זיין שאָטנדיגקייט צו־נישט מאַכן געוואָלט. איז ער אָבער האַרט און פאַרביסן אויף זיין אָרט געזעסן, האָט ער קליין, אָבער פינסטער, דעם גרויסן ליכטיגקייט נישט אָפּגעטראָטן, נישט קיין שעה און נישט צוויי, נישט דעם פריהמאָרגן, און נישט נאָך־האַלבן־טאָג. די זון האָט געברענט, און ער איז אויף זיין אָרט געבליבן, די זאַמד האָט געגליהט, און ער האָט נישט אָפּגעטראָטן. האָט די זון זיין אָרט און זיין זיצנדיגס, זיין פאַרפעסטיגטס און נישט־אָפּגעטרעטנס פאַרלאָזט, אַליין אויפן טאָג און אויף מדבר זיך אַוועקגעלאָזט, די גאַנצע צייט

אויף דער מדבר און אויף דער מיט דאָס שוואַרץ־פּאַרזעהע־ניש געזעהן, דאָס זיך־שטיל־האַלטן און זיך־נישט־רירן, דאָס אויסוואַרטן און ווי ביז דעמס צייט ווען קומען, — און אַז די זון איז לסוף שוין צו מערב־זייט געקומען, און אויף דער לענג און אויף דער ברייט האָבן זיך אויף מדבר און איר גרויס שאָטנס און טונקלקייט ציהען גענומען, פון האָריזאָנטן און פון ווייט, פון עקן און פון אָנקומען, פון דער שטיל און דער אויפגעגאַנגענער, — האָט זי דעמאָלט אַהין און צו יע־נעם אָרט, צום טאָג־פּלעק און צו דעם שטן־זיצן אַ קוק גע־טאָן און — דערזעהן:

שטיל און אויסגעוואַקסן, אויפגעהויבן און אויסגעגלייכט האָט זיך פאַרן טאָג דעם גאַנצן איצט דאָס פאַרזעהעניש דאָרט דאָס שאָטנדיגע, זיכער און אַרומזעהענדיג זיך, בטוחער און גלויביגער האָט זיך עס איצט פון דער ערד אויפגעהויבן, אויף אַרום־און־אַרום, אויף די שאָטנס און וואָס מערן זיך, אַרומגעקוקט, ווי זיי קומען אָן און ווערן גרעסער, דערנעהענ־טערן זיך און צו זיין אָרט דעם אויסגעזעסענעם; האָט עס זיך געשטאַרקט, האָט עס זיך איבערנעמענדיג און ווי שוין איינגעמענדיג צו דער זון דער פאַרגייענדיגער און צו דער אויף נאַכט אַנטשוויגענער געקוקט, מיט שטאָלץ און גרויס ביי זיך, מיט נצחון און וואָס האָט נאָך בייטאָג געוואוסט; האָט עס נאָך געוואַרט און געשטאַנען אַ ווײַלע, ביז די זון וועט זיך זעצן, און די מדבר וועט דער נאַכט זיך אונטערגעבן.

און אַז ס׳האָט זיך אויסגעוואַרט, אַז שטיל און אַרום־און־אַרום האָבן זיך נאָך זון־פאַרגיין די זאַמדן באַלייגט, און טונקלקייט און שווייגעדיגקייט זיינען פון אַלע ווייטן און האָריזאָנטן אַהער און צו מדבר־בעט און אויף נאַכט געקומען, — האָט זיך עס פון אָרט דאַן אָפּגעטיילט, פון לאַנגן און אויסגע־וואַרטן, פון גאַנצטאָגעדיגן און אויף איצטיגן, האָט זיך עס

אַרויסגעשפּאַנט, און אין געשטאַלט פון אַ בריאהלע אַ צוויי־פיסיגס, אַ קליינס און ביידר׳ערדיגס, אַ מענשעלע און אַ הויקערל, האָט אין מדבר און אויף וועג, און צום אָרט, וואו דער הייליגער האָט געוואוינט, זיך אַוועקגעלאָזט.

שטיל מיט שטילע שרצים־טריט, נידעריג און אויף אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט, איז זיך עס אַזוי אויף דער ערד און אויף פאַרנאַכטישן אַרויסגעגאַנגען. פון זונען־שיין איז שוין קיין זכר נישט געווען, און די פאַרגיי־שטראַלן זיינען שוין אויסגעלאָשן די לעצטע, און אין מדבר האָט דאַן אַ שטילקייט געהערשט, אַן אָוונטיגס און באַשטענדיגס און פון קיינעם נישט געשטערטס, און קיין פויגל־פליגל האָט די מדבר נישט באַפּוילן, און קיין ווינט און ווינטעלע האָט איר שטויב נישט דערהויבן. איז זיך דאָס הויקערל פון זיין אָרט אַרויסגעגאַנגען, פון פאַרנאַכטישן אויף נאַכט און אויף מדבר בנעימות, און שטיל און מיט שטעקן־שפּאַן און מיט הויקער־זיפּצעלאַך פאַמעליך; און דאָס קלייד איז דעם ביז דר׳ערד געווען און ביז איבער די פיס־קנעכל דערגרייכט דאָרט, און לאַנג און גרויס־אַרבלדיג, פאָלעדיג און ברייט־נזיריש; האָט עס אין דעם געשפּאַנט, האָט עס מיט די הענטלאַך און מיט די פיסלאַך אין די אַרבל און אין פאָלעס זיך געפּלאָנטעט, האָט עס אַלע מאָל דעם שטעקן אין זאַמד אַריינגעשטעקט און מיט מיה און מיט שווערינקייט, מיט פיס און טריט אים נאָכגעטרעטן, דעם שטעקן, און אַזוי און אים נאָכטרעטנדיג, און אַזוי און פון אים נישט אָפּשטייענדיג, איז לסוף אין אָוונט און אין שפּעטן פאַר דער הייל און פאַר דעם הייליגנס צוגעקומען און צוקוי־מענדיג אָט־וואָס דערזעהן:

ווייט און פון אַלעם לעבעדיגן דערווייטערט, מדבריש און פון גאָר דער וועלט אַרויסגענומען, האָט טיף אין הייל ביים הייליגן אַ נאַכט־לעמפּעלע דאַן געברענט, פון מדבר־

גראָזן דער קנויט און פון בוימל, דורך אַ געבעט אַ באַקומע־נער: האָט דאָס לעמפּעלע די ווענט און די סטעליע, דאָס הייל־טיפקייט און דאָס אָוונטיגע באַלויכטן, און אויף הויז־ראַד און כלים דאָרטיגע, און אויף טיר און אויף שוועל פאַרשמאָל־טע אַ שיין געוואָרפן. איז דער הייליגער דאַן אַליין און פאַר זיין שלאָפן געווען, איז ער פאַר זיין געלעגער, מיטן פּנים צו דער וואַנט געשטאַנען, און פאַר נאַכט און פאַר לייגן־זיך אין אַ תּפילה און אין אַ זייניגער אַריינגעטאָן געווען.

איז דער הויקער נעהענטער צו דער שוועל און צו דעם אַריינגאַנג צוגעקומען, צוגעגאַן און זיך שטיל באַוויזן, שווייגנדיג און פאַרן אַריבערטריט זיך פאַרהאַלטן; איז ער אַזוי שטיין געבליבן, האָט ער פריהער די הייל און דאָס אינעווייניגסטע אַרומגעקוקט, דערנאָך דעם הייליגן און פאַר זיין וואַנט־זיך־האַלטן באַטראַכט, און געקוקט אויף אים און נישט אויפגעהערט, לאַנג און לענגער, און פון זיין פלייצע קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, און דורכדרינגענדיג און מיט געניטן קוק, מיט מבינות און מיט פאַרשטאַנד מיט דורכנע־מענדיגן, און לסוף און אָפּקוקנדיג, און דערנאָך און אַלץ, וואָס געדאַרפט, דורך זיין קוק געוואויר ווערנדיג, האָט אַ הוסטעלע אַ שטילס, אַן אומיסטנע און פון דער ברוסט אַרויס־גערופנס, אַרויסגעהוסט, און וועגן זיך און וועגן זיין אָנקומען, וועגן זיין שטיין און אויף דער שוועל געפינען־זיך מודיע געווען.

און נישט געהערט, און נישט אָנגעהויבן הערן האָט דער הייליגער דאָס הוסטעלע פון הויקער, איז ער לאַנג און אַ צייט נאָך זיך נישט אויסדרייענדיג און מיטן פּנים צו דער וואַנט געשטאַנען, פאַרטיפט און מיט זיין תּפילה פאַרנומען געווען, פאַרטאָן און וואָס הינטער אים טוט זיך, נישט געוואוסט; נאָר אַז ער האָט געענדיגט, אַז ער האָט פּאַמעליך און

באַרוהט, ווי פון אַ ווייטער און אַנדער וועלט אַראָפּקומענדיג, זיין קערפּער אויף צוריק צו דער הייל און פון זיין וואַנט אויסגעקערעוועט, אַזוי האָט ער פּלוצלום און פון דער שוועל דער דרויסנדיגער עפּעס אַן אָנקומענדיגס און אַ נ י ש ט־ג ע וו י י נ ט ס ד אָ ר ט־ז י י ן דערפילט, האָט ער אַהין דעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער אַהין אַ קוק געטאָן און, מיטאַמאָל, און אומגעריכט זיך, אויף דער טיר און אויף דער היילישער דעם הויקער מיט זיין שטעקן, מיט זיין שטיין און מיט זיין שטילקייט געטראָפן.

האָט דער הייליגער שטיל און אַ פּאָר מינוט, ווי נישט צופרידן און פרעמד, נישט פריינטליך און נישט גערן באַטראַכט דעם הויקער, באַטראַכט און אויף דער שוועל נאָך שטייענדיג, געקוקט אויף אים און אים פונדערווייטנס האַלטנדיג; צוריק דער הויקער, אויפן הייליגן קוקנדיג, האָט נאָך מער זיך איינגעהויקערט, זיינען זיי אַ ווילע אַזוי איינס אַנטקעגן אַנדערן געשטאַנען, און דער הייליגער האָט געזאַמט, געוואַרט און ווי זיך געקווענקלט; און דאַן און נאָכן קווענקלען ווייניגן האָט דאָך זיך צום הויקער געקערעוועט און פון שוועל אין הייל אים אַריינגעבעטן;

— קום אַריין און טרעט אַריבער,

און דער הויקער האָט געפאָלגט, דער הויקער איז די שוועל אַריבערגעגאַן, און דער הויקער איז אין הייל אַריינגעטראָטן און פאַר הייליגן און פאַר זיין היימיש־זיין מיט זיין נ י ש ט־היימישקייט און קליין־געוואוקס געקומען.

— און וואָס וועט זאָגן דער הויקער אין דער מדבר?

נישט געענטפערט און נישט וויסנדיג געמאַכט האָט זיך דער הויקער אויף אָט דער פראַגע פון הייליגן, האָט ער נאָר שטיל און ווי אַן אורח אַן אָנקומענדיגער פריהער אַרום־און־אַרום די הייל און דאָס היילישע ארומגעזעהן, די ווענט

און די סטעליע, דעם באָדן און דעם שוועל־אַריבערטריט באַטראַכט, די גאַנצע צייט און בשעת קוקן ווי אַן אָרט אויף זיך זעצן און אויף אַראָפּלאָזן זיך געזוכט; און דערנאָך און אַלץ באַטראַכט שוין, האָט זיך מיט די אויגן אויפן הייליגנס בעטל אָנגעשלאָגן, און באַלד און דאָס דערזעהענדיג, האָט די אויגן צום הייליגן אויפגעהויבן, און קרעכצנדיג און ווי אויף מידקייט זיך קלאָגנדיג, רשות אויף אַן אָרט דאָרט, אויף זיך אַראָפּלאָזן און אויף אַפּלאַץ פּאַרנעמען געבעטן:

– איך בין מיד און פון וועג פון ווייטן – האָט דאָס הויקערל געזאָגט.

– זעץ זיך, און ס'דיר ערלויבט זיך זעצן – האָט דער הייליגער געענטפערט.

און דער הויקער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

– און אַ טרונק אין דער מדבר קריג איך? – האָט דער הויקער געפרעגט.

– יאָ – האָט אים דער הייליגער געענטפערט און אים באַדינען גענומען.

און דער הייליגער איז צו דער שוועל צוגעגאַנגען און פון דאָרט די וואַסער־קרוג גענומען, האָט ער זי צום הויקער און צו זיין זיך־אָרט צוגעבראַכט, און אין זיין האַנט און צו זיין מידיגקייט, אויף צו טרינקען און אויף זיין דאָרשט צו שטילן זי דערלאַנגט.

און געטרונקען און געשלונגען, און נישט אָפּגעשטעלט און נישט אויפגעהערט האָט לאַנג דער הויקער דאָס וואַסער פון כלי, די גאַנצע צייט דאָס פּנים פאַרשטעלט געהאַלטן, נאָר מיט איין אויג אויף אינעווייניג, און מיטן אַנדערן אויף אַריבער־און־אַרויס געקוקט. און אַז ער האָט אָפּגעטרונקען, און אַז ער האָט מיט דאַנק און דערפרישט צוריק דעם הייליגן די קרוג און שוין נישט גענדאַרפט אָפּגעגעבן, האָט ער צו

אים די אויגן און שוין גלייך צו זיינע אויפגעהויבן, און שוין היימישער און ווי צו־זיך־קומענדיגער, אויפגעלייגטער און פריי־זיך־האַלטנדיג, נאָר מיט אַ מיינעלע און אַ געלעכטערל אים אָט־וואָס אַ פרעג געטאָן:

– כע, כע... און וואָס אַזוינס האָב איך דאָרט ביי דיר געזעהן אין כלי?

– וואָס אין כלי? – האָט דער הייליגער איבערגעפרעגט און נישט פאַרשטאַנען.

– עפּעס האָב איך דאָרט געזעהן טרינקענדיג.

– וואָס געזעהן?

– טו אַ קוק און זעה אַליין – און דער הויקער האָט דעם הייליגן מיט אַ האַנט אויף דער קרוג אָנגעוויזן און אויף אינעווייניג און אויף דעם וואַסער דאָרט אים אַריינקוקן געהייסן.

און אַז דער הייליגער האָט געפאָלגט, די קרוג צו זיין פּנים גענומען, אַהין אַריינגעקוקט און טיף און אין וואַסער אַריין די אויגן געווענדט, אַזוי האָט ער פּלוצלום און אין טונקלקייט דאָרט אָט־וואָס דערזעהן:

אַ מדבר און אַ פאַרטאָג, ער אויף דער זאַמד, און זון נאָך אויף עק הימל ... ס'איז פאַר דעם זון־אויפגאַנג און פאַר איר אַרויסווייזן־זיך, און אַלץ אין דער מדבר נאָך שלאָפט און אין נאַכט און אין חלום פאַרזונקען, ליגט ער דאַן אין דער מדבר־מיט, ווי באַשטענדיג אין ווי פאַרטאָג זיין שטייגער, גאַנץ פריה און מיט אויף זיין מויל זיין תּפילה; ליגט ער און קניט, און אויף זיין קאָפּ איז אַ הימל נאָך אַ נאַכטישער – אַ צו נאַכט איבערגעגעבענער און אַ שטילער, און דער הימל איז געעפנט... און דאָס געעפנטע איז טיף, און ווי אין הימל קאָן געבן, און אין טיפן איז אַ מלאך־ראָד געמאַכט, אַ גרויסע און קיילאַכיגע, אַ לעבעדיגע, אָבער אַ שווייגנדיגע, אַן אַראָפּקוקנדיגע און אַ פאַרגאַפטע ... און אין דער ראָד, אינעווייניג, אַ טייבעלע

דאָרט דרייט זיך, אַרום זיך, אַרום זויבערקייט, וואָס מיט קיינעם איז פאַרנומען, קוקט אַראָפּ און קוקט אַרויף און פאַר מלאכים באַרימט זיך, מיט הויך און מיט זיך און מיט אונטן־פאַרטאָגן, מיט ערד דאָרט און שטיל און מיט ווייט־ווייטער מדבר, מיט זאַמד נאָך אָהן זון און מיט מענש, וואָס ער קניט דאָרט...

– האַ! – האָט דער הייליגער די אויגן פון דער כּלי צו־געכאַפּט און אויפן הויקערל, אויפן בעטל־זיצנדיגן זיי אָנגע־שטעלט: – ווער ביסט דו?

– אַן אורח אין דער מדבר – האָט דער הויקער געענטפערט.

– און וואָס געדאַרפט האָסט דו אין דער מדבר?

– צו דיר און צו דיין חסד האָבן.

– און וואָס אַזוינס?

– די קנאה האָט מיך אויפגעגעסן.

– איז וואָס?

– איז דאָס אַ מעשה, און דו דאַרפסט מיך אויסהערן.

– הער איך.

און דער הויקער האָט אָנגעהויבן:

– האָב איך אין גאָט און אין לייט געגלויבט, האָב איך מיט גוטן מיין שטראָף און מיין הויקער געטראָגן, פון מיין קינדהייט און פון שטוב אַרויס, פון דער יוגנט און אין גאַס אַריינגעקומען, האָב איך זיך מיט קינדער געשפּילט און פון זיי אָפּגעזונדערט געוואָרן, עלטער געוואָרן, און עלטערע האָבן מיך אויסגעטיילט. האָב איך זיך קלאָגן אָנגעהויבן, האָב איך זיך דערווייטערט און מן־הצד געהאַלטן, האָב איך זיך אָפּ־געטיילט און אין מיינע חברימס וועגן נישט געגאַנגען. זיינען זיי עלטער געוואָרן און מיך פאַרגעסן, האָבן זיי מיט אַלע לעבנס געלעבט און פון צייט און יוגנט, וואָס געקאָנט, גענומען. פלעגן זיי מיך אַמאָל באַגעגענען – האָבן זיי מיך נישט געדענקט, בין איך זיי האַרט און פאַר זייער נאָז געקומען – האָבן זיי

אויף מיר רחמנות געהאַט. האָב איך דאָס אַלץ צוגעזעהן און זיי אויסגעמיידט. בין איך אויף זייער סטעזשקע נישט געקומען און מיין לייד און לאַגע נישט געוויזן, האָב איך זיך פאַרשטעקט און אַליין מיר אַ חבר געבליבן, האָב איך די נעכט מיט מיין בעטל און די טעג - מיט פיר ווענט פאַרבראַכט. האָב איך מיך באַטראַכט: האָב איך דאָך פון מענשן און פון עלטערע וועגן כישוף־מאַכער און פעלער־היילער געהערט, האָב איך זיך גע־קלערט: - איך וועל גיין און איך וועל גיין, און צו זיי וועל איך קומען, און וואָס זיי וועלן פאָדערן - פאַר מיר און מיין לעבן. בין איך צו זיי געקומען, האָב איך זיי מיין פעלער און הויקער באַוויזן, האָבן זיי מיך געהיילט: פריהער און פון אַ מינדסטן פינגער מיר בלוט געצאַפט, אַ טראָפּן און אַ טראָפּנדל, און „געזאָגט״ און געשפּראָכן, - האָט עס נישט געהאָלפן; האָבן זיי מיך דערנאָך מיט זייער, שוואַרץ־קונץ רויכערן גענומען, האָב איך זיך געלאָזט און אין קעלערס געקראָכן, האָב איך געגלויבט און פאַר פּייער־פּאַנען מיט געווירצן געשטאַנען, האָבן זיי מיך גערויכערט און פאַררויכערט, האָבן זיי מיך דערנאָכדעם צו זיך און פאַר אַ זייערן גענומען, בין איך ביי זיי און אויף צו דינען זיי און אין זייערע קעלערס געבליבן, מיט אַלט־קעץ און מיט פגר־הינט און מיט פוילוואַרג און מיט שמאַטעס, מיט לצים און מיט אָפּגעקראָכענע, מיט געבראָכענע און געבּרעכטע׳ און מיט שדים און מיט אַלטע, און מיט בלינדע און מיט פּליכעס. האָב איך זייערע זאַכן געטאָן און געפאָלגט, זייערע באַפוילן געהערט און געמוזט הערן, האָב איך זיי געדינט און ביי זיי זיך אויסגעדינט. האָבן זיי מיך לסוף צום שטן־האַר פאַר־קויפט, פאַר אַ רענדל און פאַר אַ פלעדער־מויז, אויף זייער שוועל אַ געקוילעטער. בין איך אין זיין רשות אַריין, האָט ער מיט מיר געטאָן און מיך געפּייניגט, איז ער זיך מיט מיר מיאוס באַגאַן און מיך פאַראומרייניגט, געשענדט און מטמא געוועז

און דערנאָך אויף מיר געשפּיגן, און לסוף ביי מיר דאָס האַרץ אַרויסגענומען, דאָס אויף שדים־מערק פאַרהאַנדלען, און אַזוי און מיך באַנומען, און אַזוי און מיך פאַראומווערדיגט, אויף וועלט און אויף וואַנדערן מיך אָפּגעלאָזט. בין איך געגאַנגען און געגאַנגען, לאַנג געשלעפּט זיך און איבער ישובן און מענשן, איז מיר מיין וועלט און מיין לעבן נמאס געוואָרן און אויף מיין שלעפּן־זיך דאָס אומזיסטיגע. האָב איך זיך לסוף און פון די ישובן אַרויסגערוקט און אַ וועג אין דער מדבר זיך אָנגע־פרעגט, און לאַנג און נאָך מאַטערן־זיך גרויסן אַהער און אַצונד, צו דיר און צו דיין הייל געקומען.

– און נו?

– און איצט אויף דיר, אויף מיין איינציגן, אויף דיר און מיין לעצטע הילף: ביסט גרויס און הייליג, און דער חסד איז דיינער.

– וועל איך פאַר דיר בעטן.

– און אַז דו וועסט נישט געהערט ווערן?

– איז דאָס פון הימל.

– ניין! – האָט דער הויקער אָפּגעענטפערט און שטאַרק און שטרענג אויפן הייליגן זיין קוק אָנגעשטעלט.

– וואָס רעדסטו דו, הויקער?

– דאָס, וואָס דו הערסט, און דעם ריינעם אמת.

– פאַרוואָס?

– ווייל גרויסע האָבן נישט אַזוי געטאָן.

– ווי דען?

– זיך אויסגעצויגן און אויסגעמאָסטן און דעם טויט אויף זיך גענומען.

– איז וואָס וואָלסט דו געוואָלט?

– ביסט גרויס און מעכטיג און קאָנסט דערטראָגן.

– איז וואָס?

– זאָלסט דו אויף זיך מיין הויקער און אומריינקייט נעמען, און מיר דיין ריינקייט און דיין גלייכקייט געבן.

און פאַרשוויגן און שוין גאָרנישט נישט געענטפערט האָט דער הייליגער דעם הויקער אויף די ווערטער זיינע לעצטע. האָט ער נאָר שטיל און ערנסט אויף אים די אויגן אָנגעשטעלט און אויף אים געקוקט, צוריק דער הויקער אויפן הייליגן האָט אָבער דעם קוק נישט אויסגעהאַלטן; און לסוף און נאָך קוקן, נאָך לאַנגן און נאָך מיושבדיגן, נאָך פאַרשטאַנענעם, ווער ס'זיצט פאַר אים, האָט דער הייליגער זיך ווידעראַמאָל צו אים געקערעוועט און נאָכאַמאָל זיין ערשטע פראַגע איבערגעחזרט:

– ווער ביסט דו, הויקער?

– מיט מיין פעלער צו דיין חסד געקומען – האָט דער הויקער געענטפערט.

– נישט אמת – האָט דער הייליגער געזאָגט און באַלד צו אים צוגעגאַן, אויף זיין אַקסל אַ האַנט אַרויפגעלייגט און מיט גוטן און דאָך אַ האַר אויף אים, שאַפנדיג און הייסנדיג, ווי זיך מודה זיין געהייסן.

און אויפגעשטאַנען און אויפגעשטעלט זיך האָט דער הויקער פון בעטל און פון זיצן לאַנגן נאָכן הייליגנס צוגיין און זיין האַנט אויף אים אַרויפלייגן דעמאָלט, איז ער פאַר זיינע פיס און פאַר זיין הויך געבליבן, נידעריג און קליין און פאַרן הייליגן, ווי פאַר ווידוי, און דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַלטן און די אויגן צו דער ערד געזונקען. איז ער אַזוי געשטאַנען און נישט גערירט זיך, געשוויגן און ווי די שטראָף אויף זיך גענומען, און אַזוי און שטייענדיג, און אַזוי און שטיל־שווייגנדיג, דאָס ווייטערדיגע און וואָס ס'וועט פאָרקומען ווייטער, ווי שוין נישט אויסמיידן און נישט אַנדערש מאַכן געקאָנט.

– ווער ביסט דו, הויקער?

און דערזעהן האָט דער הייליגער, ווי שטיל און אומבאַמערקט האָט זיך פונם רוקן אונטן און פון אונטער קלייד אַרויס פון הויקער פריהער אַ פליגל־שפּיץ אַן איינער, אַ שטעכיגער און אַ שוואַרצער, אַ צעשפּרייזטער און ווי פון אַ ראָב אַ גרויסער זיך באַוויזן, זיך באַוויזן און הענגען געבליבן, נישט אויפן אָרט און משונה, און ווי אַ שלעפּ־איבער, און ווי ס׳מאַכט זיך; און דאַן און אַ צווייטער האָט זיך נעבן ערשטן און עטוואָס אָפּגעטרעטן אַרויסגעוויזן, און שוין אַ פּאָר, אָבער נישט גלייכע, נאָר דער ערשטער לענגער, און דער צווייטער קירצער אָנגעזעהן. האָט זיך פאַמעליך־פאַמעליך און בשעת פליגל־אַרויסווייזן־זיך דער הויקער פון אונטער דעם הייליגנס האַנט און זיין האַלטן אים אַרויסגערוקט, נישט געזאָגט און זיין אַקסל באַפרייט, און דער הייליגער האָט אים געלאָזט, און דער הויקער האָט זיך צו דער טיר אַוועקגעלאָזט.

איז דער הויקער אַזוי צו דער טיר געקומען, און שטיין געבליבן, האָט ער אַ ווײַלע אַזוי געזאַמט און געוואַרט. האָט ער דערנאָכדעם דעם קאָפּ אויף אַרויס און האַלבן קערפּער, ווי אויף אינדרויסן אַ קוק טון, איבערגעבויגן, און געקוקט און לאַנג געקוקט, און דערנאָך, און ווי וואָס געדאַרפט, דאָרט דערזעהן. האָבן זיך ביי אים פּלוצלום די פליגלען פון אונטער קלייד באַוויזן און אויפן הויקער־אָרט אַרויס, און מיטאַמאָל, און אויף דער פּלייצע קומענדיג, לעבעדיג און איינס אַנטקעגן אַנדערן זיך אַ שטעל געטאָן, און שוועבנדיג און באַפעדערטע, מעכטיגע און אָנגעדרודלטע און אויף אַרויספליהען שוין גרייטע. און מיט־אַמאָל – און אַ מאַך מיט זיי, און דער הויקער האָט זיך פון דער שוועל־שטייענדיג צום אינדרויסן אַ הויב געטאָן, און אַרויס און אין נאַכט דער גרויסער, אין דער הויך און אין דער מדבר אַוועק...

און שטיין געבליבן איז דער הייליגער אַליין אין הייל דאַן נאָכן אָפּפליהען און נאָכן פאַרשוואונדן־ווערן פון הויקער, איבער־

געלאָזט און פאַר די וועגט פאַר זיינע, אַליין און פאַר זיין לעמפּעלע אין אָוונט. געשטאַנען און נישט גערירט זיך, נישט אַרויסגעגאַן און וואוהין דער הויקער איז אַוועקגעפלויגן נישט נאָכגעקוקט. נאָר שטיל און מיט אַ מחשבה אַ זיינער, אַ שווייגנ־דיגער און דערהויבענער, אַ הייליגער און פון הייליג־שטאַמענ־דיגער, נאָכן טאָג פאַרגאַנגענעם און נאָכן אָוונט פאָרגעקומענעם אַליין און אויף דער נאַכט, און אַזוי אין איר צו בלייבן געבליבן.

ב.

און יענע נאַכט איז פאַרגאַנגען, און דער מאָרגן איז גע־קומען. און דער הייליגער האָט זיך צו זיין סדר און צו זיין לעבנס־שטייגער גענומען, ווי תּמיד און ווי אַלעמאָל אין די פאַרטאָגן אויף אַוועקגיין, אין דער מיט און אין דער מדבר, אויף זיינע תּפילות מתפּלל צו זיין, און דערנאָך און אין דער הייל זיך אומצוקערן, און אויף פריהמאָרגן שוין דאָרט בלייבן, אויף צו טון און זיך אַרומקוקן און אויפן טאָג זיך דאַן פאָר־גרייטן, וואָס צום עסן און וואָס צום טרינקען, און אַ מענשן וואָס איז נויטיג. פלעגט ער אין הייל ערשט מיטן זון־אויפגאַנג זיך אומקערן, פלעגט ער דאַן פריהער די וועגט און אַרום און אַלץ היימישע באַטראַכטן, און זיך נעמען און דאָרט צוקלייבן, און אַלץ אין אָרדענונג דאָרט ברענגען, און דאָס בעטל זיך פאַרבעטן, און אויף אָוונט לאָמפּ פאַרגרייטן. און דערנאָך, און אַלץ שוין אָפּגעטאָן, פלעגט ער ערשט צו דער שוועל און צו דער טיר דאַן צוגיין, פון דאָרט די וואַסער־קרוג נעמען און מיט איר פון הייל אַרויסגיין, און שטיל און איבער מדבר זוניגער ווייט צו זיין קוואַל, און וואָס פאַר־אים־אַליין־נאָר־וויסיגן, זיך לאָזן.

און געפונען האָט זיך דער קוואַל ביי אַ פעלז און ביי אַ צופוסנס אַ פעלזישן, אין אַ גראָבן און צווישן ריטלאַך־געוויקסן

דאָרט איינגעדעקט; האָט דער קוואַל פון אַ טיף און פון אַ פאַרבאָרגעניש אויף אַ זאַמד און אויף אַ קלאָרער אַרויסגעקוועלט· פון אַ קאַלטקייט און פון אַ פאַרשטעלטקייט מיט אַ מויל און מיט אַ וואַסער־מיילעכל; האָט דאָס וואַסערל· דאָס זויבערע און שטיל־שטראָמיגע· פאַמעליך און אַ ריטשקעלע זיך מאַכנדיג· אויף אַרויס און פון אונטער פעלז געציורקעט· פלעגט צו דעם דער הייליגער מיט דער קרוג קומען, פלעגט ער זי אין אַ גריבל דאָרט־געמאַכטן אונטערן ריטשקעלע אַוועקשטעלן· אַוועקשטעלן און אונטער וואַסערל· און אַליין פאַר דעם שטיין — דאָס אויס־וואַרטן און דערויף קוקן· ווי דאָס וואַסער קומט אין כּלי· און דאָס וואַסער גייט צו וואַסער: פריהער צו־ביסלאַך און אויפן באָדן קלינגענדיג· און דערנאָך אַלץ אָנפילנדיגער און מערער· און אַז די קרוג איז דערפולט געוואָרן· און אַז דאָס וואַסער איז שוין איבער די ראַנדן אַריבער און איבער מויל און גיסנדיג געגאַנגען· — אויפהויבן און צונעמען פלעגט דאַן דער הייליגער די קרוג פון גריבל· מיט איין האַנט זי פאַרן אויער אָננעמען און מיט דער אַנדערער פאַרן באָדן זי אונטערהאַלטנדיג· פלעגט ער זיך מיט איר אַזוי אַ ווײַלע נאָך פאַרן קוואַל פאַרזאַמען· פלעגט ער אַזוי און מיט איר שטייענ־דיג אויפן קוועלנדיגן קוקן און שטיל· און אַזוי קוקנדיג· קוואַל אויף ווייטער קוועלן בענשן· אָפּגעבענשט פלעגט ער זיך דאַן צום פעלז און צום קוואַל מיט דער פלייצע אויסקערעווען· פלעגט ער זיי פאַרלאָזן און זיך אַוועקגיין· און שטיל און מיט אַ פולער קרוג אַהיים און צו זיין הייל זיך אומקערן· אַהיים געקומען — און אָנבויגן און אַראָפּלאָזן פלעגט דאַן דער הייליגער די קרוג צו שוועל און אויף איר אָרט· ווי תּמיד· זי אַוועקשטעלן און דערנאָך זיך אויפהויבן און אַליין אין הייל אַריינגיין· און שטיל און נאָך אין הייל און וואָס־מען־באַדאַרפט דאָרט צו־גרייטן· צו דער סעודה און צו דער טאָגעדיגער זיך נעמען·

פלעגט דער הייליגער אין הייל בײַ זיך די קרייטאַכצער די אין־דער־מדבר־אָנגעקליבענע באַקוקען, פלעגט ער זיי אַרומרייניגן און איבערקלייבן, די נישט־גוטע דערווייטערן, און די גוטע אין אַ זייט אָפּלייגן. פלעגט ער זיי דערנאָך אין וואַסער און אין אַ שיסל שווענקען; זיינען זיי ריין געוואָרן, פלעגט ער דערנאָך מיט זיי אין דרויסן אַרויסגיין און אויפן מויל פון הייל קומען, פלעגט ער דאָרט אין אַ גריבל אַ געמאַכטן אַ פייער צעלייגן, פון גראָזן און פון דער זון פאַרדאַרטע, פון מדבּרשע און פון גרינג־בּרענענדיגע. האָט ער דערויף די קרייטאַכצער די איבּערגעקליבּענע, די גוטע און די איבּערגעוואַשענע, אין אַ כּלי צוגעשטעלט און אַליין און זיך בײַ דעם אַוועקגעזעצט, אויף אַ שטיין און דאָרט פון לאַנג אַוועקגעלייגטן, און דערבּיי אַזוי געזעסן. פלעגט ער שטיל און אַלע מאָל דאָס פייער פאַרריכטן, אונטעררוקן און אַלע מאָל נייע גראָזן דעם אונטערלייגן, האָט זיך עס צעבּרענט, אויפגעפלאַקערט און אויפגעפלאַמט און אַרויף און אויפגעגאַן, און דאָס געקעכץ האָט זיך דערויף געקאָכט. און אַז ס׳האָט זיך אָפּגעקאָכט, פלעגט דער הייליגער דאָס פון פאַרטיג־געוואָרענעם און פון פייער אַראָפּנעמען און אין אַן אַנדער כּלי דאָס איבּערליידיגן, פלעגט ער מיט דעם אין הייל אַריינקומען, דאָס אויף אַ בּאַנק אַוועקשטעלן און אַליין זיך וואַשן, און דאַן און זיך אָפּגעוואַשן און וואָס געדאַרפט פאַרן עסן אָפּגעזאָגט, פלעגט צו זיין סעודה און צו זיין היילישער זיך אַוועקזעצן, געגעסן און אָפּגעגעסן, פלעגט דערנאָך דער הייליגער מיט די כּלים און מיט קרוג און וואַסער פון הייל אַרויסגיין און זיי איבּערוואַשן, זיי איבּערוואַשן און אויף דער זון אַוועקשטעלן אויף צו טריקענען זיך און אויפן טאָג דעם גאַנצן, אַליין דאַן און צוריק זיך אומקערן און אין הייל און אויף צו בּלייבּן, אויף לאַנג און אויף צו

שווייגן און אויף פיר די ווענט צו קוקן, אַמאָל אַ שעה און אַמאָל מער און אַזוי מיט זיי פאַרבּרענגען, און דערנאָך און די הייל פאַרלאָזן און אין גרויסן טאָג צו קומען.

און אַוועקגיין און אָנקומען פלעגט דער הייליגער, אין טאָג אין העלן, אין דער מדבר און צו אַן אָרט אַ באַשטימטן. האָט ער עס אויף אַלע טעג און אויף אַלע תּמיד פון אַלע ערטער אויסדערוויילט, איז דאָס אָרט העכער פון אַל־אַרומיגן באַרגיש אָנגעשיט, פאַרקיילאַכיגט און פון זאַמד געמאַכט געווען; האָט עס ווי אַן אַלט־קבר אין אַ סטעפּ אַ גרויסן, אַן אוראַלטער און פון־קדמונים־פאַרבליבענער, אויסגעזעהן. פלעגט צו דעם דער הייליגער אין הייסן טאָג און אין מיטן מיט שטילע שפּאַן און מיט צייט־האָבנדיגע אונטערקומען, פון זיין הייל און פון דער ווייט־ליגנדיגער, דורך דער מדבר און וואָס איז אויפגעראָמט געלעגן, און שטיל און פון קיין לעבעדיגס נישט דערמאָנט געוואָרן, נישט פון קיין בריאה און נישט פון שאָטן קיין בריאהדיגער, נישט פון קיין פויגל און נישט פון קיין דורכפליהענדיגן קיינמאָל; פלעגט דער הייליגער אַזוי צו יענעם אָרט דאַן צוגיין, צוגיין און זיך פאַר דעם אָפּשטעלן, ביים צופוסנס פון אָנגעשיטן און ביים ברעג דעם באַרגישן, און שטיין און זיך פאַרהאַלטן פאַר דעם אין שטילן, און קוקן און באַטראַכטן דאָס מיט מנוחה, און דאַן, און נאָך באַטראַכטן דאָס באַקאַנטע, פלעגט ער זיך ביי דעם און ביים רוהיג־אויסזעהענדיגן אַראָפּלאָזן און אויף זיין אָרט, און אויף זיין באַשטענדיגן, ווי זיין שטייגער איז געווען און ווי געוויינט, זיך אַראָפּזעצן.

פלעגט זיך אַמאָל מאַכן: ווי דער הייליגער איז אַזוי ביים באַרג און פאַרטראַכט געזעסן, מיט די אויגן צו דער מדבר געקערעוועט און מיט זיין קוק אין ווייטן ערגעץ אַריינגעטאָן, אַזוי פלעגט זיך פון אַ זייט און פון הינטער אים,

פון הינטער באַרג־קיילאַכיגקייט און פון הינטער פאַרשטעלט־קייט דאָרטיגן, אויסגעוואַקסן און אומגעריכט, אַ חיה זיך באַווייזן, אַ גרויסע און אַ שטיל־טאָגעדיגע, אַן אָנקומענדיגע און פון מדבר־שווייגעדיגקייט פון ערגעץ, און אַזוי מיטן אָנקום אומגעווייגליכן און אַזוי מיט שטילקייט און אומגע־ריכטקייט גרויסן, פאַרן הייליגן און פאַר זיין אָרט זיך דאַן אַוועקשטעלן.

דאָס איז אַ לייב און אַ מדבּרשער, אַ זאַמד־איינגוואוינער און אַ לאַנגאָנעדיגער געווען, דעם הייליגנס באַקאַנטער, זיין טאָג־באַזוכער און זיין פריינט דער איינציגער. פלעגט ער צו אים צוקומען, פלעגט ער אים פון הינטער דער זייט אַרויסגיין און פאַר זיין פנים זיך באַווייזן, פלעגט ער פאַר אים שטיין בלייבן, און אַזוי און פאַר אים בלייבנדיג, מיט זיין שווייגן און מיט זיין שטיל־באַשטאַנד, ווי דעם הייליגנס שוין־דאָרט־לאַנג־זיצן, זיין פון־פריהער־קומען און אויף אים אויסוואַרטן, באַגריסן; אָפּגעגריסט און אָפּגעשטאַנען אַ ביסל — און אונטערקומען פלעגט דאַן דער לייב צום הייליגן און צו זיין זיך־אָרט דעם באַרגישן, פלעגט ער זיך ביי זיין זייט אַראָפּלאָזן, אַ שטילער און אַ קניענדיגער, אַ שווייגנדיגער און וואָס איז געוויינט צו שווייגן, האָט ער זיין קאָפּ אויף זיינע פאָדער־פיס אַראָפּגעלאָזט, און זיין קער־פער אויף הינטער־פיס און מיט רוהיגקייט זיי אונטערגעבויגן, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, האָט ער דעם קאָפּ און די אויגן אין דער זעלבער ריכטונג, און וואוהין דער הייליגער האָט געהאַלטן, געווענדט: אין דער מדבר און אין ווייטקייט ליגנ־דיגער, אין טאָגעדיגקייט און מיט באַרוהטקייט נישט געשטערטן — נישט פון קיין קול און נישט פון קיין קלאַנג קיין מינדסטן, נישט פון אַרום און נישט פון ערגעץ קומענדיגן.

האָבן זיי אַהין געקוקט, און לאַנג און שטיל און נישט אויפגעהערט, און איינער האָט דעם אַנדערן נישט געשטערט, און ביידע זיינען זיי, ווי דער מדבר, געטריי געווען און דעם טאָג און זיין עלנטקייט איבערגעגעבן, און ביידע האָבן זיי זיך שטיל געהאַלטן, און איינער האָט דעם אַנדערנס געדאַנקען נישט איבערגעשלאָגן, דער געזעסן און דער געלעגן, און ביידע זיי, ווי איינער, פון גאָר דער וועלט און אויסגעטאָן און צו דער מדבר נאָר יחידים, צום בייטאָג און צו זיין איינזאַמקייט און פאַר זון נאָר שטילע עדות, האָבן זיי שטיל און נאָר מיט אויגן געקוקט און צווישן זיך קיין וואָרט נישט גערעדט.

זעלטן־זעלטן, אַמאָל נאָר, פלעגן פון לאַנגן אין־ווייטקייט־קוקן די אויגן אויפהויבן און איינער אויפן אַנדערן זיי אָנשטעלן, פלעגן זיי זיך דאַן באַטראַכטן, דער הייליגער אויפן לייב און דער לייב אויפן הייליגן קוקנדיג, און דאַן, און נאָכן קוקן אַזוינעם, פלעגט דער הייליגער זיין האַנט, וואָס פון דער לייבן־זייט אויפהויבן, און מיט איר אויפן לייבס האַלז און אַמאָל אויפן לייבס רוקן קומען, קומען און גלעטן, אויפן רוקנס גלאַטקייט און אויפן האַלז־באַוואַקסנקייט אין שטילן; און אַזוי און די האַנט דאָרט האַלטנדיג, און אַזוי איבערן לייבס פעל און האָר זי פירנדיג, פלעגט זי דאָרט לסוף פאַר־געסן, און ווייטער מיט די אויגן צו דער מדבר־ווייטקייט זיך ווענדנדיג, פלעגט זי דאָרט פאַרלאָזן און שטיל און זי נישט־געדענקענדיג, פאַרטראַכט און שוין אַליין נישט־מערקנדיג, פלעגט סתם און צווישן האָר נאָר, צווישן פעל און באַוואַקסנ־קייט מיט איר בלאָנדזשען.

אַזוי אַמאָל און אַזוי פלעגט זיך מאַכן, און לייב מיט הייליגן פלעגן זייער צייט און זייער באַשטימטע אָפּזיצן און אין דער מדבר זיך אָנקוקן שווייגנדיג. און אַז זייער צייט איז

אַריבער, פלעגן זיי זיך דאַן פון זייערע ערטער אויפהויבן, זיך אויפשטעלן, אַ ווײַלע נאָך אויף די ערטער זייערע בלייבן, איינער אויפן אַנדערן און מיט בליקן זייערע זיך נאָך פאַרהאַלטן, אַ מינוט און צוויי און שטיל אַזוי זיך באַטראַכטן, און דאַן און אָפּגעבאַטראַכט זיך שווייגנדיג, פלעגן זיי איינס צום אַנדערן מיט די רוקנס און מיט די פּלייצעס זיך אויסקערעווען, און יעדערער איז זיך זיין וועג, און יעדערער איז זיך צו זיין היים אַוועקגעגאַנגען.

און די טעג פלעגן אַוועקגיין און די אויפדערנאַכטן פלעגן קומען, די נאָך־זוניגע און שוין אויסגעלאָשענע, די האלב־טויטע און פון גאָר דער וועלט פאַרגעסענע, און די מדבר האָט דאַן קיין חיות נישט געהאַט, אויסער זאַמד־בערג אָנגעהויפנט, און פון די בערג האָט מיט וויסטעניש געטראָגן, מיט אָפּגעשלאָסנקייט און פון אַ מינדסטן לעבעדיגקייט דערווייטערט, און די מדבר האָט דאַן מיט פאַרגעסן־לאַנד געשוויגן, מיט זאָרג און מיט טויט־מלוכה, האָבן זיך אויף מיילן אַרום די בערג און די ווייטקייטן אָנגעבלאָזן און מיט דאָרטיגקייט און מיט נאַכט זיך איינגעהילט, מיט ווייטער און אויף אַל־דאָרט הערשנדיגער, מיט וויכטקייט קיניגנדיגער און אויף אַלע גרעניצן וואַכנדיגער, איז אויף נאַכט און אויף אַרום־און־אַרום, אויף אַלע האָריזאָנטן און קיילאַכיג אַ הימל דאַן געלעגן, פון דער מדבר ווי אַ ווייט־זיך־האַלטנדיגער, און דאָך צו איר אַ געהערנדיגער, האָט זיך דער הימל דאַן ווייט און איבער אַלע עקן אויסגעשפּרייט, אין דער מיט און הויך־הויך, און ביי די עקן אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער, איז ער אין דער סאַמע מיט מיט שטערן סך און פון פאַרשיידענער גרויס אָנגעזעצט געווען, און אַראָפּ און צו די נידעריגקייטן, פאַרבלאָזן און טונקל, און זעלטן ווען פון דאָרט מיט אַ שטערנדל בלאַס געפינקלט, זיינען די שטערן, די אין־דער־מיט־לייכטנדיגע, די גאַנצע הימל־לענג ווי מיט אַ

נישט־גלייכער וועג־סטעזשקע איבערגעגאַן און איבערן קאָפּ פון דער מדבר מיט אַ שטילער הויך איבערגעטרעטן.

פלעגט דער הייליגער אַלע אָוונט פאַרן לייגן זיך אַהין און צו דער מדבר־מיט און פאַר דעם שטערן־הויכקייט קומען, קומען און זיך אַוועקשטעלן, און קאָפּ און אויגן אַהין אין הויכקייט אויפהויבן, און אַזוי, און מיט קאָפּ און אויגן אַהין געווענדט שטייענדיג, פלעגט אויף זיך די נאַכט און איר שטילקייט נעמען, און איינער אַליין און צו די שטערן זיך דאַן איינציגן.

שטיל און לאַנג, ע ר אויפן אַ ר ו י ף, און דאָס א ו י ב נ־ ד י ג ע אויף זיין פון א ו נ ט ן־שטיין, פלעגן די שטערן אויף זיין קאָפּ זייער בלאַסליכקייט און קאַלט ליכט גיסן, און זיין פנים מיט אַ שיין, מיט נישט קיין מענשליכער און נישט קיין ערדישער, באַלויכטן. איז דער הייליגער אַזוי איבערגעגעבן און פאַרטאָן, און פון אַלעם אַרומיגן אַרויסגענומען געשטאַנען, זיין אָרט און די צייט פלעגט פאַרגעסן, און די שעה און דאָס שפּעטקייט נישט געדענקען. פלעגט ער זיך פאַמעליך־פאַמע־ ליך, אַזוי און זיך פאַרגעסנדיג, ווי מיטן הימלשן דאָרט צונויפ־ גיסן, דאָס ווייטקייט און דאָס דערווייטערטקייט נישט פילן, וואָס פאַר אַ מהלך און ס׳שיידט זיי אָפּ צווישן. פלעגט ער דאָרט אַלץ היימישער און היימישער ווערן; פלעגט ער דאָרט פאַרבלייבן, אויף אַ שעה און אויף מער, אַמאָל אויף לאַנג און אַמאָל אויף זעהר. נאָר תּמיד און באַשטענדיג פלעגט אַ שטערן־שיין און אַ פינקל־שווינדל אים אין די אויגן אַריינ־ קומען און אַהין אַ טרער אָנטרייבן. פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, ווי פון ווייט און ווי פון אַ שלאָף אַראָפּקומען, און זיך אויפ־ וואַכן און פון זיין אָרט עטוואָס אַ גיי טון, פלעגט ער פון דאָרט אָפּטרעטן און שטיל און ווי פונם אַרומיגן זיך אָפּטיילן, און צו זיך, און צו דער הייל צו זייניגער, אויף זיך לייגן און אויף דער נאַכט פאַרברענגען, אַוועקגיין.

אַזוי תּמיד און אַזוי כּסדר, אַזוי אַלע נאַכט און פאַר די שטערן דער איינציגער, שטיל פאַר זיי שטיין און שטילער זיך זאַמען, און דאַן און אין הימל־הויך קוקן און אַ צייט און דאָרטן אָפּזיין אין דער הויך, און דערנאָך און צו דער מדבר זיך אומקערן, צו זיך און צו דער הייל צו זיינער...

נאָר איין מאָל, אין אַן אָוונט אין איינעם האָט זיך מיטן הייליגן אָט־וואָס געטראָפן:

שטיל און ווי אַלע מאָל איז די מדבר דאַן מיט איר זאַמד און מיט אירע האָריזאָנטן שוין איינגעדרימלט געלעגן, נאָכן פאַרנאַכטישן און נאָכן פאַרגאַנגענעם, נאָכן שטילגעוואָרענעם און לעצטן ליכט אויסגעלאָשן. נאָר ווייט און אין מערב־זייט, אונטן און ביי דער ערד דאָרט נידער, איז אַ שיין־פּאַסיקל פונם זון־פאַרגאַנג און פון דער געוועזענער פאַרבליבן, אַ זיך־אויסלעשנדיגס אין א בלייכליכס, אַ האַלב־טויטס און אָהנ־מעכטיגס, האָט דאָס ליכטיגקייט און דאָס שיין־פּאַסיקל אין מדבר־אָוונטקייט מיטן לעצטן און מיטן נשאר־ביסעלע דער־לאַנגט, דערלאַנגט און נישט די מדבר־מיט באַלויכטן, נאָר אויפן הימל־ברעג און אויפן שטאַרק־דערווייטערטן זיך אויפהאַלטנדיג און געצאַנקען, אויסגייענדיג און מיט שפּאָר מיט גרויסן.

איז צו יענער צייט שוין דער הייליגער, און ווי זיין שטייגער איז געווען, אין דער מדבר און אין דער מיט גע־קומען, אויף זיין געבעט און אויף זיין ביינאַכטישן אָפּצוריכטן, און מיט קאָפּ און קוק שוין אין הימל אַריינגעטאָן געשטאַנען און מיט מחשבה און אויפמערקזאַמקייט צו די שטערן און צו די אַלץ־זיך־מערנדיגע געוועזנדט. איז אָט, ווי דער הייליגער איז אַ צייט שוין דאָרט אַזוי פאַרטאָן געשטאַנען, און ווי תּמיד און ווי זיין געוווינשאַפט, פון אַרום און וואָס דאָרט טוט זיך, נישט געוואוסט, אַזוי האָט אים פּלוצלום אין פּנים און וואָס צום הימל אויפגעהויבענעם עפּעס אַ ווינטל דאַן אַ בלאָז געטאָן

אַ ווייענדיגס און פון אַ ווייט אָנקומענדיגס. אַ נישט־געוויינ־ליכס און וואָס עס מאַכט זיך זעלטן, האָט עס אויף אים אַ ווייגעטאָן; האָט דער הייליגער באַלד דעם קאָפּ און ווי אויפ־וואַכנדיג פון דער שטערן־הויך צוגענומען, און אויף מדבר, און פון וואַנען דאָס ווינטל האָט אַ ווייע געטאָן, געקערעוועט, האָט ער אַהין געקוקט און ווי דאָס ווייטקייט נישט דערקענט, לאַנג און לענגער אויפמערקזאַם — און דאַן ערשט אַ פאַרענ־דערניש דערזעהן און באַלד פאַרשטאַנען, דאָס דערזעהענדיג:

אַ נייס און נישט ווי אַלעמאָל וועט דאָ זיין, אַן אומ־געוויינליכס, און וואָס עס מאַכט זיך זעלטן, וועט דאָ פאָרקומען, און זאָל ער גרייט זיין און זיך צוגרייטן דעם פאָרקומענדיגן און דעם פאַרשטייענדיגן אַנטקעגן, און זאָל ער גרייט זיין און זיך צוגרייטן דאָס נישט־געזעהענע און דאָס נישט־בייגעוועזענע מקבל זיין.

און באמת: —

ווי דער הייליגער איז אַזוי פאַרן ווייטן און פאַרן האָרי־זאָנטישן געשטאַנען און מיט אויגן און אַריינגעטאָנענקייט צו דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר, געוועדנט, אַזוי האָט ער באַ־מערקט, ווי ווייט און אָנרוקנדיג זיך, מיט ערד זיך אויס־מישנדיג און מיט פאַרבלאָזנקייט פון ווייטן, האָבן זאַמדן אויפן האָריזאָנט ווייט אויף מדבר־גרעניץ און אונטער הימל־דאַך זיך אָנגעקליבן און שוין אַ ווייטע האַלבע ערד און הימל־ראָד פאַרבלאָזן, אַ שטויבנדיגע און אַ דרייענדיגע און אַ באַ־אומרוהיגנדיגע און אַן אויפרודערנדיגע; האָבן די ווינט־לאַך, די דערוויil אויפן האָריזאָנט זיך האַלטנדיגע, געדרייט און געגרייט זיך, נאָר פון דאָרט נאָך נישט אַרויסגעגאַן און די מדבר־גרעניץ נישט אַריבערגעטראָטן, ווי זיך געקווענקלט, און געקייקלט, געוויקלט און דערוויil געשטאַרקט זיך אין דער ווייטקייט. האָבן זיך די זאַמדן דאָרט, פון ווייט און פון אַ

יענער זייט ערגעץ אָנקומענדיג, געזאַמלט, געזאַמלט און אויף דער מדבר־גרעניץ זיך אויפגעהאַלטן, ווי זיך אָפּגעשטעלט און איר פריי־פּלאַץ באַטראַכטנדיג, און דערווייל געווייעט, און פון ווייט נאָך זייענדיג, און זעלטן־זעלטן נאָר פון דער מיט פון זייערער מיט אַ חיה־אויג, מיט אַ בליצנדיגס און מיט אַ ווילד־פייערל אַרויסגעבליצט.

דאָס זיינען חיות, דערווייל נאָך איינציגווייז, אָנגעקומען און אין זאַמד־אָנקום אַריין, פון דאָרט אויף מדבר נאָר אַ קוק געטאָן און באַלד צוריק זיך אויסגעקערעוועט, ווי אויף אַ קוק צו טון געשיקט אַהער, און באַלד אויף אויסדרייען זיך און אויף צוריק ערגעץ אַ ידיעה געבן, האָט זיך אַלע מאָל אין ווינטלדיגן און אין פאָרקומענדיגן אַ גרויסע חיה און אַ שטילע חיה מיט אַ ברען־און־שאַרף־קוק זיך באַוויזן, אַריין און פאַרביי דער גרעניץ נאָר דורכגעגאַן, מיט אַ זייט און פאַרביי־גייענדיג און באַלד צוריק פאַרשוואונדן, האָבן די זאַמדן דער־נאָך שוין איינציגע שטויב־דריידלאַך אויף אַריבער דער גרעניץ אַרויסגעשיקט, אויף צו זעהן און אויף צו אויסזעהן און צוריק זיי קומען זאָגן, ווי ס׳האַלט די ווייטע מדבר, צי ווער לאָזן, צי ז׳איז גערן, צי זי האָט עפּעס דערגעגן, זיינען זיי אַרויס, האָבן זיי ביי דער ערד, וואָס ביי דער גרעניץ נאָהענטער, אָנגעפרעגט, זי אַרומגעשמעקט, און אום איר זאַמד־דעה צו וויסן, האָט די ערד דאָרט איינגעשטימט און מיט שטויבן זיך געחברט, האָט זי צו יענע שטויבן אויך א י ר ע צוגעגעבן און אינאיינעם מיט יענע צו דער מדבר זיך געלאָזט.

האָט זיך דאַן און פון האָריזאָנט פון ווייטן אַ ווינט ארויס־געלאָזט, אַ גרויסער און אַ שטאַרקער, אַ פליהענדיגער און אויף זיין וועג אַלץ־אויפהויבנדיגער; איז ער אויף דער מדבר און אויף פליגל געקומען — מיט ווינט און מיט זאַמדן, מיט שטייגנדיגקייט און מיט שטויבן גרויסע; האָט ער פאַרווייעט

און פֿאַרפּראָשעט אַלץ און אויך אַ גרויסע מדבר־שטיק, וואָס פֿאַר דעם הייליגן איז געלעגן, שוין אויפֿגעהויבן. האָבן זיך אין זיין זאַמדיגקייט און אין זיין אויפֿגערודערטן שוין אָפּטער חיות באַוויזן, זיך אַריינדרייענדיגע און אויף ערטער נישט איינשטייענדיגע, און צערודערטע אין מיט אומרוהיגקייט מיט גרויסן, און די ווינט־וואַנט האָט געפֿינסטערט ווינטלדיג, געבלאָזן און געפּרייכט־געשטורעמט, און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער חיה־זיך־באַווייזן אויפֿגעבליצט. האָבן זיך די חיות געמערט און געקרינגלט — אַרום זיך אַליין און איינס אַרום אַנדערן, אַרום רעדער חיהשע און מיט מאַכט־טריט טרעטנדיג. האָבן זיך לייבן פֿאָראויס און פֿאַרפּריהער געוויזן און איינער אַרום איינעם מיט גבורה און מיט לייבן־ראָד זיך גערעדלט, מיט קערפּער גרויס און מיט רוקנס אָנגעצויגן און עקן אויפֿגעשטעלט, און מיט קנעפּ און ביסל האָר אויף קנעפּ דאָרטן; האָבן זיך נעבן זיי און ביי די פּיס ביי זייערע טיגערס און לעמפּערטן געפּלאָנטעט, מיט קעץ־קערפּערדיגקייט, שפּאַן־לאַפּעדיג, דעם באָדן שמעקנדיג, און מיט קעפּ און אַרונטער און אויסגעקערעוועט געהאַלטן, און געפּאָרסקעט און געניסט מיט ערדן, און אַלע מאָל ווי אַ אַ שלוקערטס און אַ ווילד־פֿליישיגן אַרויסגעלאָזט; און דאַן, און נאָך די טיגערס האָבן זיך פּלעק־קעץ באַוויזן, גרויסע און שווערגופּיגע,ביידר׳ערדיגע און שטרענגע, און מיט פּלאַם־אויגן אַרויסגעפּלאַמט, מיט מאַכט און מיט זייער מעכטיגקייט און מיט ברען מיט זייערן פֿון באַשטענדיג ברענענדיגקייט; און די פּלעק־קעץ האָבן זיך אין חיה־פּלאָנטער געפּלאָנטעט, אַלע מאָל ווי זיך פֿאַרטשעפּעט און אין עפּעס זיך אָנגעשלאָגן, געשטרויכלט געוואָרן און צוריק זיך אויפֿגעשטעלט, און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערע זיך פֿון טרעטן פֿאַרהאַלטן, דעם קאָפּ אַרויף און ווי צום הימל פֿאַרריסן, און אויסגעשריגן אין גאָר דער וועלט אַריין, אויף מדבר און אויף שטורעם אָנקומענדיגן,

און מיט ווילד־געשריי פלעק־קעצישן; האָבן זיך אַרום די קעץ מדבר־וועלפלאַך און מדבר־הינט געוויזן, דאַרע און בייזע, אויסגעהונגערטע און די ביינער זייערע איבערצוציילן, און מיט פאַרשפיצטע הינט־פיסקעס און מיט וואָיען־קללות געוואָיעט; און היענעס און נבלה־שמעקערס מיט קעפּ און העלזער אויף אַרויף פאַרריסענע, מיט זייערע מיאוסע נעז און מיט זייער אויסזעהן העסליכן, האָבן געהיילט און קיין נבלה נישט געהאַט און ווי פון דער מדבר און פון אַרומיגן געמאָנט.

האָט זיך דאַן פון אַלע מיט א מאָל און פון אַלע אינאיינעם אַ געמיש און אַ גערדיכטעניש געמאַכט, אַ גרויס און אַן אָנ־געלאָפנס, אַן אינאיינעם־זיך־האַלטנדיגס און איינס־פון־אַנדערן־נישט־אָפּשטייענדיגס, און אַלע האָבן זיך מיטן איינגעלויף און מיטן געדראַנג גערוקט, מיט שטורעמדיגן אין מיט ווינט־וואַנט און אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער מדבר־מיט און צו אין איר שטייענדיגן הייליגן אונטערגעקומען.

און אַז דער הייליגער האָט שוין דעם שטורעמס אָנקום, זיין קול און זיין גענעהענען פאַרנומען, און אַז דער הייליגער האָט זיך פון אָט דעם פּלוצימדיגן שוין פאַרכאַפּט געפונען, זיך אויסקערעווען און אויסדרייען געוואָלט, און אַן אָרט און אַ שוץ־אָרט ערגעץ אָפּצוזוכן, — אַזוי האָט ער פּלוצלום און ביי די פיס ביי זיינע עפּעס אַן אָנרירן דערפילט, און ביי דער ערד און ביי זיין באָדן־שטייענדיגן עפּעס אַ לעבעדיגס און ווי אַ באַשעפעניש זיך דאָרט פלאָנטערן: — דאָס איז דער שלאַנג, דער גרויסער און געפלעקטער, דער וואַרגער און דער מסוכּנער, מיט זיין לענג און מיט זיין אויסגעבייגלט־קייט פאַר אים געלעגן און מיט זיין פּלאַטש־קאָפּ און מיט זיין פון דער ערד אויפגעהויבענעם דעם הייליגן פון זיין שטיין, פון זיין פאַרנומענקייט און פון זיין אומגעריכטקייט גע־טאָרעט...

— דער שלאַנג?! — האָט דער הייליגער, אַראָפּקוקנדיג אויף דעם שלאַנג דערזעהענדיג, ווי עטוואָס אָפּגעטרעטן און זיך פאַרוואונדערט: — דער שלאַנג?

— יאָ, הייליגער! איך.

— און וואָס טוסט דו דאָ?

— צו דיר און מיט אַ זאַך געקומען.

— איצט? אין אַזאַ צייט און פאַר אַזאַ שטורעם?

— טאַקע צוליב דעם און צוליב דעם שטורעם.

— וואָס הייסט עס?

— הער מיך אויס: איך בין אַ געשיקטער.

— פון וועמען?

— פון אָט דעם אַלעם, וואָס עס גייט אַהער, פון אָט דעם גרויזאַמען, וואָס עס רוקט זיך אָן אויף דיר.

— אויף מיר?

— יאָ, אויף דיר, וואָס דו ביסט דער רעכטער עיקר. יאָ, צו דיר, וואָס האָסט דאָס גרעסטע שייכות.

— איך פאַרשטיי נישט און הויב נישט אָן פאַרשטיין.

— ס'איז לאַנג און אויף דערציילן זעהר, אבער ווייל ס'איז קיין צייט ניטאָ, און דער שטורעם דערנעהענט זיך, הער מיך אויס און — בקיצור.

— איך הער.

האָט דער שלאַנג, אויף שטורעם זיך אומקוקנדיג, אַהין די אויגן אָנגעשטעלט, האַלב אַהין און האַלב צום הייליגן, און אַלע מאָל געקוקט און אַלע מאָל זיך אומגעקוקט, און אַזוי זיך איילנדיג און אום נישט צו פאַרשפּעטיגן, און אַזוי אויף גיך און דאָס בקצור מאַכן ווערלנדיג, האָט אָט־וואָס דערציילט:

אַמאָל האָט דורך דער מדבר אַן אַראַבער דורכגעריטן, אַ שטאַרקער און אַ ווילדער, אַ פאַרזינדיגטער און פון זיין

שבט אַן אַרויסגעטריבענער, און פאַרשאָלטן און וואָס האָט
זיין היים און ישוב פאַרלאָזט. האָט ער אין איר לאַנג מיט
זיין פערד און שפיז געבלאָנדזשעט – איבער טעג און איבער
זאַמדן, אָהן אַ ציל און אָהן אַ זינען, אָהן אַ וועג און אָהן
שוין כח, און אויף דער זון און אויף דער בראָטנדיגער...
דאָס פערד איז מיד געוואָרן און קוים מיט די פיס געפלאָנ־
טערט, דער רייטער איז פאַרשמאַכט געזעסן און דעם קאָפ און
שפיז שוין אַראָפ געהאַלטן, און די זון האָט געברענט — אין
בייטאָג אָהן רחמנות, און די מדבר געדאָרשט האָט ביינאַכט
אויך פאַר שטערן, און דער רייטער מיט פערד שוין אַ צייט
און אָהן וואַסער, אָהן אַ קוואַל און אָהן אַן אויסגאַנג, אָהן
הילף און אָהן האָפענונג. און די צייט איז געגאַנגען, און די
כוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט, און די מדבר איז גרויס, אָהן
אַן עק און אָהן אַ ברעג דאָרט, און קיין נפש, חוץ זיי, און
אַרום און פאַרשלאָסן. האָבן זיי זיך לסוף אין אַ בייטאָג אַ
מאָל אין אַ מיט אָפגעשטעלט – דאָס פערד אין דער שטיל
און דער רייטער אויף פערד דאַן, און ביידע פאַרלאָזטע פון
הילף און פאַרן אויסגיין און ביידע פאַר לעצט און פאַר
מדברשער ודוי... איז דער רייטער פון פערד אַראָפגעגאַנ־
גען, צו דעם זיך אָנגעשפאַרט און דערביי געשטאַנען, אַ שעה
און צוויי און אָנגעלענט און געשוויגן, זיין קאָפ אויף פערדס
רוקן און מיט לעצטן מיט לעבן, פאַר חבר פון לאַנג, וואָס
אינאיינעם געטיילט האָט, זיין יוגנט מיט אים און זיין וואַקסן
אין שבט, דערנאָך אויך זיין אויסוואוקס, זיין פרייד און זיין
ליבע, און דאַן אויך זיין זינד, וואָס פאַר איר איז פאַרטריבן,
אַהער אין דער מדבר, און ביז לעצטע מינוטן... און דער
רייטער האָט מיט פאַרדאַרטע ליפן און מיט נשמה־לעצטן צום
פערד זיך צוגערירט, דאָס אַ קוש געטאָן, און אַזוי און אויפן זאַמד,
מיטן פנים אַ ר ו י ף, פאַר דער מדבר און פאַר גאָט געפאַלן.

און דערזעהן האָט דאָס גאָט פונם הימל און פון זיין טאָג־רוהען דעמאָלט· האָט ער באַלד פון דער הויך און אין דער מדבר אַראָפגענידערט, צום אָרט, וואו דער רייטער איז געלעגן און זיין פערד נאָך געשטאַנען, האָט ער אויף זיי געקוקט אַ ווײַלע, געשטאַנען און זיי באַטראַכט נאָר אין שטילן, און באַלד און צו דער מדבר אַ געשריי געטאָן: וואַסער!

און אַז די מדבר האָט געזאַמט און זיך אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטן און דערנאָך זיך געשטעלט און ביי אים אַ פרעג געטאָן: פאַרוואָס, האַר מיינער? פאַרוואָס איז דיין רחמנות אויפן מענשן, ווי אויף דער מדבר, גרעסער? און פאַרוואָס פון מענשנס זינד פ אַ ר ה ו י ל ס ט דו דיינע אויגן און פון דיין אַלטער קללה אויף מיר נ י ש ט? – האָט אויף איר גאָט אָנגעשריגן און אַזוי געזאָגט:

– קלער נישט נאָך, און פרעג נישט איבער און טו, וואָס מ׳הייסט דיר.

און די מדבר האָט באַלד ביים געלעגער און צוקאָפּנס פון מענשן אַ קוואַל אַרויסגעצויגן, האָט דאָרט פון דער טיף און תיכף אַ וואַסער און אַרויסזעצן גענומען. האָט דער מענש דאָס דערפילט, האָט ער באַלד דעם קאָפּ און צום קוועלנדיגן אויסגעדרייט און זיך געקילט, האָט ער פאַרשמאַכט און מיט אויגן פאַרמאַכטע פון דעם וואַסער געטרונקען און זיי געעפנט, איז ער אויפגעשטאַנען און צו זיין פערד צוגעגאַנגען, איז ער צוגעגאַנגען און דאָס פאַרן צוימל אָנגענומען, און אויך דאָס צוגעפירט און אויך דעם פערד טרינקען געגעבן.

און גאָט האָט זיך צו דער מדבר געקערעוועט און איר אַזוי געזאָגט: „דו האָסט געהערט און האָסט געפאָלגט, האָסט געטאָן און נישט דערווידערט, איז דערום אַצינד אויך ד יי ן געבעט געהערט געוואָרן, און הער: דיין הילף וועט פון אַ

מענשן קומען, און שפּעטער, און אַז די צייט וועט קומען, זאָלסט דו זעהן און זיך נאָכפרעגן בײַ די חיות און בײַ די עופות, אויף איינעם און אַזוינעם, אויף אַ ליבן און אַ הייליגן, אויף מיין ליבן און מיין הייליגן -- ער וועט צו דיר קומען און בײַ דיר אין אַ הייל וואוינען.״

און די מדבר האָט דאָס אויסגעהערט, און די מדבר האָט דאָס פאַרדענקט, מיט דאַנק און פון האָפענונג דערפרייט, גאָט אין הימל און מיט די אויגן דאַן באַלייט, רוהיג און אויף צייטן־לאַנג ווייטער איר גורל און איר באַשערטן אויף זיך גענומען, און מיט געדולד און מיט שווייגנדיגקייט אויף איר הילף און זיך אויסוואַרטן רוהיג.

און זי האָט זיך נאָכגעפרעגט: לאַנג און צייטן־לאַנג און נישט אויפגעהערט, האָט מען איר נישט איינמאָל אויף אַ מדבר־מענשן אָנגעוויזן און אים הייליגן אָנגערופן, איז זי צו אים געקומען און גאָרנישט נישט געפועלט, יאָרן און לאַנגע יאָרן און אויפן רעכטן געוואַרט. און אַצינד און אַז זי האָט זיך אויסדערוואַרט, האָט זי מיט זיך אַלע חיות און שלענג און עקדישן מיטגענומען, אויף צו דיר צוגיין און צו דיר קומען, און פאַר דיר און פאַר דיינע פיס פאַלן, און צו דיר אַזוי זאָגן:

– אַצינד אָדער קיינמאָל ניט! און איצט מוז איר הילף דאָ זיין! – און העלפסט דו איר נישט און ווערסט דו זי אַצינד פון איר צער נישט אויסלייזן, אַזוי וועט זי איר שבועה ברעכן, אַזוי וועט זי מיט חיות און זאַמדן אויף וועלט און אויף ישובן קומען, מיט חורבה און מיט חרוב־מאַכן, אויף אַלע אָרדענונ־גען און אויף אַלץ אומצוברענגען, און צוריק און צום אור־אַלטן, אין תוהו־ובוהו זיי אומקערן – און אָט גייט זי!

און אַז דער הייליגער האָט פון זיינע פיס און פון שלאַנגס דערציילן דעם קאָפּ אויף מדבר און אויף פאַר אים אָנקומענ־

דיגן אויפגעהויבן און אַהין, וואו דער שלאַנג האָט אים אָנגע־
וויזן, אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער דערזעהן:

איילנדיג און וויכער־כמאַרעדיג האָט אויפן מדבר־הימל
אַ שטורעם און אַ צעשטרייטער, אַן אָנלויפנדיגער און אַ גיך־
גייענדיגער זיך געטראָגן, מיט איילעניש און מיט אימפעט,
מיט יאָגעניש, און ווי פאַר עפּעס פאַרשפּעטיגן מורא האָבנדיג,
און מיט שטיקער שטורעם און אָפּגעריסן, אָפּגעטיילט און
פאַר פריהער־פאַרלאָפּענעם; און ערד פון אונטן איז דעם
הימל־גיכקייט נאָכגעגאַן און אויך מיט שטורעמדיגקייט און
מיט שטויביגקייט אים נאָכגעלאָפן, און אויף גיך און אום
נישט צו פאַרזאַמען, איילנדיג און פון דעם אויבערשטן נישט
אָפּצושטיין און אינאיינעם און זיך אויסצוגלייכן און דאָס
הימלדיגע נישט אַליין און נישט פאַר פריהער לאָזן, זיינען
זיי ביידע אויף מדבר און אויף מיט אַרויס, מיט שנעלקייט
און מיט גיכקייט, מיט אימפעט און מיט מוראדיגקייט זיך
טראָגנדיג, און מיט חיות און אויך זיי זיך איילנדיגע,
מיט צעטראָגענע און צעטומלטע, אויפגערודערטע און איינס
אַרום אַנדערע אַרומלויפנדיגע, און מיט קולות שוין איצט
דעם הימל שפּאַלטנדיגע, און איינס דאָס אַנדערע מיט ווילד־
געשרייען זיך איבערשרייענדיגע, און לייבן־דונערן האָבן די
מדבר און דאָס שטורעם־געיעג געשטורעמט, און לייבן־מאַכט־
מעכטיגקייט האָבן זיך פון זייערע קראַפט־גופים און קולות־
רוקנס געריסן; און לעמפּערטן און טיגערס האָבן די לייבן
איבערגעשריגן, און אַלע מאָל פון די טיף־בייכער מיט ערד־
טרייסלנדיגע און מיט לופט־דערשיטערנדיגע זיפץ־שלוקערצן
אַרויסגעשלוקערצט; און פלעק־קעץ האָבן די מיילער און
ביז די אַנגלען־שלעסער אויפגעריסן און מיט רייסנדיגע העל־
זער און ביז די לונגען אַרויס אַרויסגערעוועט; נבלה־שמע־
קערס האָבן די קעפּ און ארויף און צו די הימלען אויבן

אַרויפגעהויבן, און אין זיי קוקנדיג, און אין זיי דעם שטורעם זעהענדיג און פאַר זיך מורא האָבנדיג, האָבן קולות און אויף זייער אופן אויף זיי אויפגעהויבן; מדבר־הינט און מדבר־וועלף האָבן זיך אַלעמען פאַר די פיס דאָרט געפלאַנטעט, און הונגעריגע און מיט צער געוואָיעט; און שלענג און עקדישן האָבן זיך אין דער לופט צעסווישטשעט, מיט קערפּער־בייטשן זייערע און מיט גיפטן, פון די העכט־מיילער אַרויסגעשטעקט. זיינען זיי אַזוי אַלע שרייענדיגע און אינאיינעם מיט שטורעם זיך טראָגנדיגע, דול און מטורף, מבולבל און צעמישט איינס אַרום אַנדערן אַרומגעלאָפן, אַ ראָד געמאַכט און אַ פאַרדרייטע, אַ גרויס־געדיכטע און אַ חיהשע, אַ ביין־רוקנדיגע און איינס־אָן־אַנדערן־זיך־רייבנדיגע, און מיט עקן דאַן טיף און צווישן די פיס פאַרשטעקטע, און מיט קעפּ און קערפּער אין ווילד־קייט און אין אויסגעקרימטקייט געהאַלטן, און מיט ציין און אויגן אין שטורעם און אין פינסטערניש געשטורעמט. האָבן זיי זיך אַזוי אין דער ראָד אין דער דרייענדיגער געטראָגן, געדרייט און אַלע אַרום אַלע און אַלע אינאיינעם און מיט ראָד זיך גערוקט, און אַזוי און זיך רוקנדיג, און אַזוי און מיט דער גאַנצער מאַסע זייערער — מיט קומען און מיט קולות, מיט קערפּער און געדיכטעניש מיט גרויסן — צום הייליגן און צו דער מדבר, צו זיין שטיי־אָרט און צו פאַר זיין פּנים גע־קומען...

— וואָס וויל די מדבר? — האָט דער הייליגער אין שטויב און אין שטורעם, אין פינסטערניש אַריין און אין חיה־געדיכ־טעניש אויסגעשריגן.

— אויס מדבר ווערן! — האָט ער אַ קול אַן ענטפער דערהערט.

דאָס האָט דער שלאַנג זיך ווייטער פאַר דעם הייליגנס פיס און באַשטאַנד זיך באַוויזן, דעם קאָפּ און אַ האַלבן קער־

פער אין דער לופט און אַנטקעגן דעם הייליגנס פנים אויפֿגעשטעלט, און אַזוי און מיט גיפֿט אינדרויסן פֿאַר אַלע און פֿון פֿאַר דעם הייליגן־אָנקומענדיגע, פֿאַר אים שטייענדיגע און פֿאַר אים שטורעמדיגע אַרויסגעענטפֿערט: — אויס מדבר ווערן!

און דער שלאַנג האָט אויפֿן הייליגן געקוקט און אויף זיין וואָרט און ענטפֿער געוואַרט:

— הייליגער, מיר וואַרטן.

און דאָ האָט דער שלאַנג מיטן עק אין דער ערד אַ קלאַפּ געטאָן, און באַלד האָט זיך פֿאַרן הייליגן אויף אַ שטח אַ טייכלדיגן אַ וואַסערל און אַ לויטערס, אַ קלאָרס און אַ זיך־שפּיגלענדיגס באַוויזן, אַ זיך־קנייטשנדיגס און אַ בנעימותדיגס, צווישן די ברעגעס ליגנדיגס און אין דער ווייט אַוועקגייענדיגס. האָט זיך דער שלאַנג דאַן נאָכן טייכעלע אַרויסרופֿן און נאָך מער זיך פֿאַרן הייליגן אויפֿגעשטעלט, און מיט הכנעה און מיט חניפֿה אים אין די אויגן אַריינגעקוקט, און אַזוי און אין אים אַריינקוקנדיג, און אַזוי אויף אים די אויגן אָנגעשטעלט האַלטנדיג, אים אָט־וואָס געזאָגט:

— הייליגער, איין וואָרט, און פֿון דעם וואַסערל וועט אַ טייך, און פֿון די ברעגעלאַך וועלן ברעגעס ווערן, און מיט גראָזן און מיט גרינס, און מיט געוויקסן און מיט בוימלאַך פֿאַרשיידענע, און מיט ישוב און מיט אַלעם ישובדיגן, און די מדבר איז אויסגעלייזט: — איין וואָרט!

האָט דער הייליגער איין מינוט דעם שלאַנג אין פּנים און אין די אויגן געקוקט, נאָך זיין אָפּזאָגן און נאָך זיין תּחנונים־קוק און בעטן, האָט ער געזאַמט און ווי אַ ישוב ווייניגן געהאַט, געשוויגן און גאָרנישט נישט אָפּגעענטפֿערט. נאָר באַלד און אַז די מינוט איז אַריבער, האָט דער הייליגער תּיכּף זיינע אויגן אין שלאַנגס אויגן אַריינגעטאָן, און מיט אַ

קול מיט אַ מעכטיגן, מיט אַ שטים און אויף דער גאַנצער שטורעם־מדבר קלינגענדיגער, און מיט אַ וואָרנדיגער און אַ דראָענדיגער, האָט אָט אַזוי אַ געשריי געטאָן:

– שלאַנג!

– וואָס שלאַנג? – האָט דער שלאַנג זיך נאָך העכער אַ הויב געטאָן און ביים הייליגן אַ פרעג געגעבן.

– ס'איז ליגן!

– ווער און וואָס?

– דו און די גאַנצע מעשה דיינע.

– און ווער וועט דאָס באַווייזן?

– די מדבר! – און דאָ האָט דער הייליגער זיין פנים און אויגן פון שלאַנגס פנים און שלאַנגס אויגן צוגענומען, אויף שטורעם און אויף מדבר, אויף חיה־אָנקום און אויף פּאַר אים שטייענדיגן, געווענדט, און מיט זעלבן קול און מיט מער נאָך כח, מיט זעלבער שטים און מיט מער נאָך שאַפנדיגער, האָט צו דער מדבר זיך געקערעוועט און צו איר וואַנט און שטורעם־גרויזאַמקייט אַזוי גערופן:

– דעם אמת, מדבר!

שטיל און שווייגעניש...

– דער אמת איז ביי גאָט און ביי זיין הייליגן אין דער מדבר, – האָט זיך דערנאָך פון אינעווייניג און פון געדיכטע־ניש אַ קול דערהערט.

און אָפּגעקערעוועט און באַלד זיך אויסגעדרייט האָבן די חיות מיט די רוקנס זייערע אויף צוריק און פון וואַנען זיי זיינען געקומען דעמאָלט, שטילע און אונטערגעגעבענע, אַנט־שוויגן־געוואָרענע און נישט־דערווידערנדיגע, זיינען זיי אַלע מיט אַ מאָל און יעדערער באַזונדער זיין וועג זיך אַוועקגע־גאַן, – און אָהנמעכטיג און ווי אָפּגעשמיסן, אָפּגעלאָזן און פאַרשעמטע און ווי די קולות און די מאַכט פאַרלוירן, אויך

די שטויבן די אָנגעלאָפּענע זיינען שטיל און שווייגנדיק געבליבן און שוין געשטילטע און באַרוהטע אויסגעזעהן. אַליין נאָר דער שלאַנג, און אויף דער העלפט פון דער ערד נאָך אויפגעשטעלטער, איז אויף זיין אָרט, און ווי פריהער אויפגעשטעלט־געווען געשטאַנען, געשטאַנען, אָבער זיך שוין שוואַך געהאַלטן, אָהנמעכטיג און אָפּהענטיג און ווי זיך נישט אַראָפּלאָזן געקאָנט. און אַז דער הייליגער האָט זיך דאַן צו זיין פאַרלוירן־שטייענדיגקייט געקערעוועט און אויף אים מיט זיינעם אַ מוסר־קוק אַ קוק געטאָן, – איינגעשרומפּן און ווי קלענער געוואָרן, זיך איינהויקערנדיג און ווי נישט בלייבן־וועלנדיג, האָט זיך דער שלאַנג דאַן אויף צוריק און פון אונטערן הייליגנס קוק אַרויסגערוקט, צום טייכעלע, פון אים אַליין געשאַפּענעם און איצט שוין אויסגעטריקנטן, זיך צוגערוקט, זיך צוגערוקט און צום נשארל פאַרבליבענעם, צום איינגייענדיגן און אַלע מאָל קלענער־ווערנדיגן. און אַז דאָס טייכעלע איז אינגאַנצן נישט געבליבן, און אַז פונם היפשן און וואַסערדיגן איז נאָר ווי אַ שפּעלטעלע און אַ קליינס געוואָרן, אַזוי האָט זיך דער שלאַנג דאַן גראָד נעבן דעם איבערגעבליבענעם געטראָפן, האָט ער זיך איבער דעם איבערגעבויגן און אַהין דעם קאָפּ אַריינגעטאָן און מיט אים אַהין אַ ר יי ן, און דאַן, און שוין דאָרט מיטן קאָפּ שטעקנדיג, און דאַן, און אַ ווייל דאָרט אַזוי זיך זאַמענדיג, איז דערנאָך אַהין אויך מיטן קערפּער אַריינגעקומען, אַריינגעקומען – און שוין נישט אויף אַרויסצוגיין, אַראָפּ – און שוין דאָרט אויף פאַרשוואונדן ווערן אינגאַנצן.

ג.

און צום דריטן מאָל, און ווידער אין אַן אָוונט, איז מיטן הייליגן אָט־וואָס פאָרגעקומען:

און געווען איז דאָס אַזוי: — ווי דער הייליגער איז דאַן אויף זיין אָרט פון זיינע נאַכט־געבעטן אין דער מדבר־מיט אַליין און אונטער שטערן־הויך געשטאַנען, און ווי ער האָט שוין לאַנג זיין צייט און אונטערן הויכקייט דאָרט אָפּגעפּאַר־בראַכט, און קאָפּ און אויגן פון דאָרט שוין צוגענומען, אויף דער מדבר און אויף פאַר־אים־ליגנדיגער זיך אַרומצווזעהן, אויף זי צו באַטראַכטן און פאַרן פאַר־שלאָפן אָפּגיין, אויף איר אַ קוק צו טאָן און פאַרן אין־הייל זיך אומצוקערן, — אַזוי האָט ער דערזעהן, ווי ווייט און פון הינטער אַ האָריזאָנט אַרויס, ביים סאַמע עק, און וואו ערד און הימל צונויפגייען זיך, האָט זיך דער הימל און פון זיין פאַרמאַכטקייט געעפנט, פאַמעלאַך און מיט אַן עפעניש, מיט אַזוינעם און וואָס אין הימלען נאָר מאַכט זיך, און מיט אַן ארט, און ווערדליג עמי־צער זאָל פון דאָרט אַרויסגיין קאָנען, אָבער מיט אַ שמאָלן און פון־אַ־טיף־געקומענעם, מיט אַ לאַך־פאָרמדיגן און נישט פון קיין פאַרנעם קיין גרויסן; האָט זיך עס אויפגעעפנט, איז דאָס פריהער פריי און נישט פאַרנומען געווען, אינעווייניג און געפינסטערט און נאָר ביי די ברעגעס און ביי די זוימען אַרום איז מיט עפּעס אַ שיין און אַ שוואַכליכער, מיט אַ קאַלט־שטערנדיגער און מיט אַ ווייסליכער אַרומגעזוימט געווען; איז דאָס אָרט דאָרט אַ ווייל און צוויי ווי איבערגעלאָזט און ליידיג געשטאַנען, און קיינער האָט זיך אין דעם נישט מיט קיין קאָפּ און נישט מיט קיין קערפּער באַוויזן, אַליין נאָר די שיין, וואָס ביי די זוימען־ברעגעס, האָט זיך געשטאַרקט און אַלע מאָל אַלץ ליכטיגער און העלער געוואָרן, און פריהער

דאָס אויסוויינִיגסטע און דאָס בּרעגעדיגקייט מיט ליכטיגקייט בּאַלויכטנדיג· האָט אויך דערנאָך אין אינעווייניגסטן און אין טיפקייט מיט שיין אַריינגעשיינט·

האָט זיך אין דער מיט דאַן בּאַשיינט פריהער אַ קאָפּ· דערנאָך אַ האַלבּער גוף און לסוף אַ קערפּער און אַ גאַנצער זיך בּאַוויזן· און אַרויסגעקומען מיט אַ שטיל־קומען· מיט אַ ווייטן און אַ הימלדיגן· מיט אַ דאָרטיגן און ווי פון אַן אַנדער וועלט אַ ווייטער· האָט דער קאָפּ דאָרט זיך אָפּגעשטעלט און שטיין געבּליבּן· און פון האָריזאָנט און פון הימל־פענסטערל אויפגעעפנטן אויף מדבּר און אויף איר ווייטקייט אַרויסגעקוקט· אויף דער ליידיגער און מיט גאָר־נישט־פאַרנומענער· אויף דער אויפגעראָמטער און וואָס קיינער האָט זיך אין איר נישט געפונען דעמאָלט; נישט אין איר אַרום און נישט אין איר ערגיץ קיילאַכיגקייט· נישט אויף אירע האָריזאָנטן· און וואו קיין פּינטעלע האָט געפינטלט· האָט דער קאָפּ דאַן אַזוי די מדבּר און איר פּוסטקייט אויסגעזעהן· האָט ער אָבּער פלוצלום דעם הייליגן און אויף זיין אָרט שטיין דערזעהן: ווי ער שטייט אַזוי און צום קאָפּ און צו זיין האָריזאָנט געקערעוועט· און ווי ער שווייגט אזוי און שטיל אויף קאָפּ די אויגן אָנגעשטעלט האַלטנדיג· האָט דער הייליגער אַזוי אויפן קאָפּ געקוקט און בּאַטראַכט אים פון ווייטן· און אויך דער קאָפּ אויף הייליגן האָט צוריקגעקוקט און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט· האָבּן זיי זיך אַזוי בּאַטראַכט: בּיידע שטילע· בּיידע גלייכע· בּיידע זיך זעהענדיגע און איינס צום אַנדערן מיט קיין טריט זיך נישט דערנעהענדיגע· האָבּן זיי זיך אויסגעוואַרט· האָט לסוף און נאָכן אָנקוקן־זיך לאַנגן· דער קאָפּ פון הימל־פענסטערל *זיין* קוק און *זיינע* אויגן פאַרן הייליגנס קוקן און הייליגנס אויגן אַראָפּגעלאָזט· און דאַן· און נאָכן אויגן־אַראָפּלאָזן שטילן· און דאַן און נאָך אַ

ווײַלע אַזוי זיך אויפהאַלטן, האָט דער קאָפּ לסוף אַ פוס און פריהער אײנעם פונם אָרט און פון אין־הימל־אויפגעעפנטן אַרויסגעשטעלט, און נאָכן ערשטן פוס אַ צווייטן, און נאָכן צווייטן מיטן דריטן און אויך מיטן פערטן אַרויסגעקומען, און שטיל, און אַזוי אַרויסגײיענדיג, דאָס אָרט, און פון וואַנען ער איז אָנגעקומען, פאַרלאָזט, און מיט קערפּער און מיט גאַנצן זײנעם שוין אויף הימל און אויף פרײיען זיך באַוויזן.

דאָס איז דער שטערן־בער, דער הימלשער און דער שווײַגנדיגער, דער הימל־שומר און דער נאַכט־דאָרט־היטער געווען. האָט ער זיך מיט זײן אָנקומען פאַר דער מדבר באַוויזן און מיט זײן היטער־באַזוך אין הימל־עק אין יענעם, און ווי זײן שטײגער אין הימל אויבן, האָט אויך אין דער מדבר דאַן זײן שטראַל־שטערנדל אין קאָפּ, און אויף מויל אים זײן מויל־שלאָס געטראָגן און, אויך ווי דאָרטן, האָט אויך דאָ אַרום זיך און אַרום זײן נאָהענטקײט געדרײט זיך, און מיט זײן קאָפּ און מיט זײן מויל־שלאָס און אויף באָדן ווי געענישטערט. האָט ער זיך אַזוי אַרום דעם אָרט, און פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַן, אַרומגעקוקט, אַרומגעקוקט און זיך אַרומגעזעהן, און וואָס געדאַרפט דאָרט נויטיג, און דערווײל נאָך אויפן האָריזאָנט און נאָך אונטן זיך געהאַלטן, און פון מדבר־הימל און פון זײן הויכקײט נאָך נישט געדענקט און נישט געטראַכט אפילו.

האָט זיך דאָס אָרט, און פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען דערווײל זיך לעשן און צומאַכן גענומען: פריהער די שײן, וואָס פון אינעווײניג איז אויסגעגאַן, דערנאָך אויך דאָס ליכטיגקײט, וואָס האָט דאָס אויפגעעפנטקײט און דאָס ברעגעדיגקײט באַלויכטן. האָט דאָס אָרט פּאַמעליך־פּאַמעליך אַלץ אײנגעשרומפּענער און פינסטערער גענומען ווערן, און געגאַנגען און אײנגעגאַנגען און געצאַנקען און געלאָשן זיך אויסגײיענדיג;

האָט זיך עס לסוף אינגאַנצן אויסגעלאָשן, האָט זיך עס דערנאָך אויך אינגאַנצן פאַרמאַכט, איז דאָס אָרט שוין פון אַרום און פון גאַנצן איבעריגן הימל־עק דאָרטיגן מיט גאָרנישט און נישט דערקענט געוואָרן, נישט מיט קיין שיין און נישט מיט קיין פון־פריהער־פאַרבליבענער, און נאָר ווי דער גאַנצער האָריזאָנט און ווי דאָס גאַנצע האָריזאָנטישע געפינסטערט. אַליין נאָר דער שטערן־בער איז, ווי נאָך זיין אַרויסגיין, אויך נאָכן אָרט־פאַרמאַכן־זיך פאַרבליבן, און שטיל, און אַזוי פאַרבלייבנדיג, האָט ווי עפּעס ביי איינעם אַ שטערן זיך פאַרהאַלטן, און אַזוי, און זיך פאַרהאַלטנדיג, איז אויף יענעם אָרט דאָרט געשטאַנען.

אַזוי אַ מינוט און אַזוי צוויי, און געשטאַנען און נישט גערירט זיך, און פאַרטראַכט, און דעם קאָפּ אַראָפּ און צום באָדן דאָרט אַראָפּגעלאָזט, האָט ער אים אַראָפּגעהאַלטן און ווי באַדענקט זיך עפּעס בעריש, און געוואַרט און אויסגעוואַרט, און ביז ער ווער פון באַדענקען־זיך זיינעם צו עפּעס אַ דערמאָנונג קומען. איז אים לסוף דאַן ווי אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריינגע־קומען, האָט ער זיך ווי אָן עפּעס דערמאָנט; האָט ער דעם קאָפּ פון צום־באָדן־אַראָפּגעלאָזטקייט און פון צום־שטערן־קוקן אויפגעהויבן און צו מדבר און איר מיט, און צום אָרט, וואו דער הייליגער איז געשטאַנען, אַ קוק געטאָן. האָט ער דעם הייליגן, ווי פריהער, און אויף זיין אָרט נאָך געטראָפן, אויף זיין שטילן און אויף זיין אויסוואַרטנדיגן, אויף זיין אַלייניגן און אין זיין מיט אין דער מדבר, האָט ער אים ווייטער באַ־טראַכט, באַטראַכט און שטיל געוואַרט, און נאָך אַ ווײַלע און מיט זיין קוק אויף אים זיך אויפגעהאַלטן. און דאַן, און נאָכן אָפּקוקן שטיל, האָט די פיס און פון זיין אָרט דאָרט אָפּגעטיילט, האָט ער דעם הימל־עק און דעם האָריזאָנט פאַרלאָזט און ווי מיט דער דעה צו זיין הויך, צו זיין מיט, און וואָס איבערן קאָפּ פון הייליגן, אויפצוגיין.

און דער שטערן־בער איז אויפגעגאַנגען.

שטיל פון האָריזאָנט פון אַראָפּליגנדיגן און פון פאַר־רוקטקייט פון דאָרטיגן אויף הימל און אויף העכערן, אויף אויפגייענדיגן און אויף אויסגעשטערנטן שוין פון אויבן, איז ער שוין אויף דער שטערן־סטעזשקע, דער נישט גלייך ליגנדיגער, דער מיט פלעקן־ליכט באַפלעקטער און מיט שטערן־שטויב באַשפּרענקלטער און באַשאָטענער דאַן געקומען, גע־קומען און דורך דער סטעזשקע אין הימל אַרויפגעגאַנגען, און אַרויף און אין דער הויך געשפּאַנט, און מיט צייט און מיט הימל־רוהיגקייט מיט זיינעם, מיט שפּאַנענדיגקייט און מיט בער־געדולד מיט גרויסן, און אויך מיט דרייען־זיך און אַלע מאָל דעם קאָפּ אויף אַן אַנדער זייט קערעווענדיג, ווי זוכנדיג און אויסזעהענדיג, און אויף אַלץ, וואָס אויף וועג און פאַר אים דאָרט ליגנדיגן אַכטונג געבנדיג. איז ער אויפגעגאַנגען, איז ער לסוף און נאָכן אויפגיין פּאַמעליכדיגן אין הימל און צו זיין העכסטער הויך געקומען, און דעם הייליגן אויפן קאָפּ פונקט, אויף זיין אונטן־שטיין און אויף זיין מדברשן, געשטעלט זיך, האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און שטיין געבליבן, און נישט גערירט זיך מער און זיך פאַרהאַלטן דאָרטן, און נישט געגאַן שוין מער און מער שוין גיין ווי נישט גערעכנט, — און שטיל און אַזוי זיך פאַרהאַלטנדיג, און נאָך שטילער און פון דאָרט שוין נישט אָפּגייענדיג, איז אויף לאַנג און אויף אַ צייַט אַ לאַנגער, ווי אויף עפּעס דאָרט טון און אויף עפּעס דאָרט אויספירן, פאַרבליבן...

שטיל און איינִיגע מינוטן... און דערזעהן האָט דאַן דער הייליגער אויפן אָרט, און וואו דער בער האָט זיינע פעדער־פיס פאַרהאַלטן, ווי שטיל און אין הימל־באָדן האָט זיך אַ שפּעלטיקל אַ קליינס אין הויכקייט און אין הימלשן אויפגע־עפנט, אַ פּיצעלע און אַ מינדסט, און ווערליג אַ שטראַל, און

וועדליג נאָר אַ שוואַכער זאָל פון דאָרט אַרויסשטראַלן קאָנען. האָט זיך טאַקע באַלד און דורך דעם הימל־טונקלקייט דאָרטיגן אַ שיין זיך דורכגעשלאָגן — אַ שוואַכע און אַ קוים־אָנגעזעהענע, אַ בלאַסע און ווי אין שווערקייט און אין מאַטקייט געבוירענע. איז זי אַזוי פּאַמעליך און דורך דעם שפּעלטיקל דאָרט דורך, און אויף הימל און פּאַר מדבר זיך באַוויזן, און מיט ווייטקייט און פון הויך־געקומענעם, מיט אָפּגעצערטקייט און קוים־זיך־דורכגעשלאָגענעם פון הויכן. האָט זי זיך אָבער באַלד און געשטאַרקט אין שפּעלטיקל און דאָס פּאַרברייטערט און דאָס צענומען באַלויכטנדיג, און אַזוי, און דאָס פּאַרברייטערנדיג, האָט פּאַר דער מדבר, פּאַר דער ווייט־און־אונטן־ליגנדיגער שוין ווי מיט אַ מויל און מיט אַ קוואַלעכל, מיט אַ ליכטיגן און מיט אַ לויכטנדיגן זיך אויפגעעפנט...

זיך אויפגעעפנט, האָבן טאַקע באַלד און פון קוואַלעכל שיין־טראָפּעלאַך און ליכט־קאַפּעלאַך קאַפּען גענומען, פריהער קליינינקע און וויניגע, איינציגע און ווי וואַסער־טראָפּעלאַך פּאַמעליכנדיגע, און געפאַלן און אַראָפּגעפאַלן; זיינען זיי געפאַלן און אַראָפּ צו מדבר און באַלד אויף וועג און באַלד אויף דער מיט זיך אויסגעלאָשן, אַראָפּגענידערט און געגאַנגען, און ביז אַראָפּ און מיט שיין זייערער נישט דערגאַנגען; האָבן זיי זיך אָבער אַזוי גייענדיג געשטאַרקט אַלץ מער, און אונ־טערגעקומען און געמערט זיך, און שוין גיכער און ליכטיגער זיך געגאָסן, און דעמאָלט און אין גאַנג אין זייערן, טראָפּעלאַך מיט טראָפּעלאַך און אינאיינעם זיך צונויפגעגאָסן; האָבן זיי אויף מדבר און אויף איר מיט־דער־גרויס מיט אַ שיין־געלויף און מיט אַ פליייך־ליכט אַראָפּגעפלייצט, מיט אַ מיינגעדיגקייט און מיט אַ שטראַלנדיגקייט אַזוינעם, ווי בשעת אַ רעגן און ווען ס'איז אַ זון מיט אַ רעגן, האָט זיך אין הימל־קוואַלעכל און הויך־הויך דאַן פריהער עפּעס אַ באַשפּעניש און אַ קליינס

זיך באַוויזן, פון ליכט־קוואַלעכל אַרויס און אין ליכט־שטראָם אַריין, און זיך דאָרט געטראָפן און זיך געבאַרבלט עפּעס לעבעדיג, און פריהער גאָר שוואַך און קוים פון אונטן אָנגע־זעהן, האָט אַלע מאָל נאָר פון אונטערן הימל און אין הויכקייט זיך באַוויזן, און באַלד און נאָכן באַווייזן־זיך דאָרטיגן צוריק זיך אויסגעלאָשן און נישט געבליבן פּלוצלום, און אַזוי איין מאָל, און אַזוי עטליכע מאָל, האָט נאָר אויפגעליכטיגט און אויפגעשטראַלט, און באַלד ווידער נישט געבליבן, און באַלד ווידער פון אויג פאַרשוואונדן...

איז דאָס באַשעפעניש אָבער לסוף און שוין אינגאַנצן, שטראַלנדיג און העל־שטראַלנדיג, אַרויס, און שימערירנדיג אין גאָלער ליכטיגקייט, און מיט קעפעלע אַראָפּ און מיט פיסעלאַך אַרויף און אויף אונטן און אויף אַראָפּ־זיך־לאָזן אָנ־געגרייט, און פליגעלאַך האָבן ביי דעם אויף די פּלייצעלאַך געפּאָכעט און דערווייל דאָס געהאַלטן און אויפגעהאַלטן פון אויבן, האָט עס אַ ווײַלע און צוויי אַזוי און אונטער הימל און אין איבערגעקערטקייט זיך נאָך געהאַלטן, האָט זיך עס דערנאָך אויך אַראָפּגעלאָזט; פריהער פון דער הויך און אויף דער לופט־מיט געקומען, דערנאָך אויך פון דער מיט און נידעריגער און אויף אונטן זיך געלאָזט, און געפלויגן און אַלץ אַראָפּ צו, און וואָס אַמאָל, אַלץ מער און מער און צו דער ערד זיך דער־נעהענט, — און אַזוי און אין ליכט זיך דערנעהענטערנדיג, איז לסוף אויף מדבר און אויף ערד, אויף באָדן און אויף זאַמד געקומען, און פאַר הייליגן, פאַר זיין שטיין, מיט שיין און מיט העל, מיט ליכט און מיט לויכטנדיגקייט געבליבן.

דאָס איז אַ ליכט־מלאכל און אַ שטראַלנדיגס, אַ קליינס און ווי אַ קינד די גרויס, פון הוילער שיין און פון הוילן שטראַלנדיגקייט געווען, און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּעלאַך און מיט אַ געלעכטערל אין די אויגעלאַך, אין די הימלש־

קינדערשע; איז דאָס אַזוי און פון דער הויך אַראָפּקומענדיג, פאַרן הייליגן און פאַר זיין באַשטאַנד געבליבן, און שטיל און פונקט אים פאר די אויגן אַנטקעגן, און שמייכלענדיג און אויף אים די אויגעלאך אָנגעשטעלט, און אַזוי און זיי אויף אים אָנגעשטעלט האַלטנדיג, און אַזוי און מיט זיי אויף אים און אין ז יי נ ע קוקנדיג, האָט די גאַנצע צייט אין איין שמייכ־לען און אין איין ליכט־לעכעלען געהאַלטן.

– וואָס לאַכסט דו, ליכט־מלאכל? – האָט דער הייליגער צום פאַר אים שטייענדיגן ליכט־מלאכל זיך געקערעוועט און געפרעגט.

– פון זיך און פון דיר און פון הנאה פון גרויסער, – האָט דאָס מלאכל געענטפערט.

– פון וואָס אַזוינס?

– פון דעם, וואָס איך האָב וואוהין געדאַרפט, געטראָפן, און פון דעם, וואָס ביי אונז וועט מען צופרידן און פרייליך זיין.

– וואו „ביי אונז"?

– אויפן טייך די־נור, אויפן טייך פון פייער.

– ווער איז דאָרט און וואָס טוט זיך דאָרט?

– האַר מיך אויס, און ביז איך וועל פון פליהען אָפּרוהען. –

און דאָ האָט זיך דאָס ליכט־מלאכל פון הויכקייט און פון אַראָפּ־נידערן פון הימלדיגן, און פון אָנקומען אָפּאָטעמען גענומען, איז דאָס באַלד פונט אָרט, וואו ס'האָט זיך ביים אַראָפּפליהען און צופעליג געטראָפן, אָפּגעגאַן, אָפּגעגאַן, ווי אַ בעסער אָרט און אַ באַקוועמערס זיך אָפּגעזוכט, און ווי פעסטערער און פרייערער זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט. איז דאָס דאָרט שטיין געבליבן, האָט דאָס פריהער דאָס געלעכטערל און דאָס שמייכעלע פון די אויגעלאַך און פון די ליפּעלאַך איבערגיין געלאָזט, דערנאָך די פליגעלאַך און נאָך אויף די פלייצעלאַך פאָכענדיגע – אָפּרוהען און איינשטעלן זיך פון פאָכען. האָבן זיי זיך איינ־

געשטעלט, איז דאָס מלאכל דאַן ווי שוין ערנסטער און גע־זעצטער געוואָרן, האָט עס דאַן די אויגעלאַך און שוין אין ערנסטקייט און אין געזעצטקייט צום הייליגן געקערעוועט און מיט זיי צו אים און אַרויף אַרויפגעקוקט, און אַזוי, און מיט זיי צו אים אַרויף און גלייך קוקנדיג, האָט זיך לסוף אָפגערופן און אַזוי געזאָגט:

– און איצטער בין גרייט.

– אויף וואָס?

– אויף דיר פון אונז און אונזערע דערציילן, און אויב דו ווילסט און באַגערסט מיך פון אָנהויב ביזן סוף אויסהערן.

– איך וויל.

האָט דאָס מלאכל זיך ווי אין אַ פּאָזע אַוועקגעשטעלט, האָט עס אַ הענטעלע פון פאַר דעם ברוסטעלע און פאָראויס אַרויסגעשטרעקט, האָט דאָס אַ געשטאַלט און ווי פון אַ שיין־רעדנער באַקומען, האָט עס ווי אַ משל און אַ געזאַנג אויפ־געהויבן, אויפגעהויבן און אזוי געזאָגט:

– ביים טייך די־נור, ביים טייך פון פייער, זיצן אויס־געזעצט, ליגן אויסגעלייגט מלאכים טויזנטער, מיט מחנות רוהען דאָרט... – וואָס זיי טוען דאָרט? – אין טייך די־נור, אין טייך פון פייער, ברענען־בראָטן זיך נשמות זינדיגע, וויי־פאַר־שאָלטענע, וויי־און־ווינדיגע. און ביים ברעג פון טייך, ביי דעם רויכיגן, ביי דעם ברענענדיגן און ביי דעם בראַנדיגן, גייט אַ שמש אום, אַ פאַררויכערטער, און פון אַש פאַרשוואַרצט, און פון פעך פאַרפּעכט, גייט מיט שטעקן אום, מיט א לאַנגן דאָרט, מיט אַן אייזערנעם, ווי אַ דראָנג די לענג, – גייט אויף ברעג אַרום, קוקט, גיט אַכטונג דאָרט... – אויף וואָס? – מאַכט אַמאָל זיך ווען, אַ נשמה־זינד גייט פון צער שוין אויס, פון ווייטאָג־ליידעניש, און פון בראַנד און דאָרשט, און האָט קיין אָטעם נישט, בעט און חלשט שווער, פאַר אַן אַנדערער און

פאַר גסיסה שוין – פאַר אַ שכנטע: אפשר קאָן זי זי, אפשר מיגליך איז, אויף זיך צו נעמען זי, אויף אירע אַקסעלאַך, אויף זי צו אויפהויבן, אויף טייך און אויבער־פלאַך, אויף לעבן אָפּ־לעבן, אויף דאָרשט צו אָפּפרישן – און י ע נ ע באַשטייט. און נשמה דאַן שטעלט אויף יענער זיך, אויף דער צווייטער גוט, אויף דער שכנה וואויל, און מיט קערפּער קומט אויף דעם טייך אַרויס, אויף דעם אויבער־פלאַך און אויף פרישער לופט. דערזעהט דער שמש דאַן, דערזעהט דער שוואַרצער דאָרט, וואו ער זאָל נישט זיין, ווי ווייט נישט אָפּגעגאַן, – קומט און איילט אַהין מיט זיין שטעקן באַלד, שטרעקט צום אָרט אים אויס, צום אָרט, וואו אויפגעגאַן נשמות זינדיגע, און... טונקט זיי ביידע איין, צוריק אין טייך אַריין, צוריק צום פייערשאַפט, צו זייער שטענדיגקייט...

– וואָס־זשע טוען דאָרט מלאכים טויזנטער, וואָס־זשע שווייגן זיי, די באַרמהאַרציגע, אַז זיי זעהען עס, פאַר וואָס־זשע העלפן נישט? צי ס'אַרט זיי ניט, צי ס'רירט זיי נישט, יענע ליידן גאָר, פון די לעבנס דאָרט, יענער טייך פון צער, יענע קוואַל פון אַנגסט – אַז זיי זעהען אים, פאַר וואָס פאַר־לעשן נישט?"

– ניין, ס'איז ניט אַזוי, ניין, ס'אַרט זיי יאָ: – אויף דער לענג פון טייך, אויף ביידע ברעגעס גלייך, זיצן אויסגעזעצט, ליגן אויסגעלייגט מלאכים טויזנטער און צעהנער טויזנטער, און זיי וויינען דאָרט, און פאַרגיסן שטיל טרערן עלנטע און אומבאהאָלפענע, ווייל העלפן קאָנען נישט: דער טייך מוז ברענען דאָרט, און שמש אַכטונג גיט, ער זאָל נישט אויס־קילן, ער זאָל נישט אויפהערן, פאַרקערט, זיך שטאַרקן זאָל און שטאַרקער פלאַקערן, – מלאָכים קאָנען נאָר אַ מינדסט פאַרגרינגערונג, אַ לייכט פאַרלייכטערונג – אַהין אריינוויינען: זיצן, וויינען זיי, טרערן פליסן זיי אין גרויסן פייער איין, וואָס

בײַ ברעגעס טײַך, און עטוואָס לינדערן, אַ טראָפּ נאָר מינדערן דעם גרויסן ברען־און־בראַנד, אָבער וואָס קאָן קלעקן עס?

– „איז די עצה?‟

– ס׳איז קײן עצה נישט, ס׳איז קײן תּרופה נישט, מלאכים קײן מאָל נישט וועלן דאָס נישט בײַקומען, און נ י ש ט קײן אונזערער, און נ י ש ט קײן הימלשער, און דווקא אַן ערדישער, אַן אונטן־אײַנוואוינער, אַז ער וועט אָנקומען, אַז ער וועט ווײַזן זיך, – איז מיט אײנעם וואָרט נאָר זײַנס, דעם טײַך וועט אײַנשטילן, דאָס פײַער אויסלעשן, נשמות אויסלײַזן און שמש אָפּטרײַבן, און – דאַן אַן עק וועט זײַן.

– „און פֿון וואַנען ווײסט מען דאָס?‟

– פֿון הימל און בקבלה.

– „און ווער גיט דאָס איבער?‟

– אַן אַלטער און געניטער.

– „און וואָס זאָגט ער?‟

– אַזוי: – מלאכים ווײסן נישט, מלאכים קאָנען נישט, מלאכים אָהנמעכטיג אויף זיך צו נעמען דאָס, ווײַל מלאך ווײסט דאָך נישט, און כּלל באַגרײַפֿט דאָך נישט די מאַכט פֿון זינדיגן, די מאַכט די מעכטיגסטע, דערום באַגרײַפֿט אויך נישט, דערום באַנעמט אויך נישט די גרויס־יסורים־מאַכט, דעם גרויסן כּח־צער, דערום ער ווײסט אויך נישט, דערום פֿאַרשטײט אויך נישט, וואָס הײסט פֿאַר אַנדערן זיך מוסר־נפֿש זײַן, און מענטשן דאָס קאָנען, און דאָס איז דער עיקר.

– „איז דערום?‟

– דערום זאָגט אַלטער מאַן, דערום זאָגט הימל־מאַן, אויף ערד מען זוכן זאָל אַ מענטש אַזוינעם דאָרט, אַ שטילן אײנציגן, אַ ווײַטן אָפּגעשײדט, פֿון וועלט געזונדערטן; אים זאָל מען נאָכקוקן, אים זאָל מען אויסזוכן, זײַן אָרט געפֿינען דאָרט, צו אים און אָנקומען און קערן זאָל מען זיך, און אים אַזוי זאָגן:

— דו מענש, דו הייליגער, דו מענש, דו איינציגער, מיר האָבן נאָכגעקוקט, מיר האָבן אויסגעזעהן, דיין אָרט, דיין איינס אויף וועלט, דיין אָרט דאָס הייליגסטע און אויך די מעשים־דיין, און אויך דיין אויפפירונג, ווי דו פירסט זיך דאָרט, און וואָס דו טוסט אויף ערד, — זיינען מיר געקומען איצט, זיינען מיר געשיקט אַצינד צו דיר, דיין הייליגקייט, צו דיר, דיין גנעדיג־קייט, אום דיר צו פאַרלייגן, אום דיר צו פאַרשלאָגן, און דיר צו אָנזאָגן, און דיר אַזוי זאָגן: דו ווערסט געפּאָדערט, מענש, דו ווערסט געזוכט אַרויף, אין הימל־הויכקייט איצט, אויף הימל־זיצונג דאָרט... און זיין אַזוי ווערט דאַן, אַז מענש וועט פרעגן אייך: „אויף וואָס געזוכט ווער איך, אויף וואָס געפּאָדערט ווער אין הימל הויכן איצט, און וואָס פאַר זכיה האָב?"... — זאָלט איר אים ענטפערן, זאָלט איר זיך אָפּרופן, זאָלט איר אַזוי צו אים, אים דאַן אַזוי זאָגן: שוין דורות טויזנטער און צעהנער טויזנטער, אַז דער טייך די־נור, אַז דער פייער־טייך, ברענט און ברענט זיין בראַנד, און ברענען הערט נישט אויף, און וועלטן ליידן דאָרט און גייען אויס פון לייד, און קיינער העלפט זיי נישט, און קיינער העלפן קאָן, נישט מלאכים פיל און נישט די מחנות גרויס, וואָס זיי רוהען דאָרט, און וואָס זיי וואוינען דאָרט, און נישט די טרערן אויך, וואָס פאַרגיסן שטיל, — און שוואַרצער שמש נאָר, ער היט דאָס פייער אָפּ, עס זאָל נאָר פלאַקערן און זאָל נישט אויפהערן, און זאָל נישט אָפּקילן, און זאָל נישט שוואַך ווערן, נישט בייטאָג—ביינאַכט, און נישט קיינמאָל נישט, אויף שטענדיג פייניגן, אויף שטענדיג אנגסטיגן די לעבנס דאָרטיגע; — און נאָר דו מענש אויף וועלט, און נאָר דו איינציגער, אַז דו וועסט אָנקומען, אז דו וועסט דאָס דער־זעהן: דעם טייך און פייערשאַפט, זיין גרויסן גיהנום־בראַנד, און אומגעהייערקייט און אומברחמנותקייט, ווי ער ברענט מיט פלאַם און ווי ער בלאָזט מיט פעך, מיט רויך און אַש גייט

אויף, אין הימלס הויף אַריין, – וועסט דו מיט מאַכט דיין גרויס, פון איינעם וואָרט נאָר דיינס, פון דיין רחמנות ווילד, פון דיין דערבאַרמקייט, דאָס וואָרט אַ זאָג טון וועסט, דאָס איין־און־איינציגסטע, און טייך וועט איינשטילן, און גיהנום אויסלעשן, און שמש בטל שוין און גאָר מבוטל דאַן, און לעבנס אויס־געלייזט אויף אייביג־אייביגקייט...

– „און נו?"

– און דער מענש וועט אייך הערן, און דער מענש וועט מיט אייך אויפגיין.

– „און דאָס וואָרט?"

– דאָס איז דאָס ליבע־וואָרט, דאָס איז דאָס הייליג־וואָרט, דאָס איז דאָס הייליגסטע, פון זיך צו מקריב זיין.

– „און וואָס דאַרף ער זאָגן?"

– אַזוי: – פאַר אַלע ליידנדיגע און פאַר אַלע אין טייך זיך־פייניגנדיגע, און פאַר אַל־געוועזן, און פאַר אַל־וועט־זיין, פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע דורות, איז גרייט און אָנגע־גרייט אין טייך און אין פייער זיך אַריינוואַרפן – און מער גאָר נישט.

– „און ווער פאָדערט עס דעם קרבן?"

– דער שמש.

– „און אַז נישט?"

– גייט ער פון אָרט נישט אָפּ.

– „און נו?"

– ... האָט מען דערפון אין הימל גערעדט און גערעדט, האָט מען פריהער און פון צווישן זיך אַ שליח אויף דעם מענשן אָפּצוזוכן געזוכט, האָט מען אים לסוף געפונען, האָט ער יאָרן און לאַנגע יאָרן פונם הימל אויף דער ערד אַראָפּ־געקוקט, טעג מיט נעכט לאַנגע ביי אַ הימל־פענסטערל אָפּ־געלעגן און די ערד און אירע ווייטקייטן אויסגעזעהן, האָט

ער גאָרנישט נישט געזעהן, האָט ער זיך דערנאָך צו אַלע הימל־וויסנדיגע און הימל־געניטע זיך געווענדעט: „אפשר ווייסן זיי און אפשר איז זיי באַקאַנט אַזוינער, — אויף דער ערד און אַן איינוואינער, אַן איינציגער, אַ הייליגער, און פון גאָר־דער־וועלט און אַרויסגענומענער?“ האָבן זיי נישט גע־וואוסט, האָט ער זיך ווייטער און אַליין און איבער הימלען און אַרומבלאָנקען גענומען, אויף דער ערד אַראָפּקוקן און נישט געפונען דאָרט גאָרנישט, און ווייטער און צווישן הימל־לייט זיך אָנפרעגן: און אפשר וועט ער זיך פּאָרט דערשלאָגן, האָט ער זיך אַמאָל און אין אַן אָוונט אין איינעם, ארומבלאָנקענדיג און אין הימל דאַן גייענדיג, מיטן שטערן־בער זיך אָנגעשלאָגן, האָט ער זיך צו אים געקערעוועט: אפשר ווייסט ער, און ער דאַרף דאָך וויסן, וואָס אויף ערד און אונטער שטערן טוט זיך, האָט ער אים אויסגעפרעגט, האָט זיך דאַן דער שטערן־בער פאַרטראַכט, זיך אָפּגעשטעלט און שטיל געשוויגן, געשטאַנען און נאָר מיטן קאָפּ און מיט שטערן אין קאָפּ שטיל די פראַגע אויסגעהערט, האָט ער זיך פאַרקלערט, פאַרטראַכט און ווי באַדענקט זיך, געשוויגן און ווי אָן עפּעס דערמאָנען זיך וועלנדיג; האָט ער זיך לסוף דערמאָנט, האָט ער מיטן קאָפּ אויף יאָ און מיטן שטערן אין קאָפּ אויף געוויס אַ שאָקל געטאָן, אַן ערנסטן און אַ בערישן, אַ שווייגנדיגן און אַ זיכערן, האָט זיך דער שליח אויף זיין ענטפער יענעם פאַרלאָזט, האָט ער זיך מיט אים איבער הימלען און אויף זיין בערן־וועג גיין געלאָזט, האָט אים דער בער דאַן לאַנג איבער הימלען און אויף נאַכטישע געפירט, אויף ווייט־ליגנדיגע און מיט קיין זכר־שיין נישט שיינענדיגע, און מיט פוסט־און־וויסט־אַוועק־גייענדיגע, און מיט גאָרנישט נישט אָן ישוב דערמאָנענדיגע, איז ער מיט אים אַ נאַכט און אַ צווייטע, און נאָך איינע און נאָך אַ דריטע געגאַנגען, זיינען זיי לסוף און אין דער דריטער

נאַכט צו איינעם אַ הימל־עק דערגאַנגען, צו אַ שטילן און אַן אַראָפּליגנדיגן, צו אַ פאַרדרימלטן און מיט נאַכט פאַרבֿלאָזענעם; האָט זיך דער שטערן־בֿער דאָרט פון גיין פאַרהאַלטן, פאַר־האַלטן און זיך אָפּגעשטעלט, שטיין געבֿליבֿן און פריהער דאָס אָרט דאָרט אויסגעזעהן; האָט ער עס אַרומגעשמעקט און אַרומגע־נישטערט און בֿאַטראַכט און לאַנג אַזוי, און לסוף און נאָכן דרייען־זיך און אויסזעהן לאַנגן, האָט זיך דאַן אין הימל און אויפן אָרט יענעם שטייענדיגן ווי אַ פענסטערל און אַ הימלדיגס זיך אויפ־געעפנט, אַ קליינס און וועדליג דער בֿער זאָל דורך דאָרט אַרויסגיין קאָנען, אַ שמאָלס, און וועדליג דער שליח זאָל פון דאָרט אויף דער ערד אַראָפּקוקן. איז דורך דאָרט דער בֿער דאַן אַרויסגעגאַן, דער שליח דאַן נאָך אים און שטיל און פאַר־שטעלט אים נאָכגעגאַן; זיינען זיי פון הימל־עק אויף מיט־הימל געקומען, און אויף דער הויך און אויף דער סאַמע הימל־הויכקייט זיך אָפּגעשטעלט. האָט דער בֿער דאַן אַראָפּגעקוקט און ווי עפּעס געזעהן דאָרט פון אונטן, און דער שליח האָט אויך אַהין — אָבֿער נישט געזעהן אין נישט בֿאַמערקט דאָרט גאָרנישט. האָבֿן זיי אַ ווײַלע אַזוי געוואַרט, געוואַרט און געזאַמט זיך, גע־שוויגן און אַלץ אויף די ערטער געשטאַנען. האָט זיך אין הימל דאַן אַ ליכט־קוואַלעכל געשפּאָלטן, אַ שיינענדיגס און אַ טריפנדיגס, אַן אַראָפּגיסנדיגס און פאַרן שליח אַלץ פון אונטן דאָרט בֿאַ־לויכטנדיג, — האָט עס זיך געשפּאָלטן, האָט עס מיט ליכט און מיט קוואַלעכל געקוואָלן און מיט שיין און מיט שטראַלנדיג־קייט אַ וועג און אויף אונטן געמאַכט. האָט זיך דורך דעם וועג דער שליח און אַראָפּ זיך געלאָזט, און אַזוי און זיך אַראָפּ־לאָזנדיג און אַראָפּגעקומען פון אונטן, און שטיל און אַראָפּ־קומענדיג, האָט דעם הייליגן אויף דער ערד אין אַ בֿיינאַכט און אין אַ מדבֿר געטראָפּן און אין אַ מיט און אויף אַן אָרט, אויף אַן עלנטן און אַן אַלייניגן דערזעהן, — און דאָס אינגאַנצן.

— און?

— און אָט שטייט ער, און אָט איז ער געקומען.

— ווער פאַר ווּעמען?

— איך פאַר דיר. — און דאָ האָט זיך דאָס ליכט־מלאכל ווידער אַמאָל מיט זײַן געלעכטערל און מיט זיין אויגלדיגן, מיט זײַן פּנימלדיגן און מיט זיין שײַן־שמייכעלע צעשמייכלט, האָט זיך עס צעלאַכט און צעלויכטן, צעשיינט און צעשטראַלט אינגאַנצן, און שיין און שימעריר און ליכטיגקייט און שטראַלנדיגקײַט האָבן גיך דעם פון מויל און פון אויגן, פון אַלע איברימלאַך און פון אַלע גלידערלאַך זיך צעגאָסן.

— וואָס לאַכסט דו, ליכט־מלאכל? — האָט דער הייליגער, דערויף קוקנדיג און דאָס לויכטנדיג זעהענדיג, געפרעגט.

— שוין געזאָגט, — האָט דאָס ליכט־מלאכל שמייכלענדיג געענטפערט. — פון מיר און פון דיר און פון הנאה פון גרויסער.

— פון וואָס אַזוינס?

— פון דעם, וואָס כ׳האָב מיין שליחות דערפילט, פון דעם, וואָס כ׳האָב וואָס באַדאַרפט געפונען, און פון דעם, וואָס מיין זוכן איז מיט גליק־געפונענעם באַקרוינט געוואָרן.

— וואָס רעדסט דו, מלאכל?

— דאָס, וואָס דו הערסט, הייליגער.

שטיל און אַ פּאָר מינוט...

— און דיין באַגער? — האָט דער הייליגער נאָך שווייגן און אויפהאַלטן זיך ווייניגן צום מלאכל געקערעוועט.

— נישט מיינער, נאָר דער הימלשער, — האָט דאָס מלאכל דעם הייליגנס ווערטער פאַרריכטנדיג, געענטפערט: — דעם הימלס באַגער איז — דיך אַהין אַצינד אַרויפנעמען, דיך אַהין אַרויפברענגען און צום הייליג־הייליגסטן, און צו דעם גרויסן קרבן־פּרוב דיך שטעלן.

— און וואו איז דאָס געהערט געוואָרן?
— אַז וואָס?
— אַז מענשן זאָלן אין הימל אויפגיין?
— אַמאָל און אין קדמונים.
— ווי ווער?
— ווי חנוך און אליהו.
— און אין וואָס פאַר אַ זכיות?

— דו האָסט זיי און פאַרמאָגסט זיי, און אין הימל דאָרט ווייסט מען. — און דאָ האָט זיך דאָס ליכט־מלאכל און נאָך מער צעלויכטן, האָט זיך עס צעשיינט און צעשטראַלט אויף וואונדער, און דאָס העלקייט און דער אָפּשיין דערפון האָט דעם הייליגן און די מדבר אַרום דעם הייליגן מיט אַ ליכטיגקייט און מיט אַ העלישקייט באַלויכטן. האָט זיך דער הייליגער און די מדבר אַרום אים אין אַ שיַין־שיַין געפונען, אין אַ ליבער און אין אַ ליכטיגער, אין אַ גאָלדענער און ווי אין אַ זוניגער אַ גרויסער. האָט זיך דאָס גאָלדנקייט און דאָס שיינענדיגקייט געשטאַרקט און געמערט זיך שטאַרקנדיג, און געגרויסט זיך און געזוניגט, געלויכטן און שוין אויף ווייטע און אויף גרויסע מדבר־שטרעקעס דערלאַנגט. האָט דאָס מלאכל דאַן אין ליכטיגקייט און אין גרויס־געוואָרענעם — אויך אַ ל י י ן אַלץ גרעסער און גרעסער ווערן גענומען, אויפוואַקסנדיגער און אויפגייענדיגער און פון אַ מלאכל אַ מלאך ווערן, האָט עס פון פליגעלאַך — פליגלען און פון קערפערל — אַ קערפער באַקומען, האָט עס דאַן פאַמעליך־פאַמעליך צום הייליגן אונטערגיין און גענעהענען גענומען, און צוגעטרעטן און פריהער ווי מיט אַ זייט גערוקט זיך, און דערנאָך זיך אויסגעקערעוועט און מיט פליגלען צעשפרייטע און צום הייליגן מיט דער פלייצע זיך אָוועקגעשטעלט, ווי גרייט שוין און אים אַרויפנעמען, ווי אָנגעגרייט, און זאָל ער זיך אויף אים און אויף זיין זיכערקייט

פאַרלאָזן, און דאָס אָרט אויף פלייצע בײַם מלאך האָט שוין שטיל געוואָרט, און די פליגלען אָנגעבּרייט און אויפגעשטעלט: און זאָל ער זיך אַהין און צווישן זיי זיך אַרויפפלייגן ... האָט ער אַזוי געוואַרט. דער הייליגער פון זיין זייט אָבער האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן, נישט אונטערגעגאַן און צו דער מלאך־פלייצע נישט גענעהענט, און נישט צוגעטרעטן און דאָס אָרט אויף פלייצע נאָך נישט פאַרנומען; האָט זיך צו אים דער מלאך דאַן און שוין ווי מיט אומגעדולד געקערעוועט, און פון אויסגעדרייטקייט און פון הינטן אַרום צו אים מיט אַ קוק און ווי מיט אַ בּייזליכן זיך אומגעקוקט: און זאָל ער זיך זעצן, און זאָל ער נישט זאָמען, מ'וואַרט אויף אים און וואַרטן איז קיין צייט נישטאָ ... האָט זיך אָבער דער הייליגער ווייטער נישט געאײַלט, און געזאָמט זיך, און אַלץ געשטאַנען, און אַלץ פון זײַן אָרט פון זיין פריהערדיגן נישט אָפּגעגאַן, און נאָר געקוקט און אויפן מלאך די אויגן אָנגעשטעלט געהאַלטן, אויף זיין צו אים אויסגעדרייטקייט און אויף זיין צו אים דאַן בּייזן קוקן. איז דער מלאך דאַן און ווי נאָך מער בּייז געוואָרן, האָט ער זיך פון אָנגעבּויגנקייט און פון אויסגעדרייטקייט אויפגעשטעלט און שוין צום הייליגן און גלייך זיך אוועקגעשטעלט, – און אַזוי און מיט אים שוין פּנים צו פּנים זייענדיג, און אַזוי אויף אים שוין גלייך קוקנדיג, האָט זיך צו אים דאַן האַרט געווענדט און אים אַזוי געזאָגט.

— און נו, הייליגער?

— וואָס „נו", מלאך?

— וואָס זאָמסטו זיך און וואָס פאַרהאַלטסט דו מיך?

— פון וואָס?

— פון אין הימל אויפגיין און פון דיך אַהין אַרויפּבּרענגען.

— איך וויל נישט און איך קאָן נישט אויפגיין!

— פאַרוואָס? — האָט זיך דאַן דער מלאך צום הייליגן צוגערוקט, און ווי אויף זיינע רייד זיך פאַרוואונדערט, און ביי אים שטיל געפרעגט.

— ס׳איז פאַלש און עבודה־זרה! — האָט אויך דער הייליגער דאַן צום מלאך צוגעטראָטן, פאַר אים האַרט און נאָהענט זיך געשטעלט, אים אין די אויגן אַריינגעקוקט, זיין שטים געהעכערט און אויסגעשריגן: — ס׳איז פאַלש און געצן־דינסט!

— ווער און וואָס?!

— ווער איז דער עדות דיינער, מלאך?! — האָט דער הייליגער דאַן דעם מלאך אינמיטן די רייד איבערגעשלאָגן און ביי אים נאָך מיט מער האַרטקייט און מיט מער שוין שטאַרקייט געמאָנט: — ווער איז דער עדות דיינער?

— אויף וואָס עדות?

— אויף דיינע רייד און אויפן שליחות דיינעם.

— מיין עדות? — האָט דער מלאך דאַן שוואך און שטאַמלענדיג, ווי איבערגעשראָקן אין מיט שטים שוין געפאַלענער, און בעת מעשה ארויף און אין הימל קוקנדיג, און מיט די אויגן דאָרט ווי עפּעס נישט זיינענדיגס זוכנדיג, געענטפערט — מיין עדות? דער שטערן־בער, דער ... דאָ ... אויבן שטייענדיגער.

— וואו און וואָס? — האָט דער הייליגער דאַן אויסגעשריגן און דעם קאָפּ אַרויף און צום אָרט, וואו דער שטערן־בער האָט זיך באַוויזן און דעם ליכט־קוואַל אויפגעעפנט, אויפגעהויבן.

און דערזעהן האָט דער הייליגער, אַהין דעם קאָפּ אויפהויבנדיג, און הויך און אויף אויבן קוקנדיג: ווי קיל און אָפּגעקילט, פאַרלאָשן און פינסטער האָט דאָס קוואַלעכל שוין יענס, שוין ווי אַלע ערטער און איבערן ג אַ נ צ הימל דאַן

אויסגעזעהן; איז דאָס אָרט שוין גלייך ווי אומעטום, פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, מיט קיין נשאר־ליכט און מיט קיין סימן פון געוועזענעם נישט פאַרבליבן, האָט עס געטונקלט און ווי נאָך גאָרנישט נישט פאָרגעקומענעם געשטאַנען, נאָר מיט שטערנד־לאַך און אַרום געשטעלט, און נאָר מיט שטערן־שיין און שוואַך באַלויכטן שוין ווי תמיד און אויך פון שטערן־בער איז שוין קיין סימן נישט געווען, און פון זיין שטאַנד און שטיין דאָרט קיין זכר נישט קיין מינדסטער. האָט דער הייליגער אויפן גאַנצן הימל און אויף אַרום מיט די אויגן אים געזוכט, געזוכט און אויסגעקוקט, און אים נישט געזעהן און פון אים קיין דער־מאָנונג נישט געפונען, נאָר ווייט און אויף אַ האָריזאָנט ערגעץ, אויף דער קעגן־זייט, און אַנטקעגן דער, פון וועלכער דער שטערן־בער האָט זיך צום ערשטן אויפן הימל ארויסגעוויזן, איז איצט שטיל, און מיטן קאָפּ אין אַ ווייטקייט אין אַ דאָר־טיגער, און ווי פאַרן פאַרגיין און פאַרשוואונדן ווערן, געשטאַנען דאָרט דער בער, געשטאַנען און מיטן הינטן צו מדבר־הימל אויסגעקערעוועט, און ווי פאַר לעצט און ווי פאַרן אָפּגעזעגענען־זיך מיט דאַנען; האָט ער זיך דאָרט איצט אַזוי געוויזן, האָט ער אַזוי און פאַרן פאַרגיין פאַר דאָרטיגן און זיך נאָך פאַר־האַלטן אַ ווײַלע, – און אַזוי און זיך דאָרט פאַרהאַלטנדיג, און אַזוי און דאָרט אויסגעקערעוועט שטייענדיג, האָט פאַר דער מדבר און פאַר דעם הייליגן געזאַמט זיך, און שטיל און אַזוי זיך זאַמענדיג, האָט פאַמעליך־פאַמעליך צו פאַרגיין און איינ־גיין, זיך אַרויסרוקן און נישט־בלייבן אָנגעהויבן...

– און וואָס, מלאך? — האָט זיך דער הייליגער דאַן פון צום ווייטן־בער־קוקן אויסגעדרייט און אויף מלאך און אויף פאַר אים שטייענדיגן די אויגן געווענדט, — און וואָס וועסט דו איצטער זאָגן?

– וואָס זאָגן?

– אויף דעם בער און אויף דעם עדות דיינעם?

– גאָרנישט... – האָט דער מלאך, שוין פאַרשעמט און אָפּהענטיג, אָפּגעלאָזן און ווי צוריק זיך רוקנדיג, געשטאַמלט.

און דערזעהן האָט דער הייליגער, אויפן מלאך און נאָך זיין ענטפער יענעם אויף אים קוקנדיג, ווי פאַמעליך־פאַמעליך איינגייענדיגער און אויסגעלאָשענער געוואָרן איז אַלע מאָל אַלץ מער און מער דער קערפּער דאַן פון מלאך: פריהער דער קערפּער מיט זיין העלער ליכטיגקייט, דערנאָך אויך די איברים מיט זיין קאָפּ און אויגן־ליכטיגקייט האָבן זיך לעשן גענומען, איז ער אַלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרן, און קלענער און באַנומענער, און איינגעשרומפּענער, און איינגייענדיגער פון ווילע צו ווילע. האָט ער זיך דאַן אַזוי צוריק גערוקט און ווי צו דער ערד צו זיך געבויגן, ווי דאָס הימלשע און די אויבן־השפּעה פאַרלוירן און פון קוואַל און פון אויבן־קוואַל אָפּגעריסן, איז ער אַלץ געמינערטער און געמינערטער, אויסגעלאָשענער און פון ליכט־ווינציגקייט איינגעגאַן, האָט ער לסוף ווי אַן ערד־מראה באַקומען, ווי אַלץ דאָס ערדישע און אַרום אים ליגנדיגע, און ווי אַלץ אַרום און אַל־דאָס ערדישקייט אין דער מדבר; האָט ער לסוף ווי אַ שרצל אַ קליינס, ווי אַ קריכנדיגס און ביי דער ערד זיך־האַלטנדיגס אויסגעזעהן, און מיט אַ הויקערל אויף די פּלייצעלאַך און מיט אַ שלאַנג־עקעלע און מיט אַ לאַנגס, זיך דעם נאָכשלעפּנדיג; האָט ער זיך אַזוי צו דער ערד און ווי צו איר נאָהענטקייט געטוליעט, געטוליעט און אָן איר זיך געריבן, און לסוף אין איר זאַמד און איר זאַמדיגקייט ווי אַ גריבעלע אויסגעריבן; איז ער אַזוי און נאָך לאַנגן רייבן זיך דאָרט שרצדיגן אַהין אַריין, שטיל דאָס קערפּערל אינעווייניג אַריינגערוקט, און מיט קעפּעלע אין דרויסן און נאָך אַרויס אַרויסגעשטעקט; האָט עס דאָרט אַזוי געשטעקט, האָט עס פאַר לעצט און פאַר אויך־דאָס־קעפּעלע־אַהין־אַריינ־

ציהען פון גריבעלע און מיט אויגעלאַך נאָך אַ בלישטשע געטאָן, מיט אַ לעצטן בלישטש און מיט אַ שלאַנג־בייזן, און ווי מיט כּעס מיט גרויסן און מיט נישט מוחל־זיין אויף פאַר־געקומענעם, און באַלד און נאָכן אויפבלישטשען מיט אַמאָליגן איז ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן פּלוצלום, און שוין פינסטער און אויף איינגאַנצן, און מער און שוין נישט צו באַווייזן־זיך מיט אויגן; און אַזוי, און נאָכן אויסלעשן־זיך, און אַזוי, און נאָכן לעצטן ליכט־אָנקום, האָט שטיל און אויך דאָס קעפּעלע אַריינגעצויגן, און שטיל און דאָס אַריינציהענדיג, איז אויף מער שוין נישט אַרויסצוגיין, און אויף מער שוין נישט אַרויס־צוּווייזן־זיך, פאַרשוואונדן.

שטיל און איניגע מינוטן... האָט זיך אין הימל און איבערן קאָפּ פון הייליגן אַ קול דאַן דערהערט, אַ קול פון דער הויך אַן אַראָפּגעקומענס, אַ שטים און צום הייליגן אַ רופנדיגע, האָט זי דער הייליגער דערהערט, די שטים, האָט ער אויף גיך דעם קאָפּ, פון לאַנג און פון צום שרצל אַראָפּקוקן, אויפגעהויבן, און אַרויף און צום הימל אים געווענדט, האָט ער דאָרט דערזעהן:

האָט זיך אין הימל אויבן און ווידער און נאָך אַ מאָל, און איבעראַנייס און אַ פענסטערל אויפגעעפנט, אַ קליינס און אַ מילדס, און וועדליג נאָר אַ קאָפּ און וועדליג עטוואָס נאָך אויסערן קאָפּ זאָל זיך אַרויסשטעקן קאָנען, האָט זיך טאַקע באַלד און אינם פענסטערל אַ קאָפּ זיך באַוויזן, האָט ער זיך צום הייליגן, און וואָס איז פּינקטליך און א ו נ ט ע ר אים געשטאַנען, זיך גע־קערעוועט, און באַלד און זיך צו אים אָנגערופן און דאַן און אים אַזוי געזאָגט:

– הייליגער, דיין צייט אין מדבר איז פאַרביי, דיין צייט פון איר אַרויסגיין איז געקומען, און זיי גרייט, און זיי אָנגעברייט, און נאָך היינט ביי דער נאַכט דאַרפסט דו ד י מדבר פאַרלאָזן...

און דאָ האָט דער קאָפּ באַלד פון פענסטערל אַ שטעקן מיט אַ טאָרבע אַרויסגעשטעקט, האָט ער זיי אַרויסגעלאָזט און פּאַמעליך־פּאַמעליך אויף דער ערד און ווי דורך אַ שנירל זיי אַראָפּגעלאָזט. זיינען זיי לסוף און נאָכן אַראָפּלאָזן־זיך לאַנגן צום הייליגן און צו פּאַר זיין אָרט געקומען, און גלייך און ווי אַ האַנט אַ פאַרהוילענע האָט דעם הייליגן און אויף זיין נזיר־אָנגעטאָן שטיל און ווי עפּעס נאָך אָנטון געגומען: —

די טאָרבע אים אויפן רוקן און אַרויף אויף דער פּלייצע אים אַרויפגעצויגן, און דעם שטעקן אין זיין האַנט, אין זיין רעכטער, אין זיין צוליב־דעם־אויפגעהויבענער, אַריינגעשטעקט:

— גיי...

און אַז דער הייליגער האָט דאַן זיינע אויגן צום הימל־קאָפּס אויגן אויפגעהויבן און שטיל און מיט קוק נאָר דעם קאָפּ אויף „וואוהין?" אַ פרעג געטאָן, האָט זיך פון הימל־פענסטער, פּאַמעליך און אַ האַנט שטיל אַרויסגעשטעקט, און דעם הייליגן אויף דער מדבר, אויף דער ווייטער און אויף דער נאַכטישער, אויף דער אויפן האָריזאָנט־אַוועקגייענדיגער און אויפן אַלכסון דאָרט אָנגעוויזן:

— אַהין...

און שטיל איז דאַן די מדבר, נאָכדעם וואָס מיטן הייליגן איז פּאָרגעקומען, געוועזן. שטיל ווי תּמיד און ווי אין אַלע האַלבע נאַכט, איז די מדבר אויך דאַן מיט איר שווייגנדיגקייט און מיט איר איינגעדרימלטקייט געלעגן, און מיט אירע הימל־עקן מיט די ווייטפאַרשלאָפענע און מיט אירע האָריזאָנטן־ווייטקייטן, און מיט זאַמדיגקייטן מיט זייערע. איז דער הייליגער דאַן אויף זיין אָרט און וואו דער ליכט־מלאך איז אים פאַרשוואונדן געוואָרן, געשטאַנען, געבליבן און איינער אַליין, ווי פאַרלאָזט און עלנט פון אַלעם מדברישן און פון אַלעם נאַכטישן אין דער מדבר אַרויסגענומען, און ווי נישט געדענקט

פון קיינעם און נישט דערמאָנט פון ערגעץ, נישט פון דער נאָהענט און נישט פון דער ווייט דער דעמאָלדיגער, ווייל יעדערער איז זיך דאַן ווי מיט זיינעם פאַרנומען געווען, מיט זיין אָרט זיין אָפּגעזונדערטן און מיט זיין צייט דער שפּעטער, און קיינער האָט דעם הייליגן נישט און זיין שטיין און נישט אין זיין פאַרן אָפּגיין געזעהן. אַליין נאָר דער קאָפּ, וואָס האָט פון הימל־פּענסטערל אַרויסגעקוקט, האָט אויפן הייליגן די צייט די גאַנצע פון אויף אים צו קוקן נישט אויפ־געהערט, און פון אין אויג אים צו האַלטן, און אַלץ אונטער זיין בליק זיין הימלשן, און אַלץ זיין האַנט און אין דעם אלכסון אויסגעשטרעקט, און אַלץ אויף דער מדבר און אויף דער פריהערדיגער ריכטונג אָנווייזדיג. האָט דער קאָפּ פון הימל־פּענסטערל אויפן הייליגן געקוקט, און דער הייליגער איז שטיל און פון אונטן געשטאַנען און שוין די טאָרבע אויף פּלייצעס און דעם שטעקן אין האַנט געפילט. האָט ער נאָר אויף אַ וויילע די אויגן פון הימל צוגענומען און אויף מדבר און אויף איר אַרום זיי געווענדעט, האָט ער דאַן די מדבר די פון יאָרן אים באַקאַנטע באַטראַכט, באַטראַכט און פאַרן אָפּגיין באַלדיגן, זי אָנגעקוקט, און ווי פאַרן געזעגענען־זיך מיט איר לעצטן, האָט ער זיך מיט איר אַזוי אָפּגעזעגנט: מיט איר גרויס און מיט איר גרויזאַמקייט, מיט איר פון יאָרן אים היימישן און באַלד פון אים איבערגעלאָזטן און אים שוין פרעמדווערנדיגן. האָט ער אַ וויילע, און אַזוי זיך נאָך אין איר איינקוקנדיג, אויף זיין אָרט געזאַמט, האָט ער אָבער באַלד אין הימל און אָן קאָפּ אים דאָרט אויסוואַרטנדיגן זיך דערמאָנט, האָט ער דאַן תּיכּף ווידער די אויגן פון דער ערד צוגענומען און אַרויף זיי אויפגעהויבן. האָט ער ווידער דאָרט דעם קאָפּ און די האַנט נאָך אויף די ערטער און אויף די פריהערדיגע זייערע געטראָפן, האָט ער באַלד אַ גיי געטאָן און די פיס פון זיין

אָרט אָפּגעטײלט· האָט ער שטיל און וואוהין די האַנט האָט אים אָנגעוויזן· אויף מדבּר און אויף פון איר אַרויסגיין זיך געלאָזט· האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט· און אַזוי און זיך אַוועקלאָזנדיק· און אַזוי און צום האָריזאָנט און צום אלכסון שפּאַנענדיק· איז שטיל פון מדבּר און פון פּרוב פון מדבּר אַרויס· און פון יאָרן דאָרט־זײַן און פון יונגע יאָרן אין איר פאַרבּרענגען, אַוועקגעגאַנגען·

אַ בבא־מעשה

אָדער

די מעשה מיט די מלכים

אַמאָל איז געווען אַ מלך· אַ מלך, ווי אַלע מלכים, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ און מיט אַ שטול אויף צום זיצן, און מיט אַלע אייגנשאַפטן און מיט אַלץ, וואָס ס'געהער צו מלכים· איז דער מלך יענער קראַנק געוואָרן· זיין קראַנקהייט איז באַשטאַנען: – ער האָט פאַר זיין קרוין און זיין שטול געציטערט, ער האָט אין זיין מלוכה און אין זיין פאָלק נישט געגלויבט און אויך זיינע הארן און זיינע נאָהענטע נישט געטרויעט· פלעגן זיך אים באַשטענדיג און אַלע נאַכט סמען און שאַרף־שווערדן חלומען, פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן, מרידות און איבערקערענישן גרויסע, פלעגט ער באַשטענדיג און אין אַלע שלאָפן וויסטע שרעק־זעהענישן זעהן, וואָס פלעגן אים אין קעלט און אין היץ וואַרפן, פלעגט ער זיך פון זיי אין דער מיט אויפכאַפּן, און קיינמאָל קיין נאַכט און קיינמאָל קיין שלאָף נישט אויס־שלאָפן· האָט מען צום מלך אַלע רופאים פון ז י י ן מלוכה און אויך די רופאים פון אַ נ ד ע ר ע מלוכות גערופן, האָבן זיי אים באַטראַכט און באַקוקט, האָבן זיי אים אויסגעהערט און ארומגעקוקט, און יעדערער האָט אים אַ פאַרשיידענע רפואה פאַרשריבן· האָט דער מלך יעדן רופא געפאָלגט און צו יעדער רופאס עצה זיך צוגעהערט, און אַלץ געטאָן, און וואָס זיי האָבן געהייסן טון, און אַלע רפואות זייערע און אויסגענומען, ווי ס'דאַרף צו זיין, אויסגענומען – און דאָך ביים פריהערדיגן, אויסגעפאָלגט, און דאָך ביי זיין שלאַפקייט געבליבן·

האָט זיך דער מלך אין די רופאים און אין די רפואות זייערע מיאש געווען, האָט ער זיי צו נעמען אויפגעהערט, האָט ער זיך צו שפּרעכער און צו הייליגע געקערעוועט, צו די פּרומסטע און באַוואוסטע פון זיין דור און פון זיין מלוכה און אויך פון אַנדערע, און אַלעמען צו זיך פאַרבעטן און פאַר יעדערן זיין האַרץ אויסגעדערציילט, און ביי אַלעמען און רחמים געבעטן, זיי זאָלן פאַר אים און פאַר זיין געזונט זיך מיהען. האָבן זיי אים צוגעזאָגט, די שפּרעכער און הייליגע, האָבן זיי זיך יעדערער אויף זיין שפּראַך צו זיין גאָט זיך גע־קערעוועט און פאַר אים געבעטן, האָבן זיי אים מיט אַלערליי שפּראָכן געשפּראָכן, מיט אייגענע און וואָס האָבן אַליין גע־וואוסט, און אויך מיט פרעמדע, וואָס האָבן זיך ביי אַנדערע אָנגעפרעגט, — און געמיהט זיך פאַר אים און איינגעשטעלט, און אין האַלבע נעכט האַלבע־נאַכט־תּפלות פאַר אים אָפּגעריכט, און מיט אַלץ, וואָס מעגליך נאָר, אים העלפן געוואָלט, און דאָך — אים נ י ש ט געהאָלפן.

איז אַזוי אַ צייט אַוועקגעגאַנגען, און דער מלך האָט זיך געעלטערט, און דער מלך האָט זיך פון זיינע כּוחות ארויס־געשלאָגן. די האָר פון זיין קאָפּ האָבן אים גראָען גענומען, און דער קאָפּ אליין האָט זיך שוין שוואַך געהאַלטן. איז דער מלך זעהר אומעטיג געוואָרן, אומעטיג און פאַרטרויערט און קיין עצה און קיין טרייסט שוין נישט פאַרנומען, און אָפּגעלאָזן און פאַרצווייפלט און אין זיין געזונט און אין זיין געזונט־ווערן שוין נישט געגלויבט. — און אַזוי און נישט גלויבנדיג, און אַזוי און אין יאוש שוין אַריינגעפאַלן, האָט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, פאַרטרויערט און פאַרקלערט, אַליין מיט זיין זאָרג און אַליין מיט זיין יאוש־פאַרזאָרגטקייט פאַרבראַכט.

נאָר איין מאָל, ס׳איז אַ פאַרנאַכט געווען. דער מלך איז דאַן אין זיין פּאַלאַץ און אַליין און אין זיין צימער געזעסן.

האָט זיך פּלוצלום און פֿאַרן טויער פֿון פּאַלאַץ אַן אָרימער בעטלער באַוויזן, אַן אָפּגעריסענער און אַ פֿאַרוואָגלטער, און פֿון לאַנגן אומגיין און פֿון לאַנגן וואַנדערן פֿאַרשטויבט, און אויף די פֿיס אים קיין שיך נישט, און אין זיין האַנט נאָר אַ שטעקן אַ גרויסער. האָט ער זיך צום טויער צוגעשלאָגן און צום טויער־היטער זיך געקערעוועט: „ער וויל צום מלך אַריין, ער דאַרף צום מלך האָבן...” און אַז דער היטער האָט זיך געקווענקלט און דעם בעטלער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַטראַכט. זיין אָרימקייט און זיין פֿאַרוואָגלטקייט געזעהן, און אים צי אַריינצולאָזן צי ניין, זיך געיִשובט. – האָט דער בעטלער דאָס פֿאַרשטאַנען, האָט דער בעטלער דעם היטערס יִשובן־זיך געזעהן, האָט ער זיך צו אים געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— קוק נישט אויף מיר, היטער, און זאָל מיין „הולך” דיך ניט אַרן, גיי און זאָג: „אַ בעטלער וויל דעם מלך זעהן, דער בעטלער האָט וועגן מלכס געזונט צו זאָגן”...

האָט דער היטער דאַן געפֿאָלגט, איז ער אַוועקגעגאַנגען און ווען מ'דאַרף דאָס איבערגעגעבן, און איין דינער האָט דעם צווייטן, און אַ נידעריגער האָט אַ העכערן דאָס איבערגעגעבן, און אַזוי העכער און העכער, און ביז ס'איז צום העכסטן אָנגעקומען, און דער העכסטער האָט דאָס דעם מלך איבערגעגעבן, און דער מלך האָט „אַריינלאָזן!” באַפֿוילן.

איז דער בעטלער אין פּאַלאַץ אַריינגעלאָזן געוואָרן און אין מלכס צימער אַריינגעקומען. האָט ער דעם מלך אויף זיין שטול און פֿאַרטרויערט, און פֿאַרנאַכט און אין פֿאַראומערטקייט געטראָפֿן, האָט ער זיך ביים אַריינגאַנג און ביי דער שוועל פֿאַרבויגן, האָט ער שטיל געקניעט און דעם מלך כּבֿוד אָפּגעגעבן, און דאַן און אָפּקניענדיג, האָט ער זיך אָנגערופֿן און אַזוי געזאָגט:

— גרויסער מלך! כ'האָב וועגן דיר און וועגן דיין שלאָפ־קייט געהערט, ווי מ'האָט דיך געהיילט, און ווי ס'האָט דיר נישט געהאָלפן דאָס היילן, בין איך איצט צו דיר געקומען און דיר אַ רפואה געבראַכט.

— און אין וואָס באַשטייט דיין רפואה?

— אין אַ מעשה און אין אַ לאַנגער זעהר, און אין סוף, וואָס איז צו ד י ר געווענדט.

— הער איך.

און דאָ האָט דער מלך דעם בעטלער אויף נעבן־זיך און אויף אַ בענקל דאָרט שטייענדיגן אָנגעוויזן, האָט ער אים זיך זעצן געהייסן. האָט אים דער בעטלער געפאָלגט און זיך דערויף אַראָפּגעלאָזט בכבוד, און דאַן און נאָכן אַראָפּלאָזן־זיך און נאָך שטיל־שוויגן אַ ווײַלע, האָט דער בעטלער די מעשה אָנגעהויבן און אַזוי דערציילט:

אין איינער אַ מדינה, ביי אַ מלך ביי איינעם האָט אין אַ פעלד און אין אַ מיט אַ גרויסער אַ זקן און אַן אַכציגער גע־וואוינט; אין אַ שטיבעלע, וואָס האָט זיך קוים שוין פון אַלט־קייט געהאַלטן, מיט ווענטלאַך מיט אויסגעקרימטע און מיט אַ דעכעלע, וואָס איז אומעטום שוין דורכגעלעכערט געווען. איז דאָס שטיבעלע אַזוי ביי דער ערד און נידעריג געלעגן, האָט דאָס אַ פענסטערל און נאָר איינס געהאַט, און אַ טירעלע און אַ איינגעהויקערטס האָט אין אינעווייניג און אין חורבהלע געפירט. האָט דער אַלטער דאָרט געוואוינט, איז ער אַליין און אויף זיין שטיבעלע בעל־הבית געווען, האָט ער טאָג און נאַכט און מיט די ווענטעלאַך זיינע פאַרבראַכט, האָט ער קיינ־מאָל און אויסער זיי און קיין לעבעדיגן נפש נישט געזעהן, און אויך קיינמאָל און אויסער זיי און אין קיינעם זיך נישט ג ע נ ו י ט י ג ט. אַזוי אַ צייט און אַ לאַנגע צייט. האָט זיך אַמאָל געמאַכט: ווי דער אַלטער איז דאַן אין אַ פאַרנאַכט

אויף דער שוועל פון זיין חורבהלע געזעסן און אויף דער ווייט־פאַרגייענדיקער און אויף דער שטיל־זיך־אַראָפּלאָזנדיקער זון געקוקט, אַזוי האָט ער באַמערקט, ווי פון ווייט און פון אַנטקעגן אים, פון האָריזאָנט און פון דאָרט, וואו די זון זעצט זיך, האָט זיך אַ מענשעלע באַוויזן, באַוויזן – און צו אים און צו זיין חורבהלע געשפּאַנט. האָט ער דאָס אויסגעוואַרט, האָט ער דערויף געקוקט און דאָס נישט אָפּגעלאָזט אין קוקן. איז דאָס לסוף אונטערגעקומען, איז עס דערנאָך אויף פאַרן אַלטן אָנגעקומען, און שטיל און פאַר זיצן פון אַלטן, פאַר זיין פנים און פון וועג זיך פאָרגעשטעלט...

דאָס איז אַ יינגעלע און אַ יונגס, נאָך קיין צעהן־יעריגס און אַן עלנטס געוועזן, און אָרים און אָפּגעשליסן, און פאַרלאָזט און ווי פון קיינעם אין דער וועלט נישט געשטיצט, אָבער מיט יוגנט און מיט פאַרזיכערטקייט יוגנטליכער, און מיט גלויבן און מיט האָפן אויף שטיצע.

— דאָס בין איך צו דיר געקומען, אַלטער, — האָט דאָס יינגעלע געזאָגט.

— אויף וואָס אַזוינס?

— אויף דיך צו באַדינען.

— איך בין אַלט און עלנט.

— בין איך יונג און וועל מיט דיר אינאיינעם זיין.

— און ווי רופט מען דיך, יינגעלע?

— בבא רופט מען מיך. — און דאָס קינד האָט זיך צע־שמייכלט, געטריי און היימיש אויפן אַלטן געקוקט, און באַגלויבט און איבערגעגעבן און אויף אים צו באַדינען גרייט בלייבן.

איז דער אַלטער דאַן באַשטאַנען, און געשוויגן און נישט דער־ווידערט און איינשטימענדיג און געקוקט אויפן קינד, און שטיל און אַזוי אויפן קינד קוקנדיג, ווי אויף זיין בלייבן און פון אים באַדינט צו ווערן, מסכים געווען.

איז דאָס קינד און פון ד ע ם פאַרנאַכט שוין מיטן אַלטן פאַרבליבן, מיט אים געטאָגט און מיט אים גענעכטיגט און מיט אים געטאָן און וואָס געדאַרפט אין שטיבעלע, און קיינ־מאָל און אים שוין נישט פאַרלאָזט, און אויך אַרום דער שטוב און אין פעלד דערנעבן, און קיינמאָל פון אים קיין טריט נישט אָפּגעטראָטן, און תּמיד, און וואו ער איז געגאַן, אים באַלייט. האָבן זיי זיך אַזוי געלעבט: דער אַלטער איז וואָס אַמאָל אַלץ עלטער געוואָרן, און דאָס קינד אַלץ קרעפטי־גער און אונטערוואַקסנדיגער, און צום וואוקס און צו דער הויך זיך געהויבן. האָט דער אַלטער שוין שוואַך און זיין־אַלט־אַרבעט געטאָן, און דאָס קינד האָט אויף זיך שוין אַלץ איבערגענומען און פאַר ביידע – אי פאַר זיך, אי פאַרן זקן – פאַרנומען געווען. האָט ער אַלע אַרבעט אין שטוב און אַרום־דער־שטוב געטאָן, און צום עסן פאַרגרייט און שפּייז אין פעלד געקריגן, און געקאָכט און וואָס מ׳האָט באַדאַרפט צום עסן, און דעם אַלטן שוין גרייטס און דעם אַלטן שוין אָנגעגרייטס דערלאַנגט. האָט דער אַלטער גאָט אין הימל פאַר זיין עלטער און פאַר זיין נישט־פאַרלאָזטער געדאַנקט, פאַר זיך געבעטן און פאַרן קינד אין יוגנט, און תּמיד וועגן קינדס גורל און אויך נ אָ ך זיין לעבן געדענקט, און שטענ־דיג – און ווען דאָס קינד האָט זיך פון דער אַרבעט באַפרייט, פלעגט ער עס צורופן, דער אַלטער, פלעגט ער דערמיט אינ־איינעם זיצן, און אַלטליך און געטריי מיט אים און מיט זיין נאָהענטקייט פאַרברענגען.

פלעגט זיך דאַן מאַכן: אין שטילע פעלד־פאַרנאַכטן, די זון האָט זיך דאַן אין הימל־עק געזעצט און דאָס פעלד און דאָס שטיבעלע באַלויכטן, פלעגט דער אַלטער דאַן מיטן קינד אויף דער שוועל און מיט די פנימער צו דעם זון־פאַר־גאַנג זיצן, זיצן און באַלויכטענע, שטילע און פון שיין־באַ־

שיינטע. פלעגט דער אַלטער דאַן פאַרטראַכט שווייגן, אַלט־ליך און מיט קאָפּ אַראָפּגעלאָזטן, פאַרזאָרגט און נעבן זיך דאָס קינד נישט פילנדיג. פלעגט דער אַלטער נאָכן טראַכטן לאַנגן זיך ווי דערמאָנען אָן קינד, פלעגט ער זיך צו דעם אויסקערעווען און אויף דעם אַ קוק טון, פלעגט ער עס מיט איין האַנט פאַר אַ הענטל אָננעמען און מיט דער צווייטער פאַרן פלייצעלע און פאַרן יונגן, אַזוי שטיל און לאַנג זיין האַנט אויפן קינדס אַקסל רוהען לאָזן, און שטיל און אַזוי זי האַלטנ־דיג, ווי פאַר דער זון און פאַרן קינד זיך זאָרגן... אַזוי אַ מאָל, און אַזוי פון צייט צו צייט.

און די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און זון אין הימל איז אַלע טאָג אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען, און אַזוי טעג און אַזוי וואָכן, און אַזוי חדשים און אַזוי אויך יאָרן גאַנצע. און דער אַלטער איז שוין איינגעבראָכן געווען, און דער אַלטער איז שוין פון זיין בעטל נישט אַראָפּגעגאַנגען. און דאָס קינד איז שוין אין אַ יוגנט אויסגעוואַקסן, און דאָס יוגנט האָט זיך שוין אין שטוב אַליין אַרומגעדרייט, און אַלץ געטאָן און איבער אַלץ ווי בעל־הבית געווען, און שטיל דעם אַלטן באַדינט, און אַלץ וואָס זיין מויל האָט אויסגערעדט, און אים אַלץ געטריי געבליבן, און זיין מינדסטן פאַרלאַנג דערפילט, און תּמיד און פ אַ ר זיינע נויטן און תּמיד און פאַר זיין באַדאַרף זיך געפעדערט. האָט דער אַלטער שוין קוים און שוואַך געלעבט, און נאָר געלעגן און נישט גערירט זיך. און גאַנצע טעג אַמאָל אויף איין זייט נאָר און אויף דער אַנדערער זיך נישט אויסגעדרייט, און געשוויגן און נישט גע־זאָגט גאָרנישט, און מיטן יוגנט און מיט זיינע אַלט־געדאַנ־קען זיך נישט געטיילט; איז ער אַזוי געלעגן, און פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרן, און פון צייט צו צייט אַלץ מער און מער די כּחות אָנגעוואָרן.

איז ער לסוף שוין צו זיינע סוף־טעג געקומען, האָט ער אַמאָל אין אַ טאָג אין איינעם שוין זיין לעצטן טאָג דערפילט· האָט ער דאַן שוין מיט די לעצטע כּחות צו זיך דאָס יינגל צוגערופן און וועגן דעם אים צו וויסן געגעבן· האָט ער זיך צו זיין טויט צוגרייטן געהייסן, זיך איבערבעטן און איבער־טון, זיך ריין וואַשן און ווי ס׳געהער צו זיין· האָט דאָס יינגל דאָס אויסגעהערט און צעמישט געוואָרן· און דאָך פאַרן אַלטנס און לעצטן ווילן זיך גענומען: – אים ריין געוואַשן און אים איבערגעטאָן, און אים איבערגעבעט און אים צוגעגרייט, ווי ער האָט געבעטן; און אין יענעם טאָג שוין מער קיין אַנדער אַרבעט נישט געטאָן, און נאָר אַרום אַלטן און פאַר זיין אָפּ־גיין אַרומגעגאַן: זיך אַיינגעהערט צו אים און צו זיינע שוואַך־ווערטער זיך צוגעהערט, און איבערגעבויגן און איבער זיין קאָפּ און איבער זיינע ליפּן געשטאַנען, און אַלץ, וואָס איז פון זיין מויל אַרויסגעגאַן, האָט באַלד געטאָן און באַלד דער־פילט דעמאָלט, — און אַזוי און איבער זיין בעט שטייענדיג, און אַזוי און אַלע זיינע באַגערן דאַן דערפילנדיג, האָט אַלץ דעם אַלטן באַדינט, און אַלץ נישט אויפגעהערט אים צו באַ־דינען·

שטיל - און דער אַלטער איז שוין גרייט געווען, שטי־לער – און דער אַלטער איז שוין ריין און איבערגעטאָן גע־לעגן: – די פיס אים אויסגעצויגן, און גלייך און אויפן רוקן זיין קערפּער, און קאָפּ אויף קישן אונטערגעהויבן, און קאָל־דרע און צודעק האָט זיין קליינע לענג און קורץ־ליגן באַ־דעקט· האָט דער אַלטער דאַן שטיל געשוויגן און שטיל מיט די אויגן אויף דער סטעליע געקוקט, אויף דער נידעריגער און איבער קאָפּ אים ליגנדיגער, אויף דער שטיבלדיגער און פון טאָג־ליכט באַשיינטער; האָט דער טאָג דאַן אַזוי געטאָגט און געליכטיגט, געליכטיגט און געזאַמט זיך, און מיט שיין

און מיט באַשטענדיגער געלויכטן. האָט ער אָפּגעשיינט; האָט זיך דער טאָג דאַן פאַמעליך און צום פאַרנאַכט־צו זיך רוקן און אַרויסרוקן געגומען, און פון שטיבעלע און פון דעם, וואָס קומט פאַר אין שטיבעלע, דאָס ליכט און אַרויסציהען פאַמעליך; האָט ער דאָס אַרויסגעצויגן און דאָס שטיבעלע אין אַ שטיל־טונקלקייט געלאָזט, אין אַן אומעטיגליכן און אין אַ פעלדישן, אין אַ שווייגנדיגן און אין אַ פאַרנאַכטישן אין פעלד; האָט דאָס שטיבעלע דאַן ווי טרויערן גענומען: מיטן פענסטערל מיטן איינעם און מיט טירעלע פון חורבה, און מיט וועגטעלאַך אינעווייניג און מיטן בעטל דאָרט, וואָס איז מיט דעם זקן־ליגנדיגן געשטאַנען. איז דער אַלטער דאַן אַזוי אויסגעצויגן און פאַרן אויסגיין געלעגן, מיט קוק אין סטעליע קוקנדיג און גאָרנישט דאָרטן זעהענדיג, און דאָס יינגל איז א י ב ע ר אים געשטאַנען און אויף זיין אַרויפקוקן געקוקט. האָט אין דער מינוט פונם עק־פעלד פון ווייטן די זון מיט אַ לעצט־שטראַל אין פענסטערל און אין שטיבעלע אַריינדערלאַנגט, און אַריינגעשיקט און אַריינגעשיינט און אויפן פנים פון זקן דאָס אָפּגעשלאָגן, און שטיל און דערויף אַזוי אָפּשלאָגנדיג, האָט ווי מיטן טאָג און מיטן פעלד, מיטן שטיבעלע און מיט דעם לעבן אין שטיבעלע זיך אָפּגעזעגנט.

האָבן זיך אין דעם מאָמענט ביים זקן און פאַרן ס ו ף די אויגן אויסגעלייטערט, האָט ער זיי פון סטעליע און פון לאַנגן אַרויפקוקן צוגענומען, האָט ער זיי אויפן יינגל, וואָס פאַר און נעבן אים שטייענדיגן, געקערעוועט, האָט ער אויף אים אַ קוק געטאָן און אים באַטראַכט מיט זיי, און באַלד, און אים אָפּגעבאַטראַכט, אים אַזוי געזאָגט:

– „קינד מיינס... דו האָסט מיר געדינט און מיר געטריי געווען, דו האָסט מיך געערט און חשוב געהאַלטן, און מיך געטרייסט און אונטערגעהאַלטן מיין עלטער, ווינש איך

דיר דערפֿאַר און באַגער: אַ לעבן און אַ ליב־האָבנדיקס, אַ יוגנט און אַ טרייסט־טראָגנדיקע, און פּאַר מלכים זאָלסטו שטיין, און מלכים זאָלסטו טרייסטן.

און הער: – מיין לעצטע שעה פון מיין דאָ אין לעבן זיין איז געקומען, און באַלד ווערט ביי מיר דער לעצטער כּוח־שפּור און דאָס לעצטע לעבן־נשאר צוגענומען, וועל איך דאָ אויף דעם בעטל בלייבן, וועל איך דאָ אַ טויטער ליגן, זאָלסט דו מיך אין שטיבעלע פֿאַרלאָזן. זאָלסט דו נאָר נאָך זיך די טיר פֿאַרמאַכן, זאָלסט דו באַלד פֿון דאַנען אַוועקגיין, און באַלד און ביי דעם ערשטן אַרויסגיין דיינעם וועט דיך דאָס ערשטע באַגעגעניש באַגעגענען און מיטן ערשטן לעבן־רוף דיך רופֿן”...

איז אַזוי טאַקע געוועזן. באַלד האָט דער אַלטער פֿונם יינגל זיך אָפּגעקערעוועט און פֿון צו אים צו רעדן אָנטשוויגן געוואָרן, האָט ער ווייטער די אויגן צו דער סטעליע אויפֿגע־הויבן און מיט זיי אַרויפֿגעקוקט און פֿון דאָרט זיי שוין נישט צוגענומען; האָט ער אַהין געקוקט און שטיל דאַן, און ביז זיי האָבן זיך אים פֿאַרמאַכן גענומען, האָט ער זיי פֿאַרמאַכט און אויסן געבליבן, איז ער אַזוי ליגנדיק און באַרוהט געוואָרן, און שטיל און אַזוי באַרוהט בלייבנדיק, האָט די נשמה זיין גאָט און זיין אָטעם דעם שטיבעלע אָפּגעגעבן...

איז דאָס יינגל אַ ווײַלע נאָך אַזוי איבער זיין געלעגער געשטאַנען, געזאַמט און אויסגעוואַרט, אויפֿן טויטן געקוקט און אין זיין טויטקייט זיך איבערצייגט. איז ער באַלד פֿון אים אָפּגעגאַן, האָט ער זיך מיטן אַלטן און ווי געזעגנט אָפּגייענ־דיק, האָט ער דאָס שטיבעלע פֿאַרלאָזט און אין דרויסן אַרויס־געגאַן, נאָך זיך דאָס טירעלע פֿאַרמאַכט און אויף דער קלאַמ־קע אין שטילן, און באַלד און נאָכן אָפּגיין נאָך דאָרטיגן, האָט זיך אויפֿן פֿעלד, און פֿון וואַנען ער איז אַמאָל אָנגעקומען,

אַהין, פון וואַנען ער האָט זיך אַמאָל פאַרן זקן באַוויזן, אַוועק־געלאָזט.

און אָט: שטיל און נאָכן זון פאַרגיין, אָוונטיג און נאָך שטיבעלע פאַרלאָזן, איז דאָס פעלד ליידיג און אויפגערױמט גע־לעגן. די זון האָט נאָך זיך אַ שוואַך דערלויכטונג נאָר גע־לאָזן, און אויך דאָס שטיבעלע דאַן – אַ טרויעריג דערמאָ־נונג ביים יינגל. האָט דאָס יינגל אָן שטיבעלע געדענקט און אין פעלד דאַן געשפּאַנט, דעם אַלטן און זיין טויט־איבערגעלאָזטקייט אין זינען געהאַט און אַזוי און מיט זינען שטילן אין יענעם פאַר־נאַכט זיך געגאַנגען. האָט ער לאַנג די אויגן צו דער ערד געהאַלטן און אויף פאַר זיך און אויף פאַר זיין וועג נישט געקוקט, האָט ער זיך די גאַנצע צייט און קיין איין מאָל נישט אַרומגעקוקט, האָט ער דערום נישט באַמערקט: ווי פון ווייט און פון דעם האָריזאָנט דעם אַנטקעגנדיגן, האָט זיך אַ ריי־טער באַוויזן, אויף אַ פערד און אויף אַ גרויסן, אויף אַ שיין געזאָטלטן, און איבערגעגעבן דעם רייטער; האָט ער זיך אַרויס־באַוויזן, זיך אויפן פעלד און אויפן אַרום אַרומגעזעהן און דאָס ליידיג און דאָס נאָך זון־פאַרגיין געטראָפן; האָט ער אין דעם לאַנג און מיט די אויגן געזוכט און לסוף דאָס יינגל אויף דעם שפּאַנען דערזעהן. האָט ער זיין פערד און צו דעם יינגלס גאַנג־ריכטונג־אָנגעריכט, און אַהין, און צו דעם יינגלס אַנטקעגן־קומען דעם געהייסן, און שטיל און נישט באַמערקט פון יינגל, אַלץ מער און מער און אַזוי זיך צו אים דערנע־הענט דאַן אין אָוונט. זיך דערנעהענט, האָט דאָס יינגל די אויגן פון אַראָפּגעלאָזטקייט און פון פאַרטראַכטקייט אויפגע־הויבן, און דעם רייטער דערפילט און אויפן פערד אים דער־זעהן, אויך דער רייטער, צום יינגל אונטערפאָרנדיג, און איינער איז צום אַנדערן אונטערגעקומען. האָט דער רייטער דאַן דאָס פערד פון גיין פאַרהאַלטן און דעם די לייצעס און

די צוים נאָכגעגעבן. איז דאָס שטיין געבליבן, האָט זיך עס פון אָרט נישט גערירט, און אַזוי און זיך נישט רירנדיג, דאָס יינגל דאַן פאַר רייטער פאָרגעשטעלט...

– אַ גוטן אָוונט, יינגל.

– אַ גוט־יאָר, רייטער.

– פון פעלד און פון אַלטן גייסט דו?

– יאָ – האָט בבא געענטפערט.

– און דער אַלטער איז שוין טויט, און דו ביסט אים פון צו באַדינען פריי?

– פריי – האָט דאָס יינגל טרויעריג געזאָגט.

– זעץ־זשע זיך מיט מיר אויפן פערד אַצינד און וועסט מיט מיר אינאיינעם רייטן.

– וואוהין?

– צום מלך.

– און וואָס וועל איך טון ביים מלך?

– גיב אַ האַנט, און איך וועל דיר שוין אויפן פערד דערציילן. – און דאָ האָט דער רייטער דעם פון פאַר אים און אונטן־שטייענדיגן יינגל אַ האַנט אַראָפּדערלאַנגט, אויך דאָס יינגל דעם רייטער האָט אויך זיין האַנט אויסגעשטרעקט, האָט ער אים אַ נעם געטאָן, דער רייטער, און גרינג און גע־שיקט־רייטעריש אים אַרויף און אויפן פערד און זאָטל אַרויפ־געבראַכט.

און אָט, און אַז דער רייטער האָט צוריק דאָס פערד צום האָריזאָנט צו, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען, אויסגעקערע־וועט, און אַז דאָס פערד האָט אים געפאָלגט און שטיל צו־ריק זיך אויסגעדרייט, און דינעריש און וואוהין זיין רייטער־האַר האָט דעם געהייסן גיין, זיך געלאָזט, האָט זיך דאַן דער רייטער צום יינגל, צו דעם אינאיינעם מיט אים אויפן זאָטל זיצנדיגן, זיך געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— זאָל דיר קיין חידוש נישט זיין, יינגל, און זאָלסט זיך נישט וואונדערן, פון וואַנען איך ווייס פון דיר און פון וואַנען איך בין דערגאַן דיין אָרט, — דאָס האָט מיך אונזער שטערן־זעהער געפירט, דאָס האָט ער מיר אַהער דעם וועג אָנגעוויזן.

— און ווער בין איך?

— אַ דינער ביים מלך.

— און נאָך־וואָס געשיקט נאָך דיר?

— אָט נאָך־וואָס: — ביי אונזער מלך איז אַ טעכטערל פאַראַן, א יונגס און אַ שיינהייט, אַ לעבעדיגס און אין די יאָרן אין דיינע. איז דאָס ביים מלך אַ חשובה אַ גרויסע, האָט זיך עס צו אים געקערעוועט, האָט זיך עס ביי אים געבעטן און אים אַזוי געזאָגט: „טאַטע־פאָטער, אַ חברל וויל איך, א יינגל און אין די יאָרן אין מיינע, און זאָל ער מיר אַ ברודערל זיין, און זאָל ער מיר מיין האַרץ דערפרייען"... ווייל ביים מלך ביי אונזערן זיינען קיין זין און קיין יינגלאַך נישטאָ, און דאָס טעכטערל איז ביי אים איינס, און דאָס טעכטערל איז ביי אים דאָס אויג אין קאָפ, און דער מלך קאָן איר נישט אָפזאָגן, און אַלץ וואָס איר מויל רעדט אַרויס, מוז באַלד און געשאַפן ווערן פינקטליך.

האָט ער איר צוגעזאָגט, דער מלך, האָט ער זיך אָבער וועגן דער בקשה אירער מיט זיינע האַרן באַראָטן, האָט ער צו זיך דעם גרויסן האַרן־ראָט צונויפגערופן און זיי זיין טעכטערלס פאַרלאַנג דערציילט, וואָס זי האָט אים געבעטן, און אַז איר פאַרלאַנג מוז מען דערפילן, אָבער ווי אַזוי און וועמען, דאָס ווייסט ער נישט און פרעגט ביי זיי. האָבן זיי אים אויסגעהערט, די האַרן, האָבן זיי אים פאַרשטאַנען, דעם מלך, און אַז אויסגעקליבן ווערן דאַרף אַזוינס, וואָס אויסגעקליבן ווערן זאָל ווערט זיין, און מיט מעלות און מיט אייגנשאַפטן, וואָס

זיין זאָלן זעלטן. האָבן זיי זיך פאַרטראַכט, געקלערט און איבער־געקלערט, און יעדערער האָט צווישן זיינע קינדער געזוכט, און יעדערער האָט דעם גליקליכן צווישן זיינע אייגענע געוואָלט געפינען, האָבן זיי טאַקע שטיל און יעדערער פאַר־געלייגט פון זיינע אייגענע. האָט דער מלך זיי אויסגעהערט, האָט ער זייערע פאָרשלאָגן און אויף אַן איידל־אופן דער־ווייטערט, נישט באַליידיגט קיינעם און קעגן זייערע קינדער נישט גערעדט, ניטש קעגן זייערע אייגענע און נישט קעגן די אַרויסגעשטעלטע פון יעדערן. און דאָך און נישט אָננעמענ־דיג פון זיי קיינעם, און דאָך, און נישט באַשטייענדיג אויף קיין איינעם, האָט ער זיך נאָר צום שטערן־זעהער געווענדט און אויף אים און אויף זיין עצה זיך פאַרלאָזט: — דער שטערן־זעהער ווייסט דאָך, דער שטערן־זעהער פאַרשטייט דאָך, פאַרלאָזט ער זיך אויף אים, און וואָס ער וועט זאָגן, און וואָס ער וועט פאָרלייגן.

האָט זיך אויך דער שטערן־זעהער דאַן פאַרטראַכט, האָט אויך דער שטערן־זעהער, און געקלערט אַ ביסל, און דערנאָך, און צו די האַרן זיך קערעווענדיג, האָט אַזוי געזאָגט:

— די זאַך, האַרן, איז אַן ערנסטע, די לאַגע, געערטע, איז אַן אויסגענומענע, און די מלך־טאָכטער איז אונז טייער, און איר ווילן איז אונז חשוב. און דערום ווייסט: נישט קיין חברל, און אויף דער צייט פאַרברענגען, פאָדערט זיך דאָ, נישט קיין יונגנט-פריינט, אום ער זאָל דער מלך־טאָכטער די ברודער־פרייד פאַרבייטן, נאָר טאַקע אַ פריינט און מיט אַן אמת, נאָר טאַקע אַן איבערגעגעבענער און ווי פון געבוירן אַ ברודער. ער דאַרף: דער מלך-טאָכטער אין אַלע נויטן ביישטיין, און אַלע מינוט, און ווען מ׳וועט נאָר דאַרפן, פאַר איר זיין לעבן אָפּגעבן גרייט זיין. ווייל... זיין לעבן וועט מען דאַרפן, זיין לעבן וועט דער מלך־טאָכטער נויטיג זיין,

ווייל נויטן און גאָר גרויסע שטייען דער מלך־טאָכטער אין איר לעבן פאָר. אַזוי האָט מען מיר פון די שטערן געוויזן, און שטערן זאָגן: נישט פון האַרן און נישט פון די נאָהעגטסטע פון מלך, אויך נישט פון זייערע פריינט און נישט פון זייערע קרובים זאָל מען דאָס יינגל זוכן; און אויך נישט פון דער הויפּט־שטאָט און פון דער באַקרוינטער אונזערער, און אויך נישט פון אַנדערע, און בכלל פון שטעט און פון קיינע ישובים און קיין מדינה, נאָר ווייט און פון מענשן אָפּגעזונדערט, נאָר פאַררוקט און פון אַלעם ישובדיקן אַרויסגענומען – קאָן מען אַזאַ אייגנשאַפט, קאָן מען אַזאַ איינעם געפינען. און – האַרן – נישט אויף אייך צו באַליידיקן און נישט אייערע קינדער צו פאַרשעמען, איז מיין וואָרט געווענדט: איר ווייסט דאָך און קענט מיך דאָך און מיין נישט־פּאַראינטערעסירטקייט, און קיינער וועט מיך דאָך אין גאָרנישט נישט חושד זיין, אָבער דער אמת און פון דעם הימל־געגעבענער דאָס איז מיין אמת און איך קאָן אים נישט אונטערן צונג פאַרלייקענען. און איך לעג פאָר: זאָל מיר דער מלך צייט דריי נעכט געבן, איך וועל זיך אין זיי גרייטן, און וועל אין זיי אויף זיין, און וואָס די שטערן וועלן מיר ווייטער זאָגן, וועל דעם מלך און זיינע דינער אויפגעבן.

איז אַזוי געווען: האָט מען דעם שטערן־זעהער צייט דריי נעכט געגעבן, איז דער שטערן־זעהער אין זיי נישט געשלאָפן, איז ער אויף זיין טורעם, אויף זיין אויסערשטאָטיגן און אויף זיין הויכן אויף געווען, די גאַנצע צייט און די נעכט אינגאַנצן דעם קאָפּ אַרויף און די אויגן צו די שטערן געהאַלטן, און געקוקט און לאַנג געקוקט און געזוכט און אויסגעזעהן אין די הימל־הויכן, און לסוף און נאָך דער דריטער נאַכט האָט ער זיך צום מלכס פּאַלאַץ באַוויזן, אין דער פריה און נאָכן אויפשטיין פון מלך. איז ער אַהין צוגעקומען, האָט ער זיך מעלדן

געהייסן, האָט מען אים געמאָלדן צום מלך, איז ער פאַר אים געקומען, זיך פאַר אים געבוקט אין כבוד׳ און שטיל און נאָכן כבוד־בוקן אים אַזוי געזאָגט:

— איך האָב געזעהן, מלך, כ׳האָב געזעהן און מ׳האָט מיר געוויזן: אויף אַ פעלד און אין אַ ווייטן אין דיין מדינה שטייט א שטיבעלע׳ אַ קליינס און אַן אַלטס, און אַ חורבהלע און אַן אָפּגעלאָזנס, און באַלד צום איינפאַלן··· וואוינט דאָרט אַן אַלטער מאַן אין דעם, וואוינט ביי דעם אַלטן אַ יינגל — אַ באַדינער, דאַרף דער אַלטער און פון דער וועלט שוין אַוועק־גיין, און דאָס יינגל וועט אַליין בלייבן, און נאָכן טויט דעם אַלטנס אויף דער וועלט זיך לאָזן׳ דאַרף מען אים אַנטקעגן גיין און באַלד אויפן וועג אים איבערנעמען··· און — דאָס יינגל וועט זיך לאָזן, ווייל דאָס יינגל האָט דעם אַלטן ליב, דאָס יינגל וועט דעם אַלטנס צוואה הערן, און דער אַלטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דעם ערשטן, וואָס וועט זיך אים אין וועג באַגעגענען, זאָל ער זיך אים איבערגעבן און וואוהין ער וועט אים רופן׳ פאָלגן··· זאָג איך עס דיר, מלך, זאָלסט דו באַלד און איינעם פון דיינע געטריי־רייטער שאַפן, און זאָל ער באַלד דאָס פערד אָנזאָטלען, און זאָל ער זיך אין וועג לאָזן און דעם וועג צום פ ע ל ד אַהין דאַרף מען אַ ז ו י און אַ ז ו י פאָרן···

האָט דער מלך באַלד מיך צו זיך רופן געהייסן, האָט ער מיר זיך תיכף און אין וועג אַריין גרייטן באַפוילן, האָב איך דאָס פערד אָנגעזאָטלט, און דער מלך האָט מיר דעם שטערן־זעהערס ווערטער, און ווי אַזוי מ׳דאַרף פאָרן אַהין, איבער־געגעבן׳ האָב איך געריטן, בין איך פון דער הויפט־שטאָט אַרויס און אין אַנדערע שטעט געקומען, און אויך פון יענע אַרויס און אויך די אַנדערע אויסגעמיטן, האָב איך דערפער און ישובים אָך זיך געלאָזט און אויפן לאַנד און אויף פריי-פעלד זיך

אַוועקגעלאָזט, און אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לאַנגע צייט, און ביז איך האָב דיך אין פעלד און פון שטיבעלע אַרויסגיין דערזעהן. און דאָס אינגאַנצן...

און דאָ האָט זיך דער רייטער פון דערציילן אָפּגעשטעלט, און זיך אויפגעהאַלטן אַ ווײַלע, און שטיל און אויפן פערד פאָרנדיג, און פאַמעליך און נעבן זיך דאָס יינגל האָבנדיג, האָט אים נאָך באַטראַכט. און דערנאָך און נאָכן באַטראַכטן ווייניגן, האָט אָט־וואָס צוגעגעבן:

— און אָט ווען מיר אַזוי רייטן און רייטן, אַ טאָג און צוויי און איבער אונזער לאַנד דעם ווייטן, און דאַן און מיר וועלן אין הויפּט-שטאָט קומען, און דאַן וועל דיך צום מלך און צו מלך־טאָכטער ברענגען. האַ?

— יאָ, — האָט דאָס יינגל יינגלש. נישט פאַרטראַכט זיך און נישט איבערנעמענדיג זיך. געענטפערט.

איז טאַקע אַזוי געווען: האָט דער רייטער אויפן פערד געריטן און וואָס אַ מאָל אַלץ מער און מער און צום ישוב זיך דערנעהענט, האָט ער נאָך זיך שוין ווייט דאָס פעלד, און וואו דאָס שטיבעלע איז געשטאַנען, געלאָזט, און אַלע מאָל אַלץ ווייטער און טיפער און אין לאַנד אַריין אַרייַנגעפאָרן, און שטיל און אַזוי מיטן יינגל אינאיינעם פאָרנדיג, איז לסוף און נאָך טעג נאָך אייניגע אין אַ פאַרנאַכט און אין קרוין-שטאָט אָנגעקומען און אויפן מלכס גאַס און צום מלכס פּאַלאַץ זיך צוגעשטעלט.

אָנגעקומען, האָט מען באַלד דאָס יינגל אין פּאַלאַץ אַריינ־געגומען און פאַרן מלך אים פאָרגעשטעלט. האָט אים דער מלך באַטראַכט, און פון קאָפּ ביז די פיס אים אָפּגעמאָסטן, איז דאָס יינגל אים געפעלן: מיט זיין שטיל-שטיין און מיט זיין גוט־זיך־האַלטן, מיט זיין אויסזעהן און מיט זיין באַשיידנקייט. האָט ער אים צו זיך דערנעהענט, האָט ער אים איבערן קאָפּ

געגלעט און אין די אויגן אים אַריינגעקוקט, און דערנאָך און אים אין אַ באַזונדער צימער אָפּפירן געהייסן, אויף אים איבערטון און איבערקליידן און פון דער נסיעה און פון לאַנג געריטענעם אָפּרוהען לאָזן.

האָט מען אים אָפּגעפירט, און אים איבערגעטאָן און אויס־געשטאַט פּאַלאַצדיג, און אַלץ צו זיין באַדאַרף אים דערלאַנגט. און אין וואָס ער האָט זיך געוויטיגט. אים צוגעגרייט, און דערנאָך, און אַלץ אין צימער דאָרט אָפּגעטאָן, האָט מען אים אַליין געלאָזט, און אויף נאַכט און אויף איבערנעכטיגן אין צימער.

און אויף מאָרגן. — און אַז דאָס יינגל איז פון שלאָף אויפגעשטאַנען און באַרוהט און אָפּגערוהט פון נעכטן, און דערפרישט און אויסגעגלייכט פון רייטן, – האָט מען אים צום מלך און צו זיין פריהמאָרגן־אויפנאם געבראַכט, אים אין נייעם און אין באַנייטן און פאַר מלכס פריהמאָרגן־אויגן פאָרגעשטעלט. האָט אים דער מלך דערזעהן, האָט ער אים מיט אַ פריילין פנים אויפגענומען, האָט ער אים מיט גוט־מאָרגן געבענשט און אויף זיינע נויטן און זיינע באַדערפענישן זיך נאָכגעפרעגט: – אפשר פעלט אים עפעס און אפשר גייט אים עפעס אָפּ, זאָל ער זאָגן, און דער מלך וועט דאָס דערפילן הייסן. האָט דאָס יינגל זיך פאַרנויגט, האָט ער דעם מלך פאַר זיין זאָרגעוודיגקייט און פאַר זיין גוטסקייט צו-אים-נויגן געדאַנקט, האָט ער אים אָפּ־געדאַנקט: און באַזאָרגט איז מיט אַלעס, און גאָרנישט נישט פעלט אים, און זאָל ער געהויכט זיין און זאָל ער געקרוינט זיין, דער מלך, און דאַן, און ווען ער וועט דאַרפן, און דעמאָלט און ער וועט זיך ווענדן צום מלך...

און דער מלך האָט דעם יינגלס רייד פאַרנומען, און ביים מלך האָט דאָס פנים געשמייכלט, איז דער מלך זעהר אויפ־געלייגט און צופרידן געווען, און באַלד און פאַרן אָפּלאָזן דאָס

יינגל האָט אַהער און צו פֿאַר זיך, אין אויפֿנאַם־צימער אויך דאָס טעכטערל און זיין געליבטע ברענגען געהייסן. האָט מען זי געבראַכט, דאָס טעכטערל, האָט מען זי פֿאַרן פֿאָטער און אויף פֿריהמאָרגן־ברכה פֿאָרגעשטעלט. האָט אויך זי און פֿאַרן מלך זיך פֿאַרנויגט, האָט זי פֿאַרן מלך איר יונג־קערפּערל און אירע קניעלאַך געבויגן און ליב און טאָכטערדיג פֿאַר אים און פֿאַר זיין פֿאָטער־הויכקייט געקומען.

— אַ גוט מאָרגן, טאָכטער.

— זיי געבענטש, פֿאָטער.

— און אָט דאָס איז דער חבר דיינער – און דאָ האָט דאָס טעכטערל די אויגן פֿון פֿאַר פֿאָטער און פֿון זיין אויף דעם שטול־זיצן אויפֿגעהויבן, האָט זי זיי פֿון אים צוגענומען, און אויפֿן יינגל, וואָס איז אין אַ זייט און נעבן מלך־שטול גע־שטאַנען, מיט נייקייט און מיט פֿאַרחידושטקייט אַ קוק געטאָן.

— יאָ, טאָכטער, דאָס איז דער חבר דיינער, זיי מיט אים באַקאַנט און געליבט פֿון אים, און ער וועט מיט דיר אינאיינעם זיין, און ער וועט מיט דיר אין פּאַלאַץ פֿאַרבלייבן.

און דאָס טעכטערל האָט זיך פֿאַרשעמט קינדעריש, דאָס טעכטערל האָט פֿון יינגל די אויגן צוגענומען, און אַזוי און מיט קעפּעלע אַראָפּגעלאָזטקייט און אַזוי און מיט פֿאַרשעמטקייט יוגנטליכן, האָט זי אירע אויגן צו דער ערד גענויגט, און אַזוי פֿאַר איר פֿאָטער און אַזוי פֿאַר זיין דאָס־צוקוקן געשטאַנען...

— און איצטער, קינדער, צו זיך, – האָט דער מלך שוין צו ביידע זיך געקערעוועט און זיי „קינדער" אָנגערופֿן, — צו אייך און צום פֿאַרברייינגען אייערן, צו אייך און אין די צימערן. – און דער מלך האָט אַ וואונק געגעבן, און די דינער באַפֿוילן, און די קינדער זיינען אין די צימערן זייערע, אויף צוריק און פֿונם אויפֿנאַם אָפּגעפֿירט געוואָרן.

און אָס, און פון יענעם פריהמאָרגן איז דאָס יינגל ביים מלך געבליבן, אין פאַלאַץ און מיט זיין טאָכטערל צו זיין, מיט איר אינאיינעם, און דעם מלך ווי אַ קינד גערעכנט ווערן׃ און פאַר זיין קינד פאַר אַ מיט־חבר, פאַר אַ פריינטל און פאַר אַן איבערגעגעבענעם אויף באַשטענדיג...

איז אַזוי אַ צייט אַוועקגעגאַן׃ דאָס יינגל האָט זיך אין פאַלאַץ ערצויגן און אינאיינעם מיטן מלך־קינד געוואַקסן, און דאָס יינגל איז אויף אַלעמען באַליבט געוואָרן, און מער ווי אויף אַלעמען אויף דעם טעכטערל פון מלך׃ האָט דאָס טעכטערל אָהן אים קיין טריט נישט געטראָטן און קיין שפיל און קיין קינד־פאַרברענגאַכץ נישט פאַרגענומען, זיינען זיי כסדר אינאיינעם געווען, און געגעסן און געטרונקען און געשפילט און געלערנט זיך אינאיינעם׃ אַזויאַ צייט און אַזוי אַ לענגערע, אוןביידע זיינען זיי איינע יאָרן געווען, האָבן זיי ביידע איין וואוקס געהאַט, און ביידע און מיט איינער יוגנט באַשאָנקען געווען׃ האָט דאָס מלך־טעכטערל געבליהט און ארויפגעצויגן זיך אין יוגנט, און דאָס יינגל איז נישט אָפּגעשטאַנען און זיך איר נאָכגעצויגן און איר נאָכגעבליהט מיט יאָרן׃ האָבן זיי אין אַ צייט אַרום די געוויסע יוגנט־עלטער דערגרייכט, די נאָך יונגע, אָבער פון שוין־צייטיגקייט, פון אונטערוואַקסן און פון דערוואַכונג פון יונגטליכער, האָבן זיי זיך פון זייער אומשולד און פון זיך־נישט־וויסן אויפגעכאַפּט, האָבן זיי זיך דערזעהן – אין אויסגעוואַקסנקייט און אין איין יאָר עלטער, און אַז ביידע זיינען זיבעצן יאָר שוין אַלט...

האָט מען עס באַמערקט: דער מלך מיט זיין פּאָטער־אויג אויף ט אָ כ ט ע ר, און די האַרן מיט אַ נישט־פאַרגינען־געפיל אויפן י י נ ג ל׳ אויפן פרעמדן׃ האָבן די האַרן צווישן זיך וועגן דעם גערעדט, און איינער דעם אַנדערן דאָס איבער־געגעבן, און אויך דער מלך האָט דאָס צוגעזעהן און דערווייל

דאָס נאָר אין האַרצן ביי זיך געהיט. האָט ער אויף די קינדער און נאָר שטאַרקער זיין שמירה אָנגעשטעלט און פון צייט צו צייט און מיט זיין מלך־אויג זיי באַפוילן, און זיי נאָכגעקוקט און זיי געזעהן אין זייער האַלטן־זיך: ווי זיי קומען פאַר אים און מיט אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי נאָהענט און פאַראייניגט זיינען, און דאָך פאַר אים און ווען זיי פלעגן שטיין פאַר אים, ווי דערווייטערט און געשעמט זיך איינס פאַרן צווייטן...

האָט ער עס געזעהן, האָט ער זיך וועגן דעם פאַרטראַכט, און אין אַ צייט אַרום און נאָך לאַנגן איבערצייגן זיך און זיכער־זיין און איבערגעטראַכטן, האָט איין מאָל און אויף אַן עצה צו זיך דעם שטערן־זעהער, זיין בעל־יועץ און געליבטן גערופן.

און אַז דער שטערן־זעהער איז אויפן מלכס באַפויל און רוף געקומען, האָט דער מלך נאָך אים די טיר פאַרמאַכן גע־הייסן, קיינעם און אויסער אים און בשעת זיין זיין־דאָ מיט אים נישט צוצונעמען, און קיינער און פון די באַדינטע און זאָל נישט איבערשלאָגן דעם מלך: — ער האָט אַן ענין און אַ וויכטיגן, און ער מוז מיטן שטערן־זעהער, און ער מוז מיט אים אַליין דאָ בלייבן.

און דער מלך האָט דעם שטערן־זעהער זיין מערקונג, און וואָס ער האָט אויף די קינדער באַמערקט, איבערגעגעבן, זיין זיי נאָכקוקן און זיי נאָכשפירן לאַנגן, זיין אַ צייט־אַן־אויג־אויף־זיי־האָבן און זיי נאָכפאָרשן, און וואָס ער האָט געזעהן און וואָס ער האָט באַמערקט אויף די קינדער, און דאַן און אַלץ דעם שטערן־זעהער און דאָס אויסדערציילנדיג אינגאַנצן, האָט זיך צו אים און צו זיין עצה, צו זיין פאַרשטאַנד און זיין קלוגשאַפט געווענדעט.

— און זאָל ער פאַרשטיין, דער שטערן־זעהער: דער מלך איז נאָר איינער, און די האַרן זיינען אַ סך, און די טאָכטער איז אים דאָס אויג אין קאָפּ, און איר ליבע איז אים הייליג.

אָבער האַרן, אָבער הויף־לייט וועלן קריגן און זיין קעגן דעם; ווייל באמת: ווי ס׳איז באַוואוסט און ווי ס׳איז ידוע, האָט זיך נישט געמאַכט און נישט געטראָפן, נישט ביי זיינע עלטערן און אויך נישט ביי אַנדערע מלכים, אַז אַ זיווג און פאַר אַ מלך-קינד זאָל פון דער גאַס און פון דעם פעלד גע־בראַכט ווערן. און דאָ איז אַזוי: דאָס יינגל איז אַן עלנטס, אָהן אַ פאָטער און אָהן אַ מוטער, אָהן ערן־שטאַם און אָהן אַ האַרן־יחוס, און אַרום און אַזוי פיל קינדער, פונם הויף און פון צום מלך־נאָהענטע, — און וואָס זאָל ער טון?...

האָט דער שטערן־זעהער דעם מלכס דערציילן אויסגעהערט. האָט ער זיך פאַרקלערט, האָט ער דעם מלך און זיין שווער־לאַגע פאַרשטאַנען, אים מיטגעפילט און מיטגעפיל אויסגעדריקט, און דערנאָך און זיך ווידער פאַרקלערט. און דאַן, און נאָך קלערן לאַנגן, האָט צום מלך און אויף אים וואַרטנדיגן זיך געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— זאָל זיך דערווייל באַרוהיגן דער מלך, זאָל זיך דער מלך און דעווייל נישט קימערן; די קינדער זיינען נאָך יונג און זייער צייט אויף זייער פאַראייניגונג איז נאָך נישט גע־קומען: זאָל מען דערום נאָך צוואַרטן, און — די צייט איז אַ לערער. — און דאָ האָט זיך דער שטערן-זעהער עפּעס ווידער פאַרטראַכט, און געשטאַנען און געשוויגן אַ וויילע און ווידער אַמאָל און ווי מיט זיין געדאַנק זיך איבערגעלייגט, און דאַן און זיך באַקלערנדיג האָט אָט־וואָס מוסיף געווען: — אָבער וויסן זאָל זיין דער מלך, ווי ס׳ווייזט אויס און ווי ס׳שיינט דעם פריינט זיינעם, איז דער זיווג פון דער הויך אָנגעצייכנט, דער זיווג איז פון הימל באַשטימט, און קיין כח און קיין שטערונג קאָן די קינדער און פון זייער ליבע נישט אָפּשטעלן. אָבער דערווייל זאָל מען עס נאָך אָפּלאָזן.

האָט דער מלך דעם שטערן־זעהער נאָך זייער באַראָטן־זיך געדאַנקט, געדאַנקט און אָפּגעזעגנט און דער שטערן־זעהער איז דאַן צו זיך און צו זיין היים אַוועקגעגאַן, און דער מלך איז אויף זיין שטול און אין זיין פּאַלאַץ פאַרבליבן. האָט דער מלך, און אין פּאַלאַץ בלייבנדיג, דעם שטערן־זעהערס עצה נאָכגעדיינקט און אויף איר איינגעשטימט, האָט ער זיך אויך דערויף באַרוהיגט, און שטיל און ווי ב י ז אַהער, און די קינדער און ווי ג ע וו ע ן געלאָזט.

און די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און די קינדער האָבן זיך נאָך מער דערקענט, און די קינדער האָבן ווייטער געוואַקסן, און די הויף־לייט האָבן וועגן זייער וואוקס זיך שוין געסודעט, פלעגן זיי זיך אין רעדלאַך און אין היימישע זיך צונויפקלייבן און וועגן דעם שמועסן, און דאַן וועגן יינגל און וועגן זיין ראָלע דאָ ביים מלך, און די קנאה זייערע האָט צו אים געוואַקסן, און טייל, און גאָר די געהויבענע, האָבן זי שוין נישט פאַרבאָרגן, די קנאה. האָבן זיי אים פיינט גע־קריגן, אויף אים פון אויבן אַראָפּ געקוקט, און זיין זיין־דאָ אין מלך־פּאַלאַץ פאַר זיך און פאַר זייער גלייכן און פאַר נישט קיין כבוד געהאַלטן. האָבן זיי אויף אים האַס געטראָגן און מיט אים זיך שלעכט באַגאַן און תמיד, און בשעת באַגעגענען־זיך מיט אים, אויף אים בייז־בליקן און פאַראַכטונג־קוקן געוואָרפן.

האָט דאָס יינגל דאָס צוגעזעהן, און אויך די טאָכטער פון מלך האָט געוואוסט און באַמערקט זייער שנאה, אָבערביידע האָבן עס אויסגעמיטן און קיינמאָל צווישן זיך וועגן דעם נישט גערעדט און נישט דערמאָנט אפילו, און ביידע האָבן נאָר מיט אויגן און שווייגנדיג אויפן מלך געקוקט, אויף אים און זיין קלוג־פאַרשטיין, אויף זיין דאָס צוזעהן און דערווייל און דאָס פאַרשווייגן. האָבן זיי אַזוי געוואַרט — דער מלך האָט

וועגן דעם מיט די האַרן נישט גערעדט, און די קינדער — נישט מיטן מלך, און די צייט איז זיך געגאַנגען, און די זאַך האָט זיך צום געלייזט־ווערן דערנעהענט, און אַלע האָבן דאָס שוין געפילט אַרום, און דערווייל און נאָך געשוויגן אַלע.

ביז איין מאָל און אין פּאַלאַץ איז אָט־וואָס פּאָרגעקומען:

— דער מלך האָט אויף זיין יאָר־געיעג אַ טאָג איינעם באַשטימט, און די הויף־לייט און די האַרן זיך צו אים צוגרייטן געהייסן. האָט מען אויף דעם טאָג זיך ריכטן גענומען. האָבן די האַרן זייערע געיעג־קליידער אַרויסגענומען און זייערע קנעכט אויף זיי באַפּוצן איבערגעגעבן, און די הויף־לייט האָבן זייערע שפּיזן און שאַרף־שווערדן שאַרפן גענומען און די ביקסן צו צענעמען און יעדער טייל אויף צו אויסרייניגן באַזונדער, זיינען זיי אַלע פאַרנומען געווען, און אויך ביים מלך און אין הויף פון מלך זיינען די צוגרייטונגען און די הכנות גרויס געווען, און קנעכט און דינער זיינען ווי פאַרסמטע אַרומגעלאָפן, און די אַרבעט אין די שטאַלן האָט גע־ברענט ביי די דינער: דאָס זיינען די פערד און רייטוועגן פון די שטאַלן אַרויסגעפירט געוואָרן און קאַרעטעס און געש־פּאַן פון קאַרעטעס און אויסגעפּוצט אין שטרענגקייט; און אויך דאָס געווער פון מלך האָט מען פון די שיידלאַך אַרויס־געצויגן און דאָס איבערגעקוקט און דאָס אויסגעפּוצט. און אויך פאַר בבאן און אויך פאַר דער טאָכטער פון מלך איז אַלץ, וואָס זיי נויטיג איז געווען, צו דעם געיעג און אין דעם אָנטייל צו נעמען, צוגעגרייט געוואָרן. ווייל... צוגעשטאַנען און געבעטן האָט דאָס מאָל די מלך־טאָכטער פאַרן פאָטער פאַר מלך: ער זאָל איר געבעט פאַרנעמען און זי מיטנעמען, ער זאָל איר נישט אָפּזאָגן און אין דער היים נישט לאָזן, זי וויל ביים געיעג בייזיין, און אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר, צו־צוזעהן. האָט דער מלך איר נישט אָפּגעזאָגט, איז ער אויף

איר בקשה דאַן באַשטאַנען, און דאַן און באַשטייענדיג, האָט די קנעכט און אַזאַ באַפויל געגעבן: אויך די טאָכטער און אויך איר מיט־חבר צווישן זיינע באַגלייטער פאַררעכענען, זיי וועלן מיט אים אינאיינעם פאָרן, זיי וועלן מיט אים און ביי זיין זייט רייטן·

און דער טאָג האָט זיך דערנעהענט, און דער פריהמאָרגן פון יענעם טאָג איז געקומען, און אַלע האַרן און אַלע יעגער־לייט האָבן זיך צום מלך און צום פאַלאַץ צונויפגענומען, און אַלע אָנגעטאָן און פאַרפּוצט אין כבוד, און אַלע אויסגעשטאַט· און ווי צום געיעג ס׳פּירט זיך, און אַלע פערד זיינען אויס־גערוהט געווען און אַלע הינט ביי פערד אויף צו פאַרפריהער לויפן אָנגעגרייט, און אַלץ און אין אָרדענונג איז אויסגעשטעלט געווען, און אויך ווער פאַרפריהער און ווער פון הינטן זאָל אַרויספאָרן·

האָט דער שאַל־האָרן דאַן געשאַלט צום ערשטן, און דער מלך האָט זיך אויף זיין פערד און צום ערשטן באַוויזן, נעבן אים זיין טאָכטער מיט דעם באַגלייטער אירן און אויף אַ שיין פערד געריטן· און דערנאָך און די האַרן אַלע און איינע נאָך די אַנדערע אויסגעשטעלט, און אין סדר און ווי תּמיד, און אין אָרדענונג און ווי ס׳איז באַשטימט פון באַשטענדיג·

האָט דער טרומייט דאַן צום צווייטן מאָל געשאַלט, און דאַן און באַלד דעם דריטן אַרויסגעלאָזט· און דער מלך איז פון הויף און פון פאַלאַץ אַרויסגעריטן און נאָך אים די טאָכטער מיט בבאַן און נאָך זיי די האַרן אַלע· זיינען זיי אויף דער ערשטער גאַס געקומען און זי איבערגעפאָרן, די ערשטע, און נאָך דער ערשטער אויף דער צווייטער און נאָך דער צווייטער אויף דער דריטער זיך באַוויזן, און אַזוי און פון גאַס אויף גאַס קומענדיג, און אַזוי און פון גאַס אויף גאַס רייטנדיג, זיינען לסוף דורך אַלע דורכגעריטן און פון שטאָט אויפן פעלד

אַרויסגעפּאָרן, און פון פעלד און אויפן וועג, צום וואַלד, און וואוהין זיי האָבן געדאַרפט, זיך גענומען.

איז דער מלך מיט זיינע יעגער־לייט אין וואַלד און אין זיין מיט געקומען, און די רייטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און די רייטער האָבן די פערד פאַרהאַלטן, און אויפן צייכן פון דעם יעגער־מייסטער, אום דאָס געיעג שוין אָנצוהויבן, געוואַרט.

זיינען זיי אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע, און אין וואַלד איז דאַן אַ פריהמאָרגן געווען, אַ זוניגער און אַ רוהיגער, אַ שטילער און אַ לויכטנדיגער, און וואַלד און בוימער זיינען רוהיג גע־שטאַנען, און רייטער און צווישן זיי און שטיל אויף פערד געזעסן. האָט דער יעגער־מייסטער דאַן זיין צייכן געגעבן, זיינען די רייטער דאַן פון די פערד אַראָפּ און די הינט פון די שנורן אָפּגעלאָזט, און די הינט האָבן זיך אין אַלע זייטן צעשפּרייט, און רייטערס דאַן נאָך זיי און מיט ביקסן און מיט געווער פאַרשיידן, און אַלע זיינען צווישן די בוימער פאַרפאַלן געוואָרן און יעדערער האָט זיך נאָך זיין שפּיר־הונט און נאָך זיין פאַרפריהער־לויפער אַוועקגעלאָזט. איז אין וואַלד דאַן שטיל געוואָרן, און די רייטער־מחנה האָט זיך צעשפּרייט־צעוואָרפן, זעלטן־זעלטן נאָר האָט זיך פון ערגעץ אַ שאָרכען און פון צווישן די קוסטעס דערהערט, פון אַ יעגער־מאַן אַ שפּירנדיגן, צי פון אַ הונט דאָרט אַ דורכשנאָרנדיגן, און קיין קול און קיין ביל האָט נישט געשטערט די רוה, און מענשן האָבן זיך וואָס אַ מאָל אַלץ ווייטער דערווייטערט און אויפן אָרט, וואו די רייטער האָבן די פערד פאַרלאָזט, איז אַלע מאָל שטילער געוואָרן, און נאָר די דינער, וואָס זיינען ביי די פערד געבליבן, זיינען ביי זיי געשטאַנען און זיי פאַר די צוימען געהאַלטן, און זיך אַליין און אויך די פערד שטיל געהאַלטן.

און אויך דער מלך, דער יעגער, פון בבאן און פון זיין טאָכטער באַגלייט, האָבן זיך אין אַ זייט און אין וואַלד ערגעץ אַריינ־

געלאָזט, און ווי אַלע אויך זיי אין וואַלד-שטילקייט פאַר־פאַלן געוואָרן, און ווי אַלע אויך זיי, און מיט יעגער־אינטערעס מיט גרויסן.

און אָט, ווי דער מלך מיט בבאן מיט זיין טאָכטער זיינען שוין טיף אין וואַלד געווען פאַרשוואונדן, און פון אַרום און אַרום האָט זיך, אויסער זיי און אויסער דעם נאָכשפּירן זייערן, קיין מענש און קיין סימן פון מענש נישט געפילט, און נישט קיין הינט און נישט קיין קול פון הינט פון פרעמדע, און נאָר זייערע און נאָר די פאַרפריהער־לויפער זייערע האָבן זיך אַלע מאָל פון קוסט צו קוסט געוואָרפן און מיט לאַנג־פיסקעס און מיט שאַרף־פיסקעס געזוכט דאָרט צווישן, און אָנגעשמעקט און דאָרט געניאָרעט און זיך אָפּגענאַרט און ווייטער געלאָפן, און טיף אין וואַלד שוין אינאיינעם מיטן מלך און מיט די קינדער פון דעם מלך זיך געטראָפן; און ווי דער וואַלד איז אַלע מאָל געדיכטער געוואָרן, צונויפגעצווייגט און פאַרבוימט־פאַרפרעמדט און שטיל און אומגעוויינליך שטיל און פון קיינע קול־שטערונגען נישט געשטערט, — אַזוי האָט זיך פּלוצלום פון אַ קוסט פון איינעם אַ חיה און אַן איבערגעשראָקענע, פון איר רוה דערוואַכט, פון איר באַהאַלטעניש און פון איר אין־וואַלד־זיך־האַלטן אַרויס, אַרויס און פאַרביי מלך און פאַרביי זיינע באַגלייטער דורכגעלאָפן, און מיט זיי זיך אָנשלאָגנדיג, און באַרעשט און שוין נישט ניצול־ווערן־רעכענענדיג, האָט זיך פּלוצלום און פאַר זייערע פנימער זיך פאַרהאַלטן, און וואָס צו טון נישט־ווייסנדיג, און וואוהין צו אַנטלויפן נישט־האָבנ־דיג, — האָט מיטאַמאָל און מיט אַ חיה־שפרונג אַ געשיקטן אויף דער מלך־טאָכטער און אויף איר ברוסט זיך אַרויפגעוואָרפן, און מיט אימפעט און מיט פאַרטומלט־קייט חיהשער די מלך־טאָכטער אויף דער ערד אומגע־וואַלגערט...

און אַ וואָרף געטאָן און דאָס געווער אָנגעשטעלט האָבן באַלד דער מלך און בבא אויף דער חיה, האָבן זיי אין איר אויסגעשאָסן, און באַלד דערנאָך, און באַלד און נאָכן טויטן זי, האָבן זיך צו דער מלך־טאָכטער, צו דער אויף־דער־ערד־אומגעוואָרפענער געקערעוועט, און שטיל און איבער איר זיך אָנבויגנדיג, איר וואונד און דאָס אָרט, וואָס איז פון דער חיה געשעדיגט געוואָרן, געזוכט.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן: נישט גערירט און נישט אָנגערירט, נישט געשעדיגט און נישט פאַרוואונדעט איז די מלך־טאָכטער אין ערגעץ געווען, נאָר אויף דער ערד און בלאַס איז זי געלעגן, אויסגעצויגן און מיט קיין איבר נישט באַוועגט. און די אויגן זיינען ביי איר אָפן געווען און געקוקט און נישט געזעהן מיט זיי גאָרנישט; האָט זי זיי נאָר אין איין פונקט געהאַלטן און נישט גערעדט און מיט די ליפּן נישט באַוועגט, און נישט געקרעכצט און קיין קול נישט אַרויסגעלאָזט.

האָט דער מלך אויף גיך און אַ באַפויל און אַ וואונק דאַן בבאן געגעבן: — זאָל ער תיכּף מיט זיין האָרן שאַלן, זאָל ער תיכּף און אויפן גאַנצן וואַלד מודיע זיין, און זאָלן זיך אַלע יעגער־לייט, וואָס האָבן זיך איבערן וואַלד צעשפּרייט, צונויפנעמען, און זאָלן זיי דערהערן: אַן אומגליק האָט געטראָפן...

און בבא האָט דעם באַפויל געטאָן, בבא האָט באַלד מיטן האָרן געשאַלט, און איין מאָל מיט אַ טרויער־אָנזאָג, און דאָס צווייטע מאָל מיט אַ שרעק־ידיעה. און באַלד האָבן זיך פון אַלע זייטן און צוריק־האָרנס אָפּגערופן, און באַלד האָבן זיך פון אַלע עקן פאַרוואָרפענע צוריק־ידיעות געלאָזט הערן, און אַלע האַרן האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע גערופן, און צווישן אַלע יעגער־לייט איז אַ מהומה געוואָרן, און – באַלד און נאָכן גרויסן שאַלן פון אַלע, האָבן זיך פון אַלע ווינקעלאַך און פון

אַלע באַהעלטענישן די יעגער־מענער און אָנלויפנדיגע אַרויס-געוויזן, און מיטאַמאָל, און אַלע כמעט אינאיינעם אָנקומענ-דיג, האָבן דעם מלך איבער זיין טאָכטער, איבער אויף דער ערד-ליגנדיגער און איבער איר שטיין געטראָפן, און בבאן איבער זיי ב י י ד ע און וועגן דעם אומגליק מיטן האָרן מודיע זיין.

און אַרומגערינגלט און באַטראַכט אַ ווײַלע האָבן די האַרן די מלך־טאָכטער, האָבן זיי אויף איר געקוקט אַזוי: אויף איר און אויפן מלך איבער איר איבערגעבויגענעם. האָבן זיי זיך דערנאָך אָנגעבויגן אייניגע, און די מלך־טאָכטער פון דער ערד אויפגעהויבן, האָבן זיי זי שטיל און פאָרזיכטיג גענומען, האָבן זיי זי שווייגנדיג און פונם אָרט יענעם געטראָגן און שטיל, און באַלייט פון אַלע, צום אָרט, וואו די דינערס מיט פערד און קאַרעטעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, צום אָרט אַהין, און אין דער שטיל זי געבראַכט. זי צוגעבראַכט, האָבן זיי זי אויף דער קאַרעטע, און וואָס צום מלך האָט געהערט, זי אַרויפ־געלייגט, און אַזוי און זי אַרויפלייגנדיג, און געהיט און אויפן געהעריגן אָרט זי באַשטאַטנדיג, האָבן זיך דערנאָך אַלע און אויף די פערד אַרויפגעזעצט, און טרויעריג און צווישן זיך שוין גאָר נישט רעדנדיג, האָבן פאַרפריהער די קאַרעטע אַרויס־פאָרן געלאָזט, און אַלע און נאָך איר, און אַלע האָבן זי אין שטיל־פאָרן באַלייט.

און אָנגעקומען און געבראַכט געוואָרן איז די טאָכטער אין פאַלאַץ פון מלך נאָכן וואַלד און נאָכן יאָר־געיעג נאָך טרויעריגן, האָט מען זי אין איר צימער און אויף איר בעט געבראַכט. האָט דער מלך באַלד אַ באַפויל געגעבן: „און זאָלן רופאים און אַלע, וואָס היילן קאָנען, הערן, פון דער הויפט־שטאָט און פון אַרום דער הויפּט־שטאָט, און וועמען נאָר דער מלך מיט זיין טאָכטער זיינען ליב, און קיין טייערס וועט דעם

מלך נישט טייער זיין, און זאָל מען נאָר קומען, און זאָל מען נאָר היילן״.

און אָנגעקומען און צונויפגעזאַמלט האָבן זיך באַלד די רופאים פון דער הויפּט־שטאָט אין פּאַלאַץ אַלע, זיינען זיי באַלד אין צימער און צו דער טאָכטער אַריינגעפירט געוואָרן, האָבן זיי זי באַטראַכטן און אַרומקוקן גענומען און זי אויס־קלאַפּן און אויסהערן. האָבן זיי געזעהן: מיט דער מלך־טאָכטער איז עפּעס אומגעוויינליכס געשעהן, און נישט קיין קלאַפּ און נישט קיין שעדיגונג, און דער גאַנצער קער־פּער איז נישט גערירט געווען, און קיין סימן נישט פון קיין חיה־ציין, און קיין זכר פון קיין וואונד קיין מינדסטער, און דאָך און די מלך־טאָכטער איז ווי טויט געלעגן, און נאָר דער דפק און דער שוואַכער אירעַר, האָט אויף לעבן און אויף אַ באַהאַלטן לעבן געוויזן. האָבן די רופאים צווישן זיך און זיך געעצהט, און שטיל גערעדט און אויף רופא־לשון, און אַלע זיינען עפּעס ערנסט געווען, און גאָר די חשובע און גאָר די ערנסטע צווישן זיי האָבן זיך שטיל און אויפגע־האַלטן געהאַלטן, און פון זייערע אויגן און פון די שוייג־בליקן זייערע האָט אַן ערנסט־לאַגע און ווי אַן אומבאַהאָלפנ־קייט אַרויסגעקוקט: „די לאַגע איז שווער, און דער צופאַל איז אַן אומגעוויינליכער, און דער, וואָס אין הימל איז אַ היי־לער און ער נאָר קאָן העלפן....״

און געהיילט און געטאָן האָבן די רופאים, וואָס פאַר נויטיג און מ׳באַדאַרף זיי האָבן געפונען; האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט ביי מלכס טאָכטער און אין איר צימער געפונען, נישט אָפּ־געגאַנגען און פאַרנומען געווען און אַלע מאָל זיך ווידער געעצהט און אַ נייע רפואה געפּרובט, און אַלץ נאָר, וואָס זיי האָבן גע־וואוסט, און אַלץ, וואָס נאָר זיי האָבן אין זייער רופאים־שול געלערנט, און אַלץ געפּלייסט זיך און אַלע כּוחות אוועק־

געלייגט – און אום דעם מלך זיין צער צו פֿאַרגרינגערן און אום זיין טאָכטער צום לעבן צו ברענגען; האָבן זיי אָפּגעטאָן און אַלעס אויסגעניצט אין טאָג אין יענעם, און פֿאַרנאַכט, — און אַז דער מלך האָט צו זיי און צו זייערע עלטסטע צוגע־טרעטן און זיי אויף זיין קינד, און ווי דאָס שלאַפֿקייט גייט, געפֿרעגט, האָבן יענע אויפֿן מלכס פּנים זייערע ערנסט־פּנימער אָנגעשטעלט, אָנגעשטעלט און אים אַזוי געזאָגט:

— די זאַך איז אַן ערנסטע, דאָס שלאַפֿקייט איז אַן אויסנאַם, און געטאָן האָט מען, וואָס מעגליך איז געווען, און באַגאַן איז מען זיך און נאָך אַלע געזעצן פֿון רפֿואה, און דאָס איבעריגע איז נישט אין די רופֿאים געווענדט, און אויפֿן איבעריגן האָט מען פֿון א ו י ב ן צו זאָגן, – אָפּגעזאָגט און זיך צעגאַנגען.

און ליגן געבליבן און אָ ה ן פֿאַרבעסערונג און אָ ה ן פֿאַר־גרינגערונג איז די טאָכטער פֿון מלך, פֿון יענעם טאָג און פֿון יענעם יאָר־געיעג־זיך־אומקערן, און נישט געהאָלפֿן און נישט פֿאַרגרינגערט האָבן נישט די הויפּט־שטאָט־רופֿאים און אויך נישט די, וואָס זיינען פֿון אַנדערע שטעט צו איר איינגעלאַדן געוואָרן, איז די מלך־טאָכטער, און ווי ביים ערשטן פֿאַל, אַזוי אויך אויף ווייטער און נישט גערירט און ווי פֿאַרשטאַרט גע־לעגן, מיט אָפֿענע אויגן און מיט קוקנדיגע, אין איין מאָס און אין איין אַרויפֿריכטונג און מיט זיי גאָרנישט נישט זעהענדיג. האָבן זי אויך שפּרעכערס און שפּרעכערינס געשפּראָכן – און אויך די שפּרוכן האָבן נישט געהאָלפֿן: און די מלך־טאָכטער איז אַלץ נישט טויט און נישט לעבעדיג געלעגן, און דער מלך איז נעבן איר געזעסן און איר בעט און איר נשמה געהיט, לאַנגע נעכט און אין שטילע טעג, און פֿון איר קיין אויג נישט אַראָפּנעמען, און געקוקט אויף איר און נישט אויפֿגעהערט צו קוקן, און געהאָפֿט און געגלויבט אויף איר קוקנדיג: — און

אפשר וועט זיך ביי איר פּאָרט אַן איבר אַ ריר טון, און אפשר וועט זי פּאָרט אַמאָל מיט אַן אויג אַ פינטל טון... — איז ער אַזוי געזעסן, און אויך בבא, און אויך דער געליבטער פון מלך־טאָכטער, פלעגט פון צייט צו צייט אין איר צימער אַריינ־קומען, אַריינקומען און זי באַטראַכטן, און אויך דעם מלך און דעם איבער איר זיצנדיגן — אין זיין פאַרלוירנקייט און אין זיין פאַרגעסנקייט זיין גרויסן; האָט ער אים באַדויערט, און זיין עלנט און זיין פּאָטער־טרויער טרייסטן געוואָלט, האָט ער אָבער נישט געקאָנט און נישט געהאַט מיט גאָרנישט. פלעגט ער אים פאַרלאָזן, אַליין ביי זיין טאָכטער און אַליין איבער איר אומגליק זיצן, און ווייטער ביי איר בעט, און ווידער אויף טעג און אויף נעכט אויף גאַנצע, און אַמאָל־נאָר און אויך פון שטערן־זעהער באַזוכט צו ווערן, פון זיין בעסטן און פון זיין פריינט דעם ליבסטן.

— האַ? — פלעגט זיך דער מלך יעדערס מאָל, און ווען דער שטערן־זעהער האָט אים מיט אַ באַזוך באַזוכט, זיך צו אים קערעווען און פרעגן: — וואָס זאָגסטו צו מיין אומגליק?

— יאָ, פריינט־מלך — פלעגט אים דער שטערן־זעהער דאַן ענטפערן — דיין אומגליק איז גרויס און דיין צער איז נישט אויף צו טרייסטן, אָבער... גאָט איז אַ פּאָטער, און דיין קינד איז נישט קיין פאַרפאַלנס.

— וואָס רעדסט דו, ליבער?

— געדענק מיין וואָרט און פאַרליר נישט דעם בטחון, ווייל שטערן זאָגן: די זאַך איז נישט קיין פאַרפאַלענע, די זאַך דאַרף אַן אויסשטאַנד האָבן, און אויף דיין קינד וועט אַן אויפריכטונג קומען — צו איר אַן אויפריכטונג, און דיר אַ טרייסט אַ פּאָטער־ליכער און נאָך מיט אַ נחת און נאָך מיט אַ פרייד פאַר אייך אַ גרויסער.

און דער מלך האָט געגלויבט און יעדערס מאָל אויפן שטערן־זעהערס באַזוך געוואַרט, אויף זיין קומען און אויף זיין אים פאַרגרינגערן: און אפשר וועט ער אים אַ בשורה ברענגען, אַן אָנזאָג און אַ שטערן־וואָרט אַ שטאַרקנדיגס, און אפשר וועט אויף זיין קינד לסוף שוין די הילף קומען, און אפשר אויך צו זיין צער אַ סוף און אַן אויסלייזונג אַן אמתע.

און די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און די מלך־טאָכטער איז אַלץ אויפן בעט געלעגן, און דער מלך איז ביי איר געזעסן, און בבא האָט זיך אַרום זיי שטיל אַרומגעדרייט, און האַרן האָבן אַליין די מלוכה געפירט, און דער מלך האָט זיך נישט געמישט אין זייער פירונג. און די מלך־טאָכטער איז אַלץ נישט געהאָלפן געוואָרן, און קיין רפואה און קיין היילונג האָט זיך נישט געפונען פון ערגעץ, און דער מלך האָט אַלץ נאָר אויפן שטערן־זעהער אַרויסגעקוקט, און דער שטערן־זעהער – אויף שטערן באַשטענדיג; ביז איין מאָל:

– און אָנגעקומען און געמאָלדן זיך האָט אַ מאָל דער שטערן־זעהער נאָך אַ ביינאַכט און נאָך לאַנגן זאויף אין־הימל־אַריין־קוקן דעמאָלט, האָט ער זיך צום פאַרטאָג צו צום מלכס פאַלאַץ צוגעשלאָגן און זיך מעלדן געהייסן, האָט מען אים געמאָלדן, האָט אים דער מלך אַריינקומען געהייסן, איז ער אַריינגעקומען, האָט ער זיך פאַרן מלך און אינם פאַרטאָג פאַר־נויגט, פאַר מידן מלך און פאַר איינגעמאַטערטן און וואָס ער האָט שוין לאַנג אַזוי די נעכט פאַרבראַכט, האָט ער זיך פאַר אים פאַרנויגט און אים מיט גוט־מאָרגן געבענשט, און שטיל, און בשעת אים בענשנדיג, האָט פון זיין פנים און פון זיינע אויגן מיט עפּעס נייס און מיט עפּעס אָנזאָגנדיגס אַרויס־געשיינט:

– אַ גוט־מאָרגן, פריינט, און וואָס אַזוי פריה, און צוליב וואָס זיך אַזוי געפעדערט?

— צוליב אַ נייס און צוליב אַ בשורה.

— אַ בשורה?

— יאָ, פּריינץ־מלך.

— און וואָס?

— די צייט פון דיין הילף דערנעהענטערט זיך, די צייט פון דיין צער־אויסלייזונג קומט אָן.

— און נו?

— הער מיך אויס: — און דאָ האָט דער שטערן־זעהער זיינע אויגן, וואָס פון זיי האָט געטריישאַפט, איבערגעגעבנקייט און מיטלייד אַרויסגעקוקט, צום מלכס פּנים און צום מלכס צער־אויגן אויפגעהויבן, אויפגעהויבן און אים אַזוי געזאָגט: — באַפויל, מלך, און היינט, און צום האַלבן טאָג נאָך, זאָלן אַהער און צום פּאַלאַץ צו דיר אַלע האַרן און אַלע זין פון די האַרן צונויפגעזאַמלט ווערן, אַלע קינדער און אַלע זין פון זיי, וואָס האָבן אויף דיין טאָכטער אַרויסגעקוקט און איר האַרץ־באַגער באַגערט; זאָלן זיי זיך צונויפנעמען, און זאָל דיין טאָכטער דיין שלאָף־ליגנדיגע צו איר חתונה און צו איר חופּה צוגעגרייט ווערן, און אָנגעטאָן און ווי ס׳געהער פאַר אַ כּלה, און אויסגעצירט און קיין זאַך זאָל נישט פעלן, און אויך בבא זאָל אַהין איינגעלאַדן ווערן, און אויך איך וועל בעת־מעשה זיין, — ווייל די שעה איז אַן ערנסטע, ווייל די שעה וועט אין דיין טאָכטער־לעבן אַ גרויסע און אַ וויכטיגע זיין.

האָט דאָס דער מלך אויסגעהערט, האָט ער באַלד און נאָך אין יענעם פריהמאָרגן זיינע האַרן און צו וויסן געגעבן: — זאָלן זיי וויסן און אַלע זאָלן גרייט זיין, צו יענער שעה, און וואָס דער שטערן־זעהער האָט באַשטימט, צו קומען, און זאָלן זיי זעהן און מיט זיך אויך זייערע זין נעמען, און קיין איינער זאָל נישט פעלן, ווייל אַלע זיינען היינט דעם מלך נויטיג.

האָבן די האַרן דאָס געהערט, האָבן די האַרן זיך פאַר־חידושט און דעם מלכס מיין און זיין באַפויל נישט פאַרשטאַנען. האָבן זיי צווישן זיך וועגן דעם גערעדט און איינער ביים אַנדערן האָט וועגן דעם זיך אָנגעפרעגט, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואוסט צו זאָגן, ווייל קיינעם האָט דער מלך פאַרפריהער נישט אויסגעזאָגט. האָבן זיי זיך געוואונ־דערט און זיך אָנשטויסן געוואָלט, זיך געחידושט, און די זאַך נישט ד ע ר ג י י ן געקאָנט, און דאָך, און צו דער שעה, צו דער באַשטימטער, האָבן זיך אַלע און ווי איינער צום פּאַלאַץ און, ווי געהייסן איז געווען, זיך צונויפגעקליבן. זיך צונויפגעקליבן — און אַריינגעפירט און געבראַכט געוואָרן זיינען די האַרן די פאַרזאַמלטע אַלע אין דער גרויסער אויפנאַם־זאַל פון מלך דעמאָלט, האָבן זיי זיך אַלע און די חשובסטע דאַן אויג אויף אויג געפונען, האָבן זיי זיך ווייטער איבערשמועסן און וועגן דעם געשעהעניש איבעררעדן גענומען, און גערעדט און געסודעט זיך, און געטיילט זיך און מיט השערות מיט פאַרשיידענע, — און אַזוי און זיך איבערשמועסנדיג און אַזוי און צווישן זיך מיט השערות זיך טיילנדיג, האָבן דערוויין געוואַרט און אינאיינעם געווען, אינאיינעם געווען און צו קייל באַשלוס און צו קיין קלאָרן נישט געקומען.

האָט זיך דערנאָך, און נאָכן צונויפגיין זיך פון אַלע, מיט־אַמאָל אַ טיר, און וואָס אין דער אויפנאַם־זאַל אַריינפירט, אויפ־געעפנט, האָבן זיך אין איר דעם מלכס באַדינער מיט אַ בעט אַ געטראָגענער באַוויזן, און אין בעט איז די מלך־טאָכטער — די שלאָפע און די פאַרשטאַרטע, די זיך־נישט־רירנדיגע און פון אַלע האַרן שוין מיואשדיגע — געלעגן, האָבן זי די דינער שטיל און אויפן בעט אַריינגעטראָגן און צום מלך־אָרט, דאָרט, וואו די מלך־שטול איז געשטאַנען, זי צוגעבראַכט; האָבן זיי זי דאָרט אַוועקגעשטעלט, און די האַרן האָבן אָט־וואָס דערזעהן:

אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט, ווי צו חופּה און צו טאָג פון חופּה, איז די מלך־טאָכטער דאַן געווען, אין זויבערקייט אײנ־גאַנצן און אין ווייס און אין זיידנס גאָלע, און ווי ס׳פּאַסט און ווי ס׳קומט אַ מלך־כּלה, און אויפן קאָפּ איר איז דער דעק־טוך געווען, און אויפן שטערן פון קאָפּ אַ דיאַדעם־שטיין אַ מלכותדיגער, און באַצירט און מיט צירונגען און איבערגעדעקט און ווי תּמיד איז געלעגן, און נאָר די רעכטע האַנט איז ביי איר פון אונטער דער קאָלדרע ארויסגענומען געווען און נאָר די רעכטע האַנט איז ביי איר אָפּגעדעקט און פון אויבן געלעגן.

שטיל און שווייגנדיג, איבערראַשט און נישט פאַרשטייענ־דיג, האָבן די האַרן אַזוי אויף דעם בילד און אויף דער מלך־טאָכטער געקוקט, געקוקט און געשטוינט, נישט פאַרשטאַנען און דערויף קיין באַשיידונג נישט געפונען. האָט זיך דעמאָלט ווידער און אַ צווייטע טיר, וואָס פון מלך־צימער און ווידער אין אויפנאַם־זאַל פירט, אויפגעעפנט, האָט זיך אין איר דער מלך באַוויזן, און אָנגעטאָן און מיט אַ טאָגע־קלייד, און גע־קרוינט און מיט זיין צעפּטער, און ווי פאַר אַ געשעהעניש און פאַר אַ מלוכה־אַקט אַ גרויסן. האָט ער זיך באַוויזן, איז ער אין זאַל און צווישן די האַרן געקומען, האָט ער צו זיין שטול און צו זיין רעכטפאַרטיגער גענעהענט, האָט ער זיך פאַר די האַרן און פאַר די פאַרזאַמלטע זיך פאַרנויגט, און שטיל און נאָכן פאַרנויגן־זיך פאַר האַרן, איז אויף זיין שטול און אויף זיין מלך־שטייגער אויפגעגאַן, האָט זיך באַלד און דורך דער זעלבער טיר, דורך וועלכער דער מלך איז אַריין, דער שטערן־זעהער און אין זיין געלערנט־אָנגעטאָן באַוויזן, מיט זיין לאַנגן קלייד, און וואָס האָט ביז דער ערד דער־גרייכט, און מיט זיין שמאָלן און שוואַרצן, און וואָס האָט זיין קערפּער און זיין איידעלן געפּאַסט, איז ער אַריינגעקומען, האָט ער זיך אין זאַל אַריינגעלאָזט, און היינטער אים און

מיט עניוות מיט גרויסן האָט אויך בבא און הינטער זיין פלייצע אים נאָכגעפאָלגט.

און צוגעגאַן איז דאַן דער שטערן־זעהער צו פאַר מלך־שטול און צו נעבן בעט פון טאָכטער־מלך, זיך אַוועקגעשטעלט. האָט ער פריהער אויף דער מלך־טאָכטער אַ קוק געטאָן און אין די אויגן ביי אים האָט זיך אַ גרויס רחמנות־געפיל באַוויזן, דערנאָך אויף די האַרן און אויף די פאַרזאַמלטע — און אַן ערנסט און אַ גרויסער האָט זיך אין זיי אויסגעדריקט. און דאַן, אין צום מלך און צום אויף דעם שטול־זיצנדיגן אַ קוק טועדיג, האָט דאָס וואָרט גענומען און אַזוי געזאָגט:

— אין רשות פון מלך און אין רשות פון אַלע האַרן זיך דאָ־צונויפגעזאַמלטע, נעם איך דאָס וואָרט מיר דאָ און וויל מודיע זיין: זייט וויסן, האַרן, שטערן האָבן מיך צום מלך גע־שיקט, שטערן האָבן מיר אים זאָגן געהייסן, און צום גונסט פון מלך — אַזוי: — זיין טאָכטער קאָן געזונט נישט ווערן, זיין טאָכטער וועט נישט גענעזן ווערן, ביז זי וועט צו איר געליבטן, און ביז זי וועט צו איר באַגערטן נישט קערן. און אָט האָבן מיר זיך צונויפגענומען דאָ, און אָט זיינען דאָ אַלע זין פון האַרן און אַלע יענע, וואָס האָבן איר האַנט געזוכט. — און אָט איז די האַנט פון מלך־טאָכטער, און אָט איז אויך די קידושין־רינג פאַראַנען, — און זאָל אַצינד, און ווער עס וויל פון אייך אַרויסגיין, אַרויסגיין און די רינג נעמען און דער מלך־טאָכטער זי אָנטון, און זאָל ער איר אַ מאַן און אַ שאַפער זיין, און אויך אַ קרוין־יורש און אַן איבערנעמער פון מלוכה... אָבער וויסן זאָל ער זיין, דער וואָס נעמט אויף זיך די ליבע, אַז נישט ת י כ ף און נישט ב אַ ל ד געזונט וועט ווערן די מלך־טאָכטער, אַז אַ צייט אַ לאַנגע דאַרף נאָך אויף איר בעטל ליגן, און ער אַליין דאַרף אין וועג און אויף וועלט זיך לאָזן, און אַסך אויס־שטייאונגען דאַרף אויסשטיין און אַסך שטערונגען און שטרויכ־

לונגען דאַרף איבערקומען, און לסוף, און אַז ער וועט דאָס בייקומען, וועט ערשט דאַן צו זיין ליבער, וועט ערשט דאַן צו זיין געוואונשענער קומען. — און אָט איז די רינג פאַר אייך!

און דאָ האָט דער שטערן־זעהער אין דער הויך און אין די אויגן פאַר אַלעמען אַ קידושין־רינג אַ גאָלדענע און אַ גרויסע אויפגעהויבן, האָט ער זי פאַר האַרן און פאַר די זיין פון האַרן געוויזן, און אַזוי און זי ווייזנדיג, ווידער גערופן:

— האַרן און זיין פון האַרן, די קידושין־רינג און די מלך־טאָכטער וואַרטן, און דער מלך אויף דער שטול — אויפן גליק און אויף דער הילף פון זיין טאָכטער... זאָל דערום ווער אַרויסגיין, זאָל דערום ווער געגנעהענען, זאָל ער די קידושין־רינג דער מלך־טאָכטער אָנטון און זאָל ער, זי אָנטוענדיג, אין דער מלך־טאָכטערס האַנט זוכה זיין.

און נישט געגנעהענט און נישט אַרויסגעגאַן איז דאַן פון אַלע פאַרזאַמלטע, פון אַלע זין און פון דער גאַנצער חתן־יוגנט אויפן רוף און אויפן רינג־באַוויז פון שטערן־זעהער דעמאָלט קיינער; האָבן זיי זיך אַלע און ווי דערשראָקענע אויף צוריק גערוקט, אויף בעטל קוקנדיג און אויף דער מלך־טאָכטער, דער האַלב־טויטער, אויף איר אויסזעהן אויסגעצויגענעם און אויף איר האַנט דער בלאַס־ליגנדיגער; האָט זיך קיינער און אויף שטערן־זעהערס רוף נישט אָפּגערופן און נישט געגנעהענט צום בעטל. האָט דער שטערן־זעהער אַ ווײַלע און די קידושין־רינג נאָך אין דער הויך און אויפגעהויבן געהאַלטן — און דער מלך האָט אויפן עולם געקוקט, און געשוויגן און געוואַרט פון דאָרט, און אויך די טאָכטער האָט אויף דעם עולם די אויגן ווי אָנגעשטעלט און ווי פון דאָרט אויף דעם ערשטן צו איר אַרויסגייענדיגן און צו איר־אַרויסטרעטנדיגן געוואַרט. און אַז זיי האָבן זיך נישט אויסגעוואַרט, און אַז דער שטערן־זעהער האָט לסוף די האַנט און פון זי הויך־האַלטן אַראָפּגעלאָזט —

דער מלך די אויגן — און ווי פאַרשעמט צום באָדן, און די כלה־טאָכטער — פאַרלאָזט און נישט דערבאַרעמט און נישט געליבט פון קיינעם, — האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער צום עולם און צום לעצטן מאָל געווענדט און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט:

— דאָס לעצטע מאָל, זין פון האַרן, דאָס לעצטע מאָל רוף אויס: ווער וויל די מלך־טאָכטער נעמען, ווער וויל אין איר האַנט זוכה זיין?

— קיינער!

האָט פון עולם קיינער זיך נישט אָפּגערופן.

— איך! — האָט זיך דעמאָלט פון אַ זייט, און נישט באַמערקט, פון פאַררוקטקייט און פון נישט אָנגעזעהענקייט ביז אַהעריגן, פון הינטער די פלייצעס פון שטערן־זעהער אַ קול דערהערט, — איך! — האָט זיך דאָס קול און שטיל אַרויס־געזאָגט און פון הינטערן שטיין און פאַרשטעלטקייט פון שטערן־זעהער האָט זיך בבא אַרויסגערוקט.

און אויפגעמונטערט און דערפרייט האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער מיט אַ פנים־פרייד צו בבאן אויסגעקערעוועט, אויפגעלייגט און דערמונטערט האָט דער מלך דאַן זיינע אויגן פון פריהערדיגן אַראָפּגעלאָזנקייט און פון טרויעריגן אַראָפּ־געפאַלנקייט אויפגעהויבן, און אויך ביי דער טאָכטער פון מלך האָבן זיך אין די אויגן, אין די אָפּן־קוקנדיגע, ווי אַן אויפ־לעבונג און אַ דערפרייאונג באַוויזן... און צוגעגאַן און אַ האַנט אויסגעשטרעקט האָט בבא דאַן צו דער רינג, וואָס ביים שטערן־זעהער אין האַנט זיינערדיגער, האָט ער זי אויס־געשטרעקט און די רינג גענומען, האָט ער זיך מיט איר אָנ־געבויגן און ביי מלך־טאָכטער די האַנט, וואָס איז אויף דער קאָלדרע און אָפּגעדעקט געלעגן, אָנגענומען, אָנגענומען און איר די רינג אָנגעטאָן: — „צו מיר און אויף געהערן, אויף

פאַרבונדן זיין און אויף נישט צעשיידן זיך, און אויף אַלץ און אויף אַלעמען, און וואָס מיך און דיך און אין לעבן וועט נישט טרעפן". — און דאָ האָט זיך בבא איבער דער האַנט פון מלך־טאָכטער, אויף דער שוין־מיט־דער־רינג־אָנגעטאָנענער און צו־אים־שוין־געהערנדיגער מיט זיין קאָפּ, פּנים און ליפּן זיך דערנעהענט, און לאַנג און צו איר אָפּגעדעקטקייט, און אויף לאַנג און צו איר מיט אַ קוש צוגעפאַלן.

איז אויך דער מלך דאַן פון זיין שטול און פון זיין זיצן און פון דער הויך אַראָפּגעגאַן, האָט ער פריהער צו זיין כלה־טאָכטער געגעהענט און זי אין שטערן אַ קוש געטאָן, און דערנאָך און צו בבאן זיך אויפגעהויבן, אויף אים מיט אַ פרייד־קוק אַ קוק געטאָן און מיט אים זיך געפרייט־געאָרעמט, און דאַן און צו דעם שטערן־זעהער צוגעגאַן, — צו זיין בעסטן און צו זיין פריינט זיין איינציגסטן:

— צו מזל, האַרץ־פריינט!

— צו מזל און צו ברכה — האָט דער שטערן־זעהער דאַן דעם מלך אויפגעלייגט און מיט פרייד געענטפערט.

און אַ באַפויל געגעבן און אַ ווייז געטאָן האָט באַלד דער מלך די דינער, וואָס האָבן די טאָכטער פריהער אין זאַל אַריינ־געבראַכט און צו זיין שטול זי צוגעשטעלט, אַ ווייז געטאָן — האָבן באַלד די דינער דאָס בעטל פון זאַל אַרויסגענומען און צוריק אין טאָכטער־צימער דאָס אומגעקערט, האָבן זיי זי אַוועקגעטראָגן און מיט איר נישט געבליבן. איז דער מלך מיט די האַרן אַליין און אין זאַל דאַן פאַרבליבן: מיט די אַנט־שוויגענע און דאָס־אַלץ־פאָרגעקומענע צוזעהענדיגע, און ביי זיך אַראָפּגעפאַלענע און פאַרן מלך איצט זיך שעמענדיגע. זיינען זיי אַ ווילע אַזוי פאַרשעמט און שטיל געשטאַנען, האָט זיי דער מלך אָפּגעזעגנט, זיינען זיי זיך צעגאַן, אַליין דער מלך נאָר מיט שטערן־זעהער און בבאן זיינען אויך אויף ווייטער

איבערגעבליבן, און דאַן, און אויג אויף אויג אַליין זיינענדיג, האָט זיך דער שטערן־זעהער באַלד צו בבאן געווענדט און אים אַזוי געזאָגט:

– און איצט, בבא, טו זיך איבער... פאַר אַ גייער און פאַר אַ בעטלער... און אַזוי וועסט דו זיך אויף דער וועלט לאָזן, און אַזוי וועסט דו באַלד דעם פּאַלאַץ פאַרלאָזן, און מער דיין כּלה וועסט דו שוין נישט זעהן פאַר דיין אַוועקגיין, מער דיין געליבטע און נישט אָנקוקן ביז איר געזונט־ווערן, און גיי: און זאָל דיר די ברכה, מיט וואָס דיין אַלטער האָט דיך גע־בּענטשט, בּיישטיין, און זאָל דיר זיין בענשונג און דיין קאָפּ דיר שיצן, און פאַר מלכים זאָלסט דו שטיין און מלכים זאָלסט דו טרייסטן, און ווייס: און יעדער מלך וועט דיר פאַר דיין טרייסט אַ זאַך עפּעס געבן, פון יעדער מלך וועסט דו פאַר דיין גוטס אַ געשאַנק באַקומען, און לסוף, און אַז דו וועסט פאַר דעם דריטן און פאַר דיין לעצטן אָנקומען – געדענק: דיין הילף דאַן איז נאָהענט... און אָט האָסטו דיר אויך פון מיר אַ מתּנה.

און דאָ האָט דער שטערן־זעהער זיין האַנט אין זיין קלייד־טאַש אַריינגעטאָן און פון דאָרט עפּעס ווי אַ שאַרף־שטיין אַרויסגענומען, האָט ער עס איבערגעגעבן בבאן, און שטיל און דאָס אים איבערגעבנדיג, אים אַזוי געזאָגט:

– זאָלסט עס טראָגן און זאָלסט עס אָפּהיטן, זאָלסט דאָס אין זינען האָבן און אַן דעם געדענקען, און אין דער ערשטער אין דער נויט אין דיינער זאָלסטו דאָס באַניצן, און אום דיין נויט צו באַזייטיגן...

און באַלד, און דער שטערן־זעהער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט בבאן, האָט ער אים די האַנט געדריקט און אים גליק גע־וואונשן, און דאַן און נאָכן געזעגענען־זיך מיט אים האַרצליכן, האָט אים אויך פאַרן מלך צוגעפירט, האָט ער בבאס האַנט

אין מלכס האַנט געגעבן, און אַזוי, און האַנט אין האַנט זײַ געבנדיג, האָט זײ פֿאַראײניגט און אויף תּמיד, אויף זיך ליב האָבן און אויף שטענדיג, אויף געטרײַ־זיך־זײַן און געטרײַ־זיך־איבערגעגעבן אויף אײביג.

און בבא איז באַלד פֿון אויפנאַם־זאַל אַרויסגעגאַן און באַלד זײַנע קלײדער און פֿון מלכס פּאַלאַץ אַראָפּגעוואָרפֿן, האָט ער אַנדערע און בעטלערשע אויף זיך גענומען און אין אָרימען און אין געמײנעם זיך אָנגעטאָן, און אַזוי און בעט־לעריש און אויף ס׳ניי באַקלײדט, האָט באַלד דעם פּאַלאַץ און אַלץ, וואָס דאָרט ליב אים איז געווען, פֿאַרלאָזט, און אויף שטאָט און אויף אויסער־שטאָט, אויף וועגן און אויף וואָגלען זיך אַוועקגעלאָזט.

* *
*

און בבא איז אַוועקגעגאַן און בבא איז שוין ווײַט געווען, און בבא האָט זיך פֿון פּאַלאַץ דערווײַטערט און פֿון זײַן יוגנט און פֿון זײַן פֿאַרברענגען דאָרט. האָט ער אַזוי געוואָגלט און געוואַנ־דערט און אַ צײַט און אַ לאַנגע אין גײן שוין אין גײערשן. האָט ער זיך נישט פֿאַרהאַלטן אין ערגעץ, און וואו געטאָגט, נישט גענעכטיגט קײנמאָל, און אויף זײַן וועג האָט זיך אים נישט געטראָפֿן גאָרנישט. און אין זײַן גײן נישט באַגעגנט קײנער. האָט ער אַלץ ווײַטער און ווײַטער געצויגן, און נאָר אין טאָר־בע, וואָס מיטן עסנוואַרג זײַן ווײניגן, האָט אויך די מתּנה, און וואָס דער שטערן־זעהער האָט אים מיטגעגעבן, געטראָגן. און אַזוי און נאָר די טאָרבע טראָגנדיג, און אַזוי און נאָר מיט איר און מיט זײַן מתּנה גײענדיג, האָט אײנמאָל, נאָך לאַנג גײן און נאָך גרויסן מיד־ווערן, אין אַ פֿאַרנאַכט אין אײנעם, אין אַ שטילן און אין אַ זוניגן, אין אײנער אַ מדינה, צו אירער אַ שטאָט און צו איר הויפּט־שטאָט זיך צוגעשלאָגן.

פאַרנאַכט איז דאַן געווען. די זון האָט זיך אויף יענער זייט הויפּט־שטאָט, אויף הינטער אירע מויערן און הינטער אירע געבייען געזעצט, געזעצט און אַראָפּגעלאָזט, און דער שטאָטס אויסזעהן און די מויערן־דעכער מיט אַ לעצטער פאַר־גיי־שיין באַשיינט. איז די שטאָט דאַן ווייט און ווי אין אַ ווינקל צונויפגעדריקט געשטאַנען, און מיט בנינים און ווי צונויפגעגאָסן און מיט ליכט און מיט פאַרנאַכטיגן באַלויכטן. איז דאַן בבא פון איר צווייטער זייט און צו איר אַנטקעגנ־קייט צוגעטראָטן און זי אין באַלויכטנקייט און אין דער־ווייטערטקייט געזעהן. האָט ער זיך צו אירע טויערן און צו איר אַריינגאַנג דערנעהענט, און מיט דער דעה אין איר אויף נאַכט, און מיטן געדאַנק אויף אין איר צו איבערנעכטיגן אָנצוקומען. האָט ער זיך אָבער באַלד, און ווי ער איז נאָר צום טויער צוגעטראָטן, אָן אַ שומר און מיט געווער אין האַנט זיך אָנגעשלאָגן, און באַלד, און ווי דער שומר האָט בבאן צום טויער גענעהענען דערזעהן, אַזוי האָט ער אים באַלד דעם וועג איבערגעטראָטן, אים פאַרשטעלט דעם וועג, און באַלד און אים פאַר פנים קומענדיג, האָט אים אַזוי געפרעגט:

– ווער ביסט דו און וואָס דאַרפסט דו?

— אַ בעטלער בין איך, און אין שטאָט און דאָרט איבער־נעכטיגן וויל איך.

— דו טאָרסט נישט, און ס׳איז דיר פאַרווערט דער אַריינ־גאַנג.

– פאַרוואָס?

— ווייל דאָ איז די הויפּט־שטאָט, און פאַר וואָגלער און פאַר אַלע שלעפער איז פאַרשטעלט די שטאָט.

– און ווער האָט דאָס פאַרווערט?

– אַליין דער מלך.

– און פאַרוואָס?

— איבער אַ מעשה·
— איבער וואָסערער?
— איבער איינער· — און דאָ האָט דער שומר אויף בבאַן און אויף זיין אויסזעהן אַ קוק געטאָן, פריהער זיין פּנים באַטראַכט און דאַן און אים אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס אים אָפּגעמאָסטן; איז ער אים עפּעס געפעלן געוואָרן, האָט ער ביים שומר חן געפונען, האָט ער אויך צייט געהאַט, דער שומר, און אומעטיג איז אים געווען און פון היטן לאַנג, און פון לאַנג פון פאַר טויער שטיין און מיט אַ מענשן און זיך זעהן זעלטן, — האָט ער איצט דאָ בבאַן דערזעהן, האָט ער פּאַמעליך זיין ביקס און פון זי־אויפן־אַקסל־האַלטן אַראָפּגענומען און אויף דער ערד און אויף אונטן זי אַראָפּגעלאָזט, האָט ער זיך אויף איר אָנגעשפּאַרט, און אַזוי און זיך אָנשפּאַרנדיג, און אַזוי און ביי איר זיך האַלטנדיג, האָט צו בבאַן און צו פאַר אים שטייענדיגן זיך געווענדט און אים באַוויליגט און אים די מעשה דערציילן געוואָלט.
און דער שומר האָט אַזוי דערציילט:
ביי אונזער מלך איז אַ וויינגאָרטן פאַראַנען, אַ גרויסער און אַ וואונדערליכער, אַ זעלטענער און וואָס אויף חידושים קומט מען צו אים. האָט זיך דער מלך אין וויינגאָרטן אַ פּאַלאַץ אויסגעבויט, אַ שיינעם און אַ זומערדיגן, אַ לייכטן און אַ לופטיגן. קומט ער אַהין אויף זומער מיט מלכּה און מיט קינדער־פּרינצן, פאַרברענגט ער דאָרט צווישן בוימער און צווישן וויינשטאָקן די וואונדערליכע, שפּאַצירט ער דאָרט אין דער פריה און פאַרנאַכט אויף די סטעזשקעס די דאָרטיגע, גייט ער דאָרט פאַר טייכלאַך און פאַר די פאָנטאַנען פאַרביי, רוהט ער זיך ביי זייערע וואַסערן און ביי זייערע קיל־שפּריצן אָפּ, קומט אים זייער רוה און שטילקייט אין קערפּער אַריין, ווערט דער מלך געשטאַרקט און באַרוהט פאַרן זומער, און

כחות און כח־באַנייאונג אויף ווייטער און אויף מלך־אַרבעט זאַמלט. אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר, אַזוי אַ זומער נאָך אַ זומער, און אַזוי שוין לאַנג און זינט דער מלך איז מלך געוואָרן, און אַזוי פון תמיד אַזוי שוין איינגעפירט, און זינט דער מלך האָט זיך אויף דער שטול געזעצט.

האָט זיך אָבער אַמאָל געמאַכט, מיט אַ יאָר צוריק און אויך׳עט אום זומער — דער מלך האָט דאַן אין זיין וויינגאָרטן געוואוינט און, ווי אַלע תמיד, אין אַלע פריהמאָרגנס און אין אַלע פאַרנאַכטן שפּאַצירט אין אים, — האָט זיך אַמאָל גע־טראָפן, אַ פאַרנאַכט און פאַר־זון־זעצן־זיך, דער גאָרטן איז שוין האַלב אין שאָטנס איינגעהילט געווען און נאָר די שפּיצן־בוימער האָבן נאָך מיט זון־ליכט געלויכטן, האָט אין גאָרטן דאַן אַ שטילקייט און אַן אומגעווייגליכס געהערשט, אַ זעלטנס און אַ פאַרנאַכטיגס, אַ שאָטנדיגס און וואָס קיין גראָז און בלעטעלע האָט זיך נישט גערירט. איז דער מלך דאַן גראָד אויף איינער אַ סטעזשקע געגאַנגען און שטיל און טריט ביי טריט שפּאַצירט זיך, האָט ער אויף אַלץ און מיט אויפמערק־זאַמקייט זיך אַרומגעקוקט און מיט ערנסט און מיט אַליינ־זייענדיגקייט באַטראַכט דאַן אַלץ; איז ער אַזוי געגאַן, ביז ער לסוף צו איינעם און אַ טייכעלע אָנגעקומען, — צו אַ רו־היגן און אַ שטיל־וואַסערדיגן און צו אַ באַרוהטן און וואָס ס׳האָט נאָכן טאָג נאָכן הייסן אין פאַרנאַכט און אין אָפּגע־קילטקייט זיך געדעמפּט; איז דערפון אַ דאַמף און אַ וייס־ליכער אויפגעגאַנגען, אַ שטילער און אויף דעם וואַסער שוועבנדיגער, אַ נעפּלדיגער און וואָס ער האָט זיך נאָהענט און איבער דעם אויבערפלאַך געהאַלטן. האָט זיך דער מלך דערביי פאַרהאַלטן, און דערביי שטיין געבליבן און געשטאַנען; האָט ער דערויף געקוקט און אויף דער רוהיגקייט פון דעם, און שטיל און אַזוי דערויף קוקנדיג, האָט זיך פּלוצלום

און אויף דער מיט פון טייכל דעם מלך אָט־וואָס אויסגעוויזן:

האָט זיך פון דער מיט און פון דאַמף אַרויס אַ קאָפּ אַרויסגעשטעקט, אַ בעטלער־קאָפּ און אַ גראָהער, אַ האָר־צע־שויבערטער, אָבער אַ טרוקענער און ווי גאָר נישט פון וואַסער געקומען, האָט ער אויפן מלך זיינע אויגן, אַלטליכע און וואַסערדיגע אָנגעשטעלט, שטילע און באַרוהטע, ווי נישט פון־דאַניגע און ווי פון ערגעץ אַ וואַסער־עולם אָנגעקומענע. האָט ער זיך פאַרקוקט אויפן מלך און לאַנג פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען, און לסוף און אַזוי אים פאַרן פנים האַלטנדיג, און לאַנג אים באַטראַכטנדיג, האָט זיך צו אים געקערעוועט און צו אים אַזוי געזאָגט:

– מלך, דאָס וואַסער האָט מיך געשיקט צו דיר, די וואַ־סער־באַשעפענישן האָבן מיר דיך וואָרענען געהייסן: מלך, היט זיך פאַרן וואַסער.

אָפּגעזאָגט און געשטאַנען און נאָך געזאַמט אַ ווײַלע, און באַלד און נאָכן זאַמען ווייניגן, איז צוריק פון וואַנען אָנגע־קומען, אויף צוריק, און פון וואַנען אַרויסגעקומען, פאַר־שוואונדן.

און פאַרנאַכט איז דאַן געווען. דאָס פאַרגיי־ און גאָרטן־ליכטיגקייט האָט זיך שוין פון דעם גרינס און פון די בוימער אָפּגעטאָן, די שאָטנס, וואָס האָבן זיך פריהער נאָר פון אונטן און ביי דער ערד געהאַלטן, זיינען איצט ווי פון די באַהעל־טענישן אַרויס און אויף גאָר און אויף גאַנצן גאָרטן זיך פאַרשפרייט, די פאָנטאַנען און וואַסער־שפריצן האָבן אויף זייערע נאָס־שטיינער און איבער די קיל־גראָבנס געגאָסן און דעם גאָרטן און דאָס שאָטנדיגקייט פון גאָרטן מיט נאַכט און מיט קילקייט געקילט. איז דער מלך אַזוי פאַר דעם טייכל און נאָך דעם קאָפּ־באַווייזן־זיך געשטאַנען, געשטאַנען און

דאָס אָרט, פון וואַנען דער קאָפּ האָט זיך באַוויזן, באַטראַכט, געקוקט דערויף, און וואו דערנאָכדעם ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין וואַסער. האָט דאָס טייכל איצט, ווי פריהער און ווי בשעת דעם מלכס צו דעם צוגיין, אויסגעזעהן, און שטיל געדעמפט זיך נאָר מיט נעפּל, און שטילער און נאָכן פאַרגיין און נאָכן פאַרשוואונדן־ווערן פון זון־ליכטיגקייט; איז דאָס אַזוי פאַררוקט און ערב־אָוונטיג געלעגן אין די ברעגעס, אין די מיט־גרינס־באַדעקטע, און וואָס האָבן זיך אין וואַסער און אין טיפקייט אַריין אָפּגעשפּיגלט. איז דער מלך אַזוי פאַר דעם געשטאַנען, און שטיל, און נאָך זיין שטיין דאָרט דעם שטילן, האָט זיך צום טייכל און אויף צוריק זיך אויסגעקע־רעוועט און, שטיל און פאַרטראַכט, אויף נאַכט און אין פּאַ־לאַץ זיך אומגעקערט.

און דער מלך האָט פאַרן וואַסער־קאָפּ מורא געקראָגן, און פון מלכ׳ס אויגן האָט זיך זיין געשטאַלט נישט אָפּגעטאָן. האָט דער מלך יענע נאַכט אָהן שלאָף פאַרבראַכט, האָט ער יענע נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, און אין דער פריה – און אַז דער מלך האָט זיך אַלץ נישט באַרוהיגן און צו זיך קומען נישט געקאָנט, האָט ער אין פּאַלאַץ אַריין זיי־נע אַלטע לייט און זיינע ראָט־קלוגע צונויפרופן געהייסן, זיינען זיי זיך צונויפגעקומען, די עצה־געבער, האָט זיי דער מלך, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט נעכטן, דערציילט, זיין שפּאַצירן פאַרנאַכט און זיין פאַרן טייכל אָנקומען און דאַן דאָס זעהונג אויפן טייכל און וואָס מ׳האָט אים געוואָרנט פון דאָרטן. האָבן זיי אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם, און דאַן און אַז דער מלך האָט זיין דערציילן פאַרענדיגט, און דעמאָלט און אַז ער האָט זיך צו זיי נאָך אַ באַשיידעניש געקערעוועט, האָבן זיך די אַלטע לייט און נאָך אויפגעהאַלטן אַ ווייל, האָבן זיי געטראַכט און די זאַך באַדענקט, און דערנאָך און

נאָכן באַדענקען־זיך ערנסטן, האָבן זיי זיך צום מלך געקע־רעוועט און אים אַזוי געעצהט:

– זאָלסט דו עס טאַקע נישט פאַר גרינג האַלטן, מלך, זאָלסט דו זיך טאַקע פאַרן וואַסער היטן, און נישט אַזוי זיך, ווי די קינדער דיינע, און זעה – היט זיי און פאַרהיט זיי...

האָט דער מלך דאָס אויפן זינען גענומען, האָט ער פון דעמאָלט אָן און פון וואַסער זיך געהיט און קיינמאָל און אין זיינע שפּאַצירן און נאָהענט צו די טייכלאַך און צו די סאַזשלקעס זיך נישט געהאַלטן, האָט ער זיי אויסגעמיטן, אַליין ער, און אויך זיינע קינדער, און די אַמען און די דער־ציהער פון קינדער אָנגעזאָגט: הזהר והזהר – און די קינדער זאָל מען נאָהענט צו די גאָרטן־וואַסערן נישט ברענגען. האָט מען אים געפאָלגט, האָט מען די קליינע און קיינמאָל צו די טייכלאַך נישט געפירט און זיי אויסגעמיטן און אָפּגעטרעטן פון זיי זיך געהאַלטן, און אויך די עלטערע קינדער פאַרזאָגט, אַז זייערע פיס זאָלן צו די סאַזשלקעס נישט קומען, און אויך די עלטערע האָבן דעם אָנזאָג געפאָלגט. אַליין נאָר דאָס עלטסטע קינד פון מלך – דער פרינץ און דער יורש פון מלוכה – האָט נישט געהערט און דעם פאַרבאָט נישט פאַרנו־מען, און אויפן וואָרענען און אויפן פאַרווערן שטרענגען קיין אַכט און קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געגעבן. האָט זיך טאַקע מיט אים געמאַכט:

איז דאָס ווידער אין אַ פאַרנאַכט געווען. דער פרינץ האָט דעמאָלט אין וויינגאָרטן מיט זיין דערציהער שפּאַצירט, צווישן ביימער און צווישן וויינשטאָקן געדיכטע, צווישן פאַר־צווייגטע שטאַרק און פון פאַרנאַכט שוין קילע. זיינען זיי אַזוי שטיל און צווישן זיך נישט רעדנדיג פון וועגל צו וועגל און פון איין סטעזשקע צו דער אַנדערער געגאַן, אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט און אויף די זייטן אין געדיכטעניש

אַריינגעקוקט, אין שטיל־געוואָרענעם און שוין שאָטנדיגן, אין פאַרנאַכטישן און וואָס האָט זיך שוין אויף אָוונטן און אויף נאַכט געגרייט. האָבן זיי אַזוי זיך פאַרטראַכט, און דער לע־רער האָט, קוקנדיג, ווי אָן פרינץ פאַרגעסן, אויך דער פרינץ האָט, זיך פאַרטראַכטנדיג, ווי אָן זיין דערציהער נישט גע־דענקט, האָט דער פרינץ דאַן צווישן גאָרטנדיגן און פון צווישן געדיכטעניש פלוצלום עפּעס אַ ווייס און אַ חיפלדיגס דערזעהן, פון ערגעץ אַן אָנקומענדיגס און פון וואַנען נישט צו וויסן אויף קלאָר, האָט עס אים אַ ציה געטאָן, דאָס נישט־קלאָרע, האָט ער ווי פאַר זיך אַליין נישט באַמערקט, פון זיין אָרט און פון זיין זאַמד־וועגל זיך אָפגעטיילט און אין יענעם געדיכטעניש אַריין, האָט ער זיך פון זיין וועגל, און וואָס איז הינטער אים געלעגן, זיך אָפגעווענדט און אַלץ טי־פער און טיפער אַריינגעדרונגען, און מיטאַמאָל, און אַלץ ווייטער און טיפער גייענדיג, האָט זיך פלוצלום פאַר אַ סאַזשלקע פאַר אַ שטילער, פאַר אַ פאַרנאַכטישער און פאַר אַן אָפגעזונדערט ליגנדיגער זיך געטראָפן.

שטיל און פאַרוואַקסן, צווישן בוימלאַך און צווישן גראָזן הויכע, איז דאָס סאַזשלקעלע מיט זיין וואַסער־שפּיגל און מיט זיין־אָפשפּיגלונג געלעגן; האָט זיך דאָס אַלץ אַרומיגע, און וואָס ס'האָט אַרומגעגראָזיגט דאָס סאַזשלקעלע, אין וואַ־סערל און אין אינעווייניגסט זיך אָנגעזעהן; האָט דאָס סאַזשלקעלע געגרינט און געשפּיגלט זיך מיט גרינעם, און נאָר פון דעם אויבערפלאַך און פון דעם גלאַט־ליגנדיגן האָט זיך ווי אַ רויכעלע און אַ שווייגנדיגס, אַ ווייס און הויך נישט אָפּשטייענדיגס אויפגעהויבן. איז דער פרינץ צו דעם געקו־מען און זיך פאַרקוקט דערויף; איז ער דערביי אַזוי געשטאַ־נען, עס אין אָפגעזונדערטקייט און פון גאַנצן גאָרטן־אַרויס־גענומענקייט באַטראַכט, האָט ער זיך פאַרטראַכט, און פלוצ־

לום און אין קוקן אינמיטן האָט... אַ קול און אַ פאַר־צווייפלטס, אַ געשריי און פון אַ דערשרעק אַ שרעקליכן אַרויסגעלאָזט...

דאָס האָט זיך אים פלוצלום, און פון דער מיט פון דער סאַזשלקע, פון שטילקייט און פון וואַסער־דעק דעם פאַר־היפלטן דער בעטלער־קאָפּ זיך באַוויזן, – דער אַלטער און דער צעפּאַטלטער, דער האָר־צעשויבערטער און דער טרוי־קענער, און ווי פאַרן מלך, זיין פּאָטער, – און שטיל און פנים צו פנים מיט אים זיך באַגעגענענדיג, און נאָך שטילער און זיך מיט אים אויג אויף אויג טרעפנדיג, האָט דעם פּרינץ עפּעס שטיל, עפּעס ווינקענדיג און עפּעס ווייזנדיג, אויף דער אַזשלקע און אויף אינעווייניג אָנגעוויזן:

– אַריין, פּרינץ... אַהער... און אין אינעווייניגסט צו קומען...

האָט דער פּרינץ דאָס גרויס געשריי אַרויסגעלאָזט, זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויף צוריק זיך אַ נעם געטאָן, אויף זיך אויסדרייען און אויף אַנטלויפן פון יענעם אָרט, – האָט ער שוין אָבער נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, האָבן זיך אים די קניעס אונטערגעהאַקט, האָבן אים די כחות און אַלע כח־מעג־ליכקייטן פאַרלאָזט, האָט ער זיך אַ וואָרף און צוריק פון וואַסער געטאָן, און האַלב־טויט און האַלב־נידערגעשלאָגן אויף דר׳ערד און צווישן די גראָזן געבליבן.

האָט פון ווייט דער דערציהער, דעם פּרינצס קול און דאָס פאַרצווייפלונג פון דעם דערהערט, האָט ער זיך באַלד אויפן פּרינצס נישט־בלייבן און אויף זיין פאַרפאַלן ווערן גע־כאַפּט, האָט ער זיך אויף אַלע זייטן געקערט און זיך פאַר־לוירן און שרעקליך דערשראָקן זיך פאַרלירנדיג, און אַזוי און אין שרעק אין גרויסער, און אַזוי און אין איילנדיגקייט אין צעטומלטן, האָט אויך פון זיין זייט קולות און רוף־גע־

שרייען שרייען גענומען··· איין מאָל און צוויי מאָל, און נאָך אַ מאָל און אַסך געשריגן – און קיינער האָט אים אויף זיינע רופן נישט געענטפערט, און קיינער האָט זיך אויף זיין קול־געשרעק נישט דערשראָקן. האָט ער זיך נאָך מער פאַרלוירן, האָט ער זיך אויף אַלע זייטן נאָך הילף געקערעוועט און קיי־נעם און צו הילף אים קומען נישט געזעהן. האָט ער פּלוצלום און פון זיין אַנטקעגן־זייט, פון דאָרט און וואו דער פּרינץ איז פריהער געווען, אַ היפּל און צווישן די בוימער דערזעהן, אַ ווייסן און פון צווישן די בוימער אויפגייענדיגן, אַ געדיכטן און ווי פון אַ טייכל זיך אויפהויבנדיגן, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, האָט ער באַלד די געשריי־סיבה פאַרשטאַנען, האָט ער זיך אַהין מיט אימפּעט און מיט ווילדקייט לויפן געלאָזט, – מיט געיעג און אָהן אויגן צום אומגליק. איז ער אַהין אָנגעקומען, און באַלד און נאָכן אָנקומען, און באַלד און נאָכן אַרומקוקן זיך תּיכּפדיגן, האָט אויף איינעם און אויף די סאַזשלקע־ברעגעס אָט־וואָס דערזעהן:

טויט און ווי אַלע טויטע, מיט אויגן פאַרגלייזטע, מיט אָפענע און פון די אויגן־לעכער אַרויסגעקראָכענע, איז דער פּרינץ, און ווי צו דער ערד שוין געהערט, געלעגן, און נישט גערירט זיך און מיט קיין איבר קיין שום, און שטיל און מיט אויגן קוקנדיגע, אָבער שוין גאָר נישט זעהענדיגע אין קוקן···

האָט זיך דער דערציהער איבערגעבויגן איבערן פּרינץ, האָט ער אים וועקן און טרייסלען גענומען און מונטערן און אונטערהויבן געוואָלט, האָט ער אָבער דעם פּרינצס שווער־קייט און זיין קערפּער־לעפּישקייט שוין דערפילט, זיין אָפּ־געלאָזנקייט און זיין אומבאַהאָלפנקייט פון קערפּער, זיין צו דער ערד זיך ציהען און זיין צוריק־פאַלן פון אונטערהויבן, האָט ער זיך באַלד פון אים אַ הויב געטאָן, האָט ער זיך אַ שטעל־אויף געטאָן, און מיט זיין גאַנצן כּוח און מיט זיין

לעצטן כּוח האָט אויף טייכל און אויף נאַכט־שטילקייט פון טייכל אַ קול און אַ לעצטן־געשריי אַרויסגעלאָזט:

– מיט דעם פּרינץ האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן, דער פּרינץ איז טויט געשלאָגן, ראַטעוועט, קומט אַהער צו הילף!...

האָט מען עס ווייט אין גאָרטן און אין פאַרנאַכט־שטיל־קייט דערהערט, האָט מען עס באַלד אין פּאַלאַץ צום מלך און צו אַלע דינער צו וויסן געגעבן, און אַלע האָבן זיך אי־בערן גאָרטן צעלאָזט, און פון סטעזשקע צו סטעזשקע און צעמישט און ווילד אַרומגעלאָפן, און פון איין סאַזשלקע צו דער אַנדערער, און דעם פּרינץ און זיין דערציהער געזוכט, און לסוף, און אַז מ'איז צום טייכל, און וואו דער פּרינץ איז געלעגן, און זיין דערציהער איז איבער אים געשטאַנען, גע־קומען, האָט מען זיך אַלע צונויפגעזאַמלט אַרום דערציהער, און דעם ליגנדיגן פּרינץ אַרומגערינגלט, און שטיל און אַזוי באַטראַכטנדיג זיי ביידע, זיינען אַלע אויף די ערטער געבליבן, און אַ מינוט און צוויי – פאַרשטוינט און פאַרשטיינערט...

האָט מען זיך דערנאָך אָנגעבויגן צום פּרינץ, און אים אויפ־געהויבן און גענומען, האָט מען אים שטיל אין גאָרטן געטראָגן, און דערנאָך אין פּאַלאַץ אַריינגעטראָגן, און תּיכף און אין דער הויפּט־שטאָט, און תּיכף און אויך אויסער דער הויפּט־שטאָט, צו אַלע דאָקטוירים, צו אַל־די באַוואוסטע און צו אַל־די גרעסטע, מודיע געווען:

— זאָלן זיי קומען און זאָלן זיי איילן, מיטן פּרינץ פון מלך איז אַן אומגליק געשעהן, מען ווייסט נישט וואָס און ווי אַזוי געשעהן, אָבער דער פּרינץ איז טויט, אָבער אין פּרינץ איז קיין סימן נישט פון לעבן...

זיינען זיך באַלד און אין דעם פאַרנאַכט נאָך די דאָקטוירים צונויפגעקומען, האָבן זיי דעם פּרינץ און זיין בעטל אַרום־גערינגלט און אים באַטראַכט און אים אַרומגעקוקט, האָבן זיי

אים געמונטערט און פון זיין טויטקייט געוועקט זיך, מיט אַלע מיהונגען געמיהט און אַלע חלשות־מיטלען אויסגעניצט, און אַ צייט און אַ לאַנגע אים געריבן און אים טראָפּנס און פאַרשיידענע שמעקאַכצן שמעקן געגעבן. האָט זיך זיי לסוף איינגעגעבן, — און דער פּרינץ האָט זיך אַ ריר געטאָן, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אויסגעגלייטערט און ווי מיט אַ זינען באַזינט געוואָרן, האָט ער אָבער אַרום זיך דעם עולם שטיין דערזעהן, האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן, האָט ער באַלד און נאָכן דערשרעקן־זיך צוריק די אויגן פאַרמאַכט, און שטיל און דעם קאָפּ אין קישן איינגראָבנדיג, ווי פאַר עפּעס מורא האָבנדיג און מיטן גאַנצן קערפּער ציטערנדיג, האָט מיטן מויל אין איין שטאַמלען, מיט די ליפּן אין איינע ווערטער נאָר איבערחזרן געהאַלטן: — „דער בעטלער, דער אַלטער בעטלער.. דער בעטלער, דער וואַסער־בעטלער...“

איז דער פּרינץ די גאַנצע נאַכט אַזוי פאַרטראָגן געלעגן, פון היץ גערעדט און אַלע מאָל מיטן קערפּער זיך געוואָרפן, און אַלע ווײַלע מיט שרעק־ווערטער זיך געשראָקן, און אַלע מאָל און אַ צוק־ציטער איז אים ווי איבער די ביינער דורכ־געלאָפן. איז ער אַזוי שטיל און פאַרטראָגן געווען, און די דאָקטוירים זיינען פון אים נישט אָפּגעטראָטן און די גאַנצע נאַכט איבער אים די וואַך געהאַלטן.

און לסוף, און אַז די נאַכט איז איבערגעגאַן, און אַז אין פּאַלאַץ און אין פּרינץ־צימער האָט טאָגן אָנגעהויבן, און אַז דער מלך איז דאַן און נאָך דער נאַכט צו די דאָקטוירים צו־געגאַן און שטום און מיט די אויגן נאָר ביי זיי ווי „נו?“ אַ פרעג געטאָן, האָבן די דאָקטוירים דאַן און צווישן זיך זיך איבערגעקוקט, האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע און פאַר־שטאַנען און מיט די אויגן, האָט פאַר זיי אַלע און דער עלטסטער אַ וואָרט גענומען און צום מלך, וואָס האָט אויף זיין

טרייסט־וואָרט און האָפענונגס־תשובה געוואַרט, אַזוי גע־זאָגט:

— דער פּרינץ איז דערשראָקן שטאַרק, דער פּרינץ האָט דערוּם דעם זינען און דאָס לשון פאַרלוירן, און די דאָקטוירים האָבן וואָס געקאָנט געטאָן, און דאָס איבעריגע איז נישט אין דער האַנט פון דאָקטוירים.

און דער עלטסטער דאָקטאָר האָט דאַן אַלע רפואות און וואָס מ׳באַדאַרף אָנגעצייכנט, און וואָס מ׳דאַרף טון מיט זיי און ווי מ׳דאַרף זיך באַגיין מיט זיי, געלערנט, האָט ער אַלץ אָנגעזאָגט און אויסגערעכנט, און צום טאָג און צום פריהמאָרגן יענעם האָבן זיך די דאָקטוירים מיטן מלך אָפּגעזעגנט און אים געוואונשן און אים באַרוהיגט, ווי דאָקטוירים, און דאַן, און פון פּרינץ און בעטל אָפּגייענדיג, האָבן דעם פּאַלאַץ און דעם גאָרטן פאַרלאָזט, און צוריק אין שטאָט, און צוריק אין הויפּט־שטאָט זיך אומגעקערט.

און אָט, און פון דעמאָלט, און פון יענער צייט איז שוין אַ צייט אַוועקגעגאַן, און נאָך יענעם זומער — אַ ווינטער, און נאָכן ווינטער און נאָך אַ זומער, און דער פּרינץ נאָך אויף זיין בעטל ליגט, און דער פּרינץ איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען פון זיין בעטל, און די מורא האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטאָן, און דאָס לשון און דער זינען האָבן זיך נאָך צו אים נישט אומגעקערט, און די דאָקטוירים האָבן אים שוין צו באַפוילן אויפגעהערט, און די דאָקטוירים האָבן זיך פון אים מיאש געווען, און אויך דער מלך אין זיין קינדס געזונט־ווערן שוין נישט גלויבט, און דער מלך נאָר ביי זיין בעטל זיצט און זיין יורש און זיין מלוכה־איבערנעמער באַדויערט...

און אַ באַפויל, און אַ ברוגז־באַפויל האָט באַלד נאָך דעם געשעהעניש מיטן פּרינץ דער מלך ארויסגעגעבן: — קיין בעטלער און קיין שלעפער... נישט פון זיין מלוכה און אויך

נישט פון קיין פרעמדער··· און נישט אין הויפּט־שטאָט און נישט אין די פאָרשטעט פון הויפּט־שטאָט, און פון דעמאָלט און אויף ווייטער – און זייער פוס זאָל די שוועל פון שטאָט־טויער נישט אַריבערטרעטן, און קיין איינער און אַזוינער – און זיין גֵעבֵיין זאָל זיך דאָ נישט געפינען!···

– און אָט דאָס איז די מעשה, און דערום איז דיר פאַר־שטעלט דער וועג. און דער שטאָט־שומר האָט זיין דערציילן געענדיגט און בבאן מיט דער האַנט אויף ווייטער און אויף פון דער שטאָט אָפּגיין, אויף פון דאָרטן אָפּטרעטן און אויף אין ווייטער־וועג זיך לאָזן, אָנגעוויזן.

– און אויסער דער שטאָט? – האָט דאַן בבא ביים שומר געפרעגט.

– מעג מען – האָט אים דער שומר געענטפערט – יאָ, און ס'ערלויבט זיך, אָבער אַלץ ווייטער און אַלץ אָפּגעשיידטער פון טויער. – און דער שומר האָט אים ווידער מיט זיין האַנט אויף אַ שטרעקע אָנגעוויזן: – אָט אַהין און ער קאָן זיך אָפּגיין, אָט דאָרטן, און ער קאָן זיך איבערנעכטיגן, ווייל אויף דאָרט און אויף יענער שטרעקע איז דעם מלכס באַפויל נישט געגעבן.

האָט דאַן בבא געפאָלגט דעם שומר, האָט ער זיך אַהין, און וואו דעם שומרס האַנט האָט אים אָנגעוויזן, זיך אַוועק־געלאָזט, איז ער אַהינצו אָפּגעגאַן, האָט ער זיך דאָרט אויף אַן אָרט געטראָפן, אויף אַ גלייכן און אויף אַ גראָזיגן, אויף אַ גרין־פאַרוואַקסענעם, און וואָס די שטאָט האָט זיך פון דאָרט אָנגעזעהן, איז שוין שפּעטליך און אָוונטיג דאַן געווען, און די זון איז שוין אונטערן שטאָט געווען פאַרגאַנגען, און די געביידן און די דעכער פון געביידן זיינען שוין אין שאָטן און אין טונקל־פאַרהילטקייט געשטאַנען. האָט זיך בבא אויף יענעם אָרט דאַן אַראָפּגעלאָזט און זיין וואַנדער־טאָרבע צו־קאָפּנס זיך אַוועקגעלייגט, האָט ער זיך אויף דער ערד אויס־

געצויגן און דעם קאָפּ אָן דער טאָרבע אָנגעשפּאַרט, און שטיל און אַזוי אויסגעצויגן ליגנדיג, האָט די אויגן צום הימל און צום אָוונטיגן דאַן אייפגעהויבן, און נאָך שטילער, און פון גיין און פון וואַנדערן אַ מידער, האָט אויף ערשטן שטערן, אויף הימל אַרויסקומענדיגן און איבער זיין קאָפּ זיך־ווייזנדיגן, געוואַרט.

און דער ערשטער שטערן האָט זיך באַוויזן, און בבא האָט זיך אויף אים אויסדערוואַרט, און בבא האָט צו אים אַרויפ־געקוקט און פון זיין אויף־דער־ערד־ליגנדיגקייט מיט זיינע בליקן צו אים דערגרייכט – צו זיין בלאַסקייט און צו זיין הויכזייענדיגקייט, צו זיין אין־הימל־זיך־ווייזן און צו זיין פינקלען און צו זיין טונקלען זיך דאָרט. און אַזוי און אַרויפ־קוקנדיג, און אַזוי און אויף אים זיינע בליקן אָנגעשטעלט האַלטנדיג, האָט לסוף זיינע אויגן צום שלאָף און די וויעס צו מידקייט פאַרמאַכט, פאַרמאַכט און אויף איינדרימלען, גע־שלאָסן און אויף אַנטשלאָפן ווערן אין יענער נאַכט. און בבא איז אַנטשלאָפן געוואָרן,

און געחלומט האָט זיך בבאן אין דער נאַכט אין יענער: ווי שטיל און אומגעריכט איז זיין פריינט דער שטערן־זעהער מיט זיין זקן, זיין דערציהער, אינאיינעם און פאַר די הענט זיך האַלטנדיג, אויף אַ וועג ערגיץ פון אַנטקעגן געקומען, שטילע און צוויי אַלטע לייט, צוויי זעלטענע און פאַר די הענט זיך האַלטנדיגע, און פאַר די אויגן זיך אים באַוויזן, זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, האָבן זיי אים זיין ווייטער־גיין פאַרשטעלט, האָבן זיי זיך צו אים געקערעוועט, און פריהער דער זקן און דערנאָך דער שטערן־זעהער, האָבן זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט;

— בבא, – האָט אים דער זקן דאַן געזאָגט, – האַסטו דען שוין אין מיין ברכה פאַרגעסן?

— אָן װעלכער?

— אַז „פֿאַר מלכים זאָלסטו שטײן, און מלכים זאָלסט דו טרײסטן״?

— נײן, — האָט בבא דעם זקן געענטפֿערט.

— פֿאַר־װאָס־זשע האָסט דו זיך פֿון יענעם מלך אָפּגעקערעװעט, פֿון דעם, װאָס אין דײן טרײסט זיך נױטיגט, פֿון דעם, בײ װעלכן זײן מלוכה־יורש איז אים אײנגעפֿאַלן, און װאָס דאָקטױרים האָבן זיך אין אים שױן מיאש געװען, און אױך אַלײן זײן פֿאָטער, אין זײן געזונט װערן?...

— מיט װאָס־זשע װאָלט איך אים העלפֿן?

— ... מיט װאָס? — האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער צו בבאן געקערט און דעם זקן די רײד איבערגעשלאָגן, — האָסט דו דען שױן אָן מײן מתּנה פֿאַרגעסן? האָב איך זי דיר דען ניט אין דײן נױט אױסניצן געהײסן? האָב איך זי דיר דען ניט מיט קײן הײל־קראַפֿט געבענשט? האָט זי דען נישט אין זיך דעם כּח פֿון הײלן?...

— איז װאָס־זשע דאַרף איך טון מיט דער מתּנה?

— מיט איר צום מלך זיך בעטן.

— און װי אַזױ זיך באַגײן מיט איר?

— אַזױ: — און דאָ האָט זיך אין האַנט בײם שטערן־זעהער דער שטערן־שטײן, װאָס ער האָט בבאן אין װעג אַרײן מיטגעגעבן, באַװיזן, האָט ער אים אױפֿגעהױבן און פֿריהער אים דעם זקן און דערנאָך בבאן געװיזן, האָט ער אים אַזױ אַ װײלע געהאַלטן, האָט זיך דערנאָכדעם פֿאַר בבאן אַ קינדער־צימער און אין אַ מלך־פּאַלאַץ זיך באַװיזן, איז דאָס צימער שטיל און מיט גאַרדינען פֿאַרהאַנגען געװען, האָט זיך דורך די פֿענסטער דאַן אַ שײן דורכגעשלאָגן, אַ שטילע און װי אַ פֿאַרנאַכטיגע, אַ צוגעשלאָגענע און װי פֿאַר אַ חולה אַ שטילן. איז דעמאָלט טאַקע פֿאַרנאַכט געװען, האָט זיך בײ אַ װאַנט בײ אײנער אַ

בעטל באַוויזן, אַ ווייס־געבעטס און אַ ציכטיג־זויבערס, און אויפן בעט מיט אַ קאָלדרע פאַרדעקט איז אַ יונגלינג אַ יונגער, אַ צערטליכער און אַ מלך־קינד געלעגן, און מיט אויגן אָפענע און אין צימער אַרויס אויפגעעפנטע, מיט פאַרגלאָצטע און מיט אָהנזיניגע מיט גרויסע. איז דאָס יינגל אַזוי געלעגן, און אויף אַ שטול און ביי זיין צוקאָפּנס פון בעטל איז זיין פאָטער, דער מלך, אין טרויער און פאַרטראַכט געזעסן, און געקוקט אויף קינד און פון דעם די אויגן נישט אַראָפּגענומען און דאָס באַדויערט און אַליין אין יאוש גרויסן מלכשן. איז דער מלך איבער דעם אַזוי שטיל געווען, האָט דער שטערן־זעהער דאַן דעם שטיין אין די הענט גענומען און צום צופוסנס פון בעטל און אַנטקעגן די אָפענע פרינץ־אויגן צוגעקומען, האָט ער דעם שטערן־שטיין און פונקט אַנטקעגן זיין פאַרגליווערט־בליק אָנגעשטעלט און אַ ווײַלע אַזוי אים געהאַלטן. האָט דער פרינץ און אויפן שטיין קוקנדיג לאַנג און אַ צייט, ווי פריהער, און נישט גערירט זיך געהאַלטן, ווי נישט געווירקט פון שטיין און ווי אים נישט באַמערקט גאָרנישט, גלייך ווי ער וואָלט גאָר פאַר זיינע אויגן נישט געווען, און גלייך ווי ג אָ ר נ י ש ט וואָלט זיך געפונען פאַר זיינע אויגן – און פלוצלום, און אין מיטן קוקן דעם אָהנזיניגן, האָבן זיך ביי אים די אויגן און ווי אויסלייטערן גענומען, און פאַרשטאַנדיג ווערן און מיט זינען קלאָרן און אַלץ וואָס אַרום באַמערקן, און ווי אַלץ, וואָס פאַר אים קומט פאָר, צו זעהן. האָט ער פלוצלום דעם שטערן־שטיין דערזעהן, האָט ער זיך ווי דערפרייט מיט אים און זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, האָט ער די הענט און האַלבן גוף פונם בעט אַ הויב געטאָן, אַ הויב און אַ גיי אים אַנטקעגן, און פון מויל פון אים, און פון לאַנג־אַנטשוויגענעם זיינעם האָט זיך אַ קול – אַ געשריי, אַ קול – אַ פריידגעשריי דערהערט: פאָטער־מלך! . . .

האָט זיך דער מלך פון זיין שטול און פון זיין טרויער־זיצן אויפגעכאַפּט, איז דער מלך פון זיין אָרט און שטול אויפגעשפּרונגען און דעם פּרינץ אין זיין מיט־אַמאָליגן הויב־טון זיך דערזעהן, איז ער אים אַנטקעגן און ווי אויף הילף געלאָפן, און אויך פון זיין מויל און אַ געשריי, און אויך פון זיין מויל אַ פרייד־געהאָלפנקייט האָט זיך אַרויסגעריסן: מיין זון!...

האָט זיך אויך בבא דאַן דערפרייט, האָט אויך בבא דאַן און צום שטערן־זעהער צולויפן, און ווי צו דאַנקען אים געוואָלט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן, האָט ער זיך אַ הויב געטאָן, האָט ער – די אויגן געעפנט און... זיך און אין פריהמאָרגן, אויפן פעלד און ווייט פון שטאָט־טויער זיך ליגן געטראָפן.

און די נאַכט איז שוין נישט געווען, און אין פעלד איז שוין גרויסער טאָג געווען. האָט דאַן בבא פון זיין געלעגער זיך אויפגעהויבן און די טאָרבע פון דער ערד אָנגענומען, האָט ער אין איר דעם „שטערן־שטיין״, דעם שטערן־זעהערס מתּנה דערפילט, האָט ער זיך אין חלום אָן נאָר־וואָסיגן און אָן ביי־נאַכטיגן דערמאָנט, האָט ער באַלד זיין באַשיידעניש פאַר־שטאַנען, האָט ער זיך נאָך אַ מאָל צום טויער, פון וועלכן ער איז אויף נאַכט און אויף ווייט אָפּגעגאַן, זיך אומגעקערט, האָט ער ווייטער דעם שומר און אויף זיין אָרט געטראָפן. איז ער צו אים צוגעגאַן, אים האַרט און פאַרן פּנים געקומען, און אָנ־קומענדיג, האָט זיך צו אים געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

– גיב צו וויסן, שומר, אַז אַ בעטלער בעט זיך צום מלך.

– ס'איז פאַרווערט פונם מלך.

– גיב־זשע צו וויסן, אַז איך האָב אַ הילף פאַר אים.

– פאַר וועמען?

– פאַרן פרינץ דעם קראַנקן.

– און אויב דו נאַרסט?

— גיב איך זיך און מיין נפש איבער, און זאָל מען מיר טון, וואָס מ׳טוט אין אזוינע פאַלן.

— טויט?

— כ׳באַשטיי.

האָט דער שומר דאַן אויף בבאן און אויף זיין ערנסט אַ קוק געטאָן, ווי ער שטייט אַזוי און איז זיכער, ווי ער קוקט אים אין די אויגן און נעמט אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכ־קייט אין זיכערקייט, האָט ער אים נאָך באַטראַכט אַ ווייל, האָט ער זיך אַ פּאָר מינוט און מיט דער דעה זיך נאָך געישובט. און באַלד און נאָכן ישובן ווייניגן, האָט ער זיך אויף צוריק אויסגעדרייט און צום טויער צוגעגאַן, האָט ער אין אים אָנ־געקלאַפּט, און לאַנג און אַהין קלאַפּנדיג, האָט דעם עלטסטן און וואָס פון י ע נ ע ר זייט, וואָס פון ד ע ר זייט און וואָס דאָ קומט פאָר, מודיע געווען: — „אַזוי און אַזוי, ס׳איז אַ בעטלער און נאך פון נעכטן געקומען, און ער האָט אין פעלד איבער־גענעכטיגט און אין שטאָט נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן, און איצט איז ער ווייטער דאָ, און ער בעט זיך און ער וויל זעהן דעם מלך.״

— וואָס דאַרף ער? — האָט זיך פון יענער זייט אַ קול דערהערט.

— ער ווייסט פון אומגליק פון מלך און ער זאָגט, ער האָט אַ הילף פאַר אים.

— און אויב ער נאַרט דעם מלך?

— ווייסט ער, וואָס ס׳קומט דערפאַר.

— עפן!

האָט דער שומר באַלד דעם טויער פאַר בבאן אויפגעעפנט, און בבא איז אין שטאָט אַריינגעלאָזן געוואָרן. האָט ער די שוועל פון טויער איבערגעטראָטן און פאַרן עלטסטן, און וואָס איז פון יענער זייט געשטאַנען, זיך פאָרגעשטעלט. און בבא

האָט אויסגעוואַרט, און דער עלטסטער האָט באַלד אויך זיין עלטערן איבערגעגעבן, און יענער צו נאָך עלטערס, און אַזוי ווייטער און אַזוי פון איין ראַנג צום אַנדערן העכער, און לסוף, און אין איניגע שעה אַרום – און די זאַך איז צום מלך אָנגעקומען, און דער מלך האָט בבאן צו זיך ברענגען געהייסן.

איז מען באַלד צום שטאָט־טויער געלאָפן און צו בבאן און פון לאַנג שוין וואַרטנדיגן געקומען, האָט מען אים צום מלך־פּאַלאַץ גענומען און געבראַכט אַהין און אים פאַרן מלך פאָרגעשטעלט. האָט אים דער מלך באַטראַכט מיט ערנסט, האָט ער אים שטרענג און פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעמאָסטן, און דאַן, און נאָכן באַטראַכטן אים, האָט זיך צו די דינער געקערעוועט און בבאן אין פרינץ־צימער צו זיין בעטל און צו זיין ליגן אַריינפירן געהייסן.

האָט מען אים אַריינגעפירט, און אויך דער מלך אַליין איז דאַן נאָך די דינער און נאָך בבאן נאָכגעגאַן, אום צו זעהן און אום צו בייזיין ביי דעם, וואָס טון וועט דאָרט בבא. איז מען אַלע דאַן צום פרינץ אָנגעקומען, איז ער דאַן, ווי אַלע מאָל און פון זינט דער שרעק איז אויף אים געקומען, ווי פאַרטראַכט און פאַרטראָגן אויף זיין בעט געלעגן, און אין צימער ביי אים איז שטיל געוועזן, ווי ביי אַ חולה און ווי ביי אַ שווערן, וואו מען שווייגט דאָרט אַלע און אַלע אויף די שפּיץ־פינגער גייען. האָט דאָרט אַ שטילקייט און אַ טונקלקייט געהערשט, פון אַ בייטאָג ביי פענסטער פאַרהאַנגענע, פון גאַרדינען אַראָפּגעלאָזטע, פון שווערע און קוים־די־שיין־דורכלאָזנדיגע. איז דער פרינץ דאַן אין אָט דער שטילקייט און טונקלקייט געלעגן און מיט אויגן אַנטקעגן זיין צוקאָפּנס קוקנדיגע, קוקנדיגע און גאָרנישט נישט זעהענדיגע. איז דאַן בבא צו פאַר דעם פרינצס צופוסנס צוגעקומען, האָט ער זיך אים אַנטקעגן געשטעלט, האָט ער דער־

נאָך די טאָרבע פון איבער זיין אַקסל אַריבערגעצויגן, זי צע־שנירעוועט און פון דאָרטן דעם שטערן־שטיין אַרויסגענומען, און דאַן — און דעם שטערן־שטיין אין האַנט נעמענדיג, האָט ער אים אָנגענומען, און גלייך און אַנטקעגן די אויגן פון פרינץ האָט אים אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן...

און געשעהן איז דעמאָלט אין בייטאָג און ביים פרינץ אין צימער ד אָ ס, וואָס בבא האָט ביינאַכט אין שלאָף און אין חלום געזעהן:

און געווען איז דאַן אַזוי: — ווי נאָר בבא האָט אייניגע מינוט דעם שטערן־שטיין אַנטקעגן דעם פרינצס אויגן גע־האַלטן, און ווי דער פרינץ האָט אויף אים און אייניגע מי־נוטן נאָר געקוקט, געקוקט און ווי נישט באַמערקט אים אין זעהן — אַזוי האָט מען באַמערקט, ווי ליכטיג און אויפלויכטנ־דיג איז מיט אַמאָל עפּעס דער שטערן־שטיין ביי בבאן אין דער האַנט געוואָרן, האָט זיך פון אים עפּעס אַ שיין אַרויס־באַוויזן, אַ שטערנדיגע און אַן אומגעוויינליכע, אַ שטראָמיגע און ,אַ ווייס־בלויליכע אַזוינע, האָט זי זיך אַרויסגעצויגן, און ווי דאָס טונקלקייט, דאָס צימערדיגע, נאָך טונקעלער געמאַכט, און דאָס שטילקייט, דאָס־דאָרט־הערשנדיגע, נאָך שטילער דעמאָלט, האָבן זיך דאַן אַלע די, וואָס האָבן זיך אין צימער געפונען, ווי בשעת אַ וואונדער אַ שטילן, און ווי מ׳דאַרף זיך האַלטן, געהאַלטן; האָט אין צימער דאַן אַ שווייגעניש, און ווי פאַר אַ פאָרקומעניש אַ גרויסן, געהערשט, און אַליין נאָר די שיין, די וואונדערליכע, האָט דעם פרינץ און זיין פנים באַלויכטן, איז ער אַזוי אין ליכטיגקייט און אין באַ־לויכטנקייט אַ פּאָר מינוט געלעגן, און באַלד און נאָכן ליגן יענעם שווייגנדיגן, האָבן זיך ביי אים פלוצלום די אויגן אויסלייטערן גענומען, און ווי שכל און זינען, און ווי פאַר־

שטיין און פאַרשטאַנד איז אין זיי אָנגעקומען; האָט ער מיט די אויגן אויף אַלע זייטן זיך אַרומקוקן אָנגעהויבן, און צווישן די דינערס און צווישן די־ביי־זיין־בעט־זיך־פאַרזאַמלטע ווי עפּעס עמיצן זוכן און עפּעס עמיצן געפינען געוואָלט. האָט ער אַזוי געזוכט, האָבן זיך דערנאָך די אויגן זיינע אויף זיין פאָטער אויפן מלך זיך אָפּגעשטעלט, און מיט א מאָל — און אַ הויב פון זיין אָרט, און אַ קול און אַ פרייד־געשריי האָט זיך פון פרינצס מויל אויף צימער און אויף שטילקייט זיך אַרויסגעריסן:

— פאָטער, מיין פאָטער!...

— מיין קינד! — האָט זיך אויך דער מלך דאַן פון זיין אָרט אַ ריס געטאָן און צום פרינץ, צום־פון־זיין־געלעגער־זיך־אויפהויבנדיגן, צוגעלאָפן: — מיין קינד, מיין גאָלד! — האָט אים דער מלך דאַן אַרומגעכאַפּט און אים געהאַלזט און אים געארמט און אים געקושט און אים נישט אויפגעהערט צו קושן...

האָט זיך דער מלך אַ צייט אַזוי און מיט זיין פרינץ געהאַלטן, האָבן זיי זיך פון די אָרעמס און די הענט נישט אַרויסגעלאָזט און געקושט זיך און געהאַלזט זיך און אָבער געקושט און ווידער זיך אַרומגעכאַפּט, און לסוף, און אַז דער מלך און דער פרינץ זיינען צו זיך, פון זייער פרייד און פון זייער אויפקומען, געקומען, האָט דער מלך דאַן דעם פרינץ פאַרלאָזט און צו בבא׳ן אַ גיי געטאָן, און מיט אַ מאָל און צו אים צוטרעטנדיג, און האַסטיג מיט איין האַנט פאַר זיין האַנט און מיט דער אַנדערער פאַר זיין אַקסל אים אַ נעם טו־ענדיג, האָט זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— אַ דאַנק דיר, בעטלער, פאַר דיין טרייסט און פאַר דעם וואונדער דיינעם, פאַר דעם נס און פאַר דעם באַוויזע־נעם דעם גרויסן, און גאָט זאָל דיך בענשן, ווי דו ביסט ווערט

געבענשט צו ווערן, און גאָט זאָל דיך טרייסטן, ווי דו האָסט מיך געטרייסט.

און דאָ האָט דער מלך בבא׳ס אַקסל און בבא׳ס קאָפּ צו זיך צוגעצויגן און לאַנג און שטיל, מיט דאַנק און מיט טרערן האַרצליכע, אים אין קאָפּ געקושט:

— אַ דאַנק דיר, בעטלער.

און דער מלך האָט זיך אָפּגעקערעוועט און דער מלך האָט די דינער באַלד אַ באַפויל געגעבן: — און זאָלן זיי די הויף־לייט און די האַרן, די צום־מלך־נאָהענטע, און דער גאַנצער שטאָט מודיע זיין, און זאָל מען וויסן, און זאָל באַלד וויסיג ווערן: דער פּרינץ איז צוריק פּרינץ געוואָרן, דער פּרינץ פון מלך איז צוריק צו זיין געזונט און הילף געקומען, און ווער ס׳איז געטריי דעם מלך, און ווער ס׳האָט ליב דעם מלך, זאָל איצט מיט אים זיך פרייען קומען, און ווער ס׳וויל און ווערמעס האַרץ ס׳באַוויליגט, זאָל דעם היילער מיט מתנות, און דעם בעטלער מיט געשאַנקען באַשענקען.

האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט, די דינער, האָבן זיי עס באַלד איבער דער שטאָט צעטראָגן, האָט מען זיך באַלד אין אַלע ווינקל־גאַסן זיך צונויפגעקליבן, און הויף־לייט זיינען אין הויף געקומען, און מקורבים זיינען זיך אין פּאַלאַץ אָנגעפאָרן, און דער איבעריגער עולם, דער גרויסער, און דאָס פאָלק פון מלך האָט זיך באַלד פאַרן פּאַלאַץ, און פאַר די פענסטער זיינע, זיך צונויפגעזאַמלט.

און דעם פּרינץ האָט מען פון בעט אַראָפּגענומען, און ער איז אויף די פיס געשטעלט געוואָרן, און דער פּרינץ האָט זיך נאָך שוואַך געהאַלטן, און ביים פּרינץ האָבן זיך די קני־ען געבויגן, איז ער געשטאַנען און שוואַך געשמייכלט און קראַנק נאָך אויסגעזעהן. האָט מען אים דאָך אָנגעטאָן אין שוואַכקייט, אויף אים זיינע קליידער אָנגעצויגן און אים אונ־

טערגעהאַלטן בשעת אָנציהען, און דאַן, און אַז דער פּרינץ איז שוין גרייט און אָנגעטאָן געשטאַנען, האָט אים דער מלך אַ וואונק געגעבן, פריהער אים און נאָכדעם בבא׳ן, און ביי־דע זאָלן אים נאָכפאָלגן פון הינטן. האָבן זיי אים געפאָלגט, און בבא איז אַליין געגאַן, און דעם פּרינץ האָט מען אונטער־געהאַלטן ביי די זייטן, און אַזוי, און דער מלך פאַר פריהער און פּרינץ און בבא הינטער אים גייענדיג, זיינען זיי פון פּרינץ־צימער און אין אַ צווייטן געקומען, פון צווייטן אין דריטן און פון דאָרט און אויף אַ גאַניק אַרויסגעגאַן, אַרויס־געגאַן און פאַרן עולם, אַרויסגעקומען און פאַרן פאָלקס־פאַר־זאַמלען־זיך באַוויזן.

און דאָס פאָלק האָט זיי מיט אַ לאַרעם באַגעגנט, מיט אַ געשריי און מיט אַ ליבע־באַגייסטערונג אַ גרויסער, און איין מאָל געשריגן, און אַ סך מאָל, און געלאַרעמט און געיובלט און מיט די הענט געפּאָכט און ווי אַרויף זיך געריסן, און אַזוי און מיט הענט איבער הענט וואַרפנדיג, און אַזוי, און מיט היט און היטלען פאָכנדיג, איז דאָס פאָלק אין גרויס דערהויבנקייט געקומען, און אַ צייט און אַ לענגערע און צו די אויפן־גאַניק־שטייענדיגע און צו די אים באַליבטע אַרויפגע־שריגן־לאַנג אַרויפגעשריגן, און נישט אויפגעהערט צו שרייען.

האָט דער מלך דאַן געדאַנקט דאָס פאָלק, און זיך פאַר דעם געגנויגט אין דאַנקבאַרקייט, און אויך בבא און דער פּרינץ ביי זיינע זייטן האָבן אין צופרידנקייט און אין אויפגעלייגט־קייט זיך פאַרנויגט און געשמייכלט צום פאָלק, האָט דער עולם צו זיי און נאָך אַ מאָל אַרויפגעשריגן, האָט ער זיי ווי־דער מיט שרייען און מיט אַך־פריידן פאַרהילכט, און אַזוי אין איין שרייען און אין יובלען האַלטנדיג, האָט מען זיי אין פאַלאַץ און אויך נאָך זייער אומקערן זיך, און לאַנג, און אויך נאָך זייער אַהין־צוריק־אַריינגיין, באַגלייט.

און דער מלך האָט אַ סעודה־טיש גרייטן געהייסן. און דינער האָבן געגרייט, און דער מלך האָט זיין אָרט פאַרנומען און דעם פרינץ פון רעכטס און בבא׳ן אויף זיין לינקס באַזעצט, האָבן זיך דערנאָך אַלע האַרן און אַלע מלך־פריינט אויסגעזעצט, האָט מען דערלאַנגט און אויפגעגעבן צום טיש און געגעסן און פאַרבראַכט דאַן פריילעך, האָט מען געטרונקען און אויפגעלייגט געווען טרינקענדיג. און דאַן, און נאָכן אָפעסן און נאָכן אָפטרינקען פון סעודה, האָט דער מלך דעם עולם אַ וואונק געגעבן, און דער עולם און דער ביים־טיש־זיצנדיגער האָט זיינע מתנות און געשאַנקען, די מיט־זיך־מיט־גענומענע, און פון־פריהער־פאַרגרייטע, דערלאַנגען גענומען.

האָבן די האַרן און מקורבים גאָלד און צירונג געבראַכט; די נאָהענטע און באַדינטע פון מלך האָבן דאָס שענסטע און וואָס האָבן אויף זיך געהאַט אַראָפּגענומען, רינגען און קייטן גאָלדענע און פינגערהוטן און אוירינגען מיט שטיינער. האָט מען דאָס אַלעס פאַר בבא׳ן אַוועקגעלייגט; האָט דער מלך און פון ז יי ן זייט, אויך ז יי ן מתנה אַוועקגעלייגט — און אַ שענסטע פון אַלע און אַ זעלטענע אין טייערקייט און פון די אוצרות און פון די באַהאַלטענע אַרויסבאַקומען, - האָט זי איבערגעוואויגן אלע און דאָס אויג מיט איר שאַצבאַרקייט פאַרנומען, מיט איר טייערקייט און אַלטקייט, און וואָס היינטיגע צייטן זעט מען גאָרנישט אַזוינע. האָט זיך דאָס אַלץ פאַר בבא׳ן אָנגעקליבן, האָט אויך דער פרינץ און פון ז יי ן זייט, און וואָס ער האָט געהאַט, און וויפיל מתנות ס׳האָבן זיך ביי אים פאַר זיין יוגנט אָנגעקליבן, צוגעטראָגן. איז דאָס אַ באַרג און מיט וואונדערליכקייטן, מיט אויסנאַמען און מיט אויסטערלישקייטן געווען; האָט מען דאָס אַלעס אָנגעלייגט.

האָבן זיך דערנאָך די פּאַלאַץ־טירן געעפנט, פון אַלע זייטן און פון אַלע חדרים. און אויך דאָס פאָלק און אויך

דאָס געמיינערע האָט געשאַנקען געבראַכט, און ווער אַ גרויסע זאַך און ווער אַ קלענערע, אָבער אַלץ איז מיט ליבע, און מיט פאַרגינען דערלאַנגט געוואָרן. און דאָס פאָלק איז אַריין און אַרויס געגאַן, און די טירן האָבן זיך נישט פאַרמאַכט אין פאַלאַץ, — און אַזוי אַ שעה, און אַזוי אַ צווייטע, און אַזוי נאָך האַלבן טאָג, און אַזוי ביז פאַרנאַכט שוין שפעטליך, — און די מתנות זיינען אַלץ געוואַקסן און דער טיש פאַר בבא׳ן איז אַלץ מער און מער מיט מתנות פאַרלייגט געוואָרן. און פאַרנאַכט, און אַז דער עולם איז שוין איבערגעגאַן, און שפעט שוין, און ווען נאָר דער מלך און נאָר מיט די נאָהענטע זיי־נע זיינען ביים טיש און נאָך דער סעודה נאָך געבליבן, האָט זיך פלוצלום די טיר און נאָך אַ לעצטן מאָל אויפגעעפנט, און אין שטיל־געוואָרענעם און נאָכן טאָג־גערודער, איז אַן אַלטע פרוי — אַן איינגעשרומפענע און פון אַלטקייט־געבויגע־נע — אין פאַלאַץ און אין צימער אַריינגעגאַן, און גלייך צום טיש, און וואו בבא מיט די לעצט־פאַרזאַמלטע זיינען געבליבן, צוגעגאַן, צוגעגאַן, האָט זי זיך תיכף צו בבא׳ן דערנעהענט, צו אים צוגעטראָטן, און נאָהענט און נעבן אים זיך אַוועקשטעלנ־דיג, האָט זי אים באַטראַכט אַ ווײַלע, און באַלד און אָפּבאַ־טראַכטנדיג, האָט אים אָט־וואָס געזאָגט:

— אַ טרעפערין בין איך, אַן אַלטע און אַ געניטע, און גע־קומען בין דיר אַ מתנה געבן, נאָר פריהער וויל דיר טרעפן.

און די אַלטע האָט ביי בבא׳ן די האַנט גענומען, זיך אויף איר פאַרקוקט און לאַנג אין איר זיך איינגעקוקט, אין שטיל־געוואָרענעם און פאַר אַלע אַרומיגע אַנטשוויגענע דעמאָלט, האָט זי לאַנג די האַנט־ווירעלאַך די פאַרצווייגטע און פון זיין לעפל־האַנט די פאַסעקלאַך באַטראַכט, און איין ווירעלע און דערנאָך דאָס אַנדערע, און פון איינעם צום אַנדערן מיט די אַלט־אויגן איבערגעגאַן, און דערנאָך און נאָכן פאַרטיפט־זיין

און אַריינגעטראַכטן זיך אין די פּאַסעקלאַך, האָט זי דעם קאָפּ און צו בבא׳ן אויפגעהויבן, האָט זי אויף אים גלייך און אירע אויגן אַנטקעגן זיינע אָנגעשטעלט, און שטיל און טרעפעריש און לאַנג אויף אים אַזוי קוקנדיג, האָט פריהער צו אים, און דערנאָך ווי צו אַלעמען זיך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

– נישט קיין בעטלער און נישט קיין שלעפּער פון גע־בוירן, נאָר אַליין אַ פּרינץ און אפשר גאָר אַליין אַ מלך, – האָט דיך אָבער, פּרינץ, אין דיין לעבן אַן אומגליק געטראָפן, איז מיט דיר עפּעס און ביי סאַמע דיין ליבע־צייט אַ געשע־העניש געשעהן, עפּעס אַזוינס, וואָס וואָס קאָן נישט זאָגן, און עפּעס אַזעלכס, וואָס איז נישט קלאָר פאַר מיר, אָבער ווייסן דאָך ווייס איך, אָבער זיכער דאָך בין איך – אַן אומ־גליק... – און דאָ האָט די טרעפערין זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, שטיל געבליבן און ווייטער אויף בבא׳ן געקוקט, און באַלד און נאָכן ווייטער קוקן, האָט אָט־וואָס מוסיף געווען:

– און דיין אומגליק, פּרינץ, איז אַ גרויסער, און צו דיין אומגליק, פּרינץ, וועט דאָך אַ סוף קומען, נאָר פאַר זיין סוף דאַרפסט דו דריי מלכים גליקליך מאַכן, און – דעם ערשטן האָסטו שוין... האָסט דו אָבער אויף דיין ערשטן אַרויספאָר אַ מתנה באַקומען, וואָס זאָל דיר צונוץ קומען און אין דיינע נויטן דינען, וויל איך דיר אויך אויף דיין צווייטן וועג נאָך אַ בעסערע געבן... – און דאָ האָט די טרעפערין פון איר שויס דער אַיינגעוואַלגערטער, דער אַלטער און אַיינגעשרומ־פּענער, עפּעס אַ שפּיגעלע באַקומען, אַן אַלטס און אַ נישטיגס, אַ וואָלוולס און אַ געמיינס אויפן אויסזעהן, האָט זי דאָס אַרויסבאַקומען, האָט זי דאָס אָפּגעגעבן בבא׳ן און דאַן, און פריהער אויף אים און דערנאָך אויפן טיש מיט די מתנות

פאַרלייגטן אַ קוק טוענדיג, האָט צוגעגעבן און נאָך אַמאָל געזאָגט: – און דאָס אַלץ, פרינץ, איז דיר איבעריג, אָט דאָס אַלץ אָנגעטראָגענע און געשענקטע איז דיר נאָר אַ משא אויפן וועג, זאָלסט דו דאָס איבערלאָזן און אָהן דעם גיין. און דאָס שפיגעלע נעם מיט... און אַ כח און אַן איינגשאַפט, זאָלסט דו וויסן, האָט אין זיך דאָס שפיגעלע, אַז וואָס דו וועסט וועלן און ווען דו וועסט וועלן, קאָנסט דו דאָרט אין דעמס אָפּשפיגלונג זעהן, און אין אַלע צייטן, און ווען ס'וועט זיך דיר פאַרגלוסטן, קאָנסטו, וואָס מיט דיינע ליבסטע און וואָס מיט זיי אין דער ווייט טוט זיך, געוואוירע ווערן, און אויך מיט דיר אַליין, און וואָס מיט דיר וועט פּאָרקומען און געשעהן... און זיי געזונט, פרינץ, און האָב דיר אַ וועג אַ גליקליכן, און מיין שפיגעלע וועט דיר צונוץ קומען און מיין שפיגעלע וועט דיר אין דיינע נויטן שטיין...

און דאָ האָט זיך די טרעפערין אפגעזעגנט מיט בבאן, מיט אים און מיט אַלע פאַרזאַמלטע דאָרטן, און געניגט זיך און פאַרבויגן זיך מיט כבוד, און שטיל, און פון וואַנען זי איז אָנגעקומען, צוריק דורך דער טיר און צוריק נאָך־זיך־פאַרמאַכטער פאַרשוואונדן.

האָט זיך בבא באַלד פון זיין אָרט אויפגעהויבן און צום מלך זיך געווענדט, האָט ער זיך פאַרנויגט פאַרן מלך און פאַר זיין גאַסט־פריינטשאַפט און פאַר זיין גוטהאַרציגקייט אים אָפּגעדאַנקט, און אויך פאַר די מתנות און פאַר די געשענקטע אַלע, האָט ער זיך געקערט צום מלך, און שטיל און מיט די אויגן אַרום זיך און ווי זיין טאָרבע געזוכט, האָט ער זיך דאַן אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

– איך דאַנק דיר, מלך, פאַר דעם טאָג און פאַר דעם־אין־פאַלאַץ־פאַרברענגען, פאַר אונטער דיין דאַך זיך געפינען און פאַר דיין צופרידן־זיין מיט מיר מלכשן, און אַצינד, און

איך מוז זיך געזעגענען, און אַצינד, און איך מוז אין וועג זיך לאָזן.

האָט זיך דער מלך אים איבערערעדן גענומען, אים אויף אַ צייט און אויף ווייטער און נאָך פאַרהאַלטן געוואָלט. האָט אָבער בבא דעם מלכס געבעט און דעם מלכס פאָרשלאַגן אָפּגענויגט, און זיך ביי אים אָפּגעבעטן פון פאַרהאַלטן זיך. האָט ער באַלד און אַרום זיך און די טאָרבע זיינע זוכן גע־נומען, האָט ער זי געפונען און אַהין דאָס שפיגעלע, דאָס אים געשיינקטע, אַריינגעלייגט, האָט ער זיך באַלד אָפּגע־זעגנט מיט אַלע, מיטן מלך פאַרפריהער, און דערנאָך מיטן פרינץ פון מלך, און דאַן און מיט די הויף־לייט אַלע און מיט די מקורבים די דאָרט פאַרבליבענע. האָט ער דערנאָך זיין טאָרבע אויף די אַקסל גענומען און זיין שטעקן אין זיין האַנט אַריין אויף וועג, האָט ער זיך דאַן פאַרנויגט פאַר אַלע און שטיל, און צו דער טיר זיך לאָזנדיג, האָט צו איר גענעהענט און זי אויפגעעפנט אויף אַרויסגיין.

— און די מתנות? — האָט זיך דער מלך דערמאָנט און ביי בבאן אַ פרעג געטאָן.

— פאַר אַנדערע און פאַר נויטבאַדערפטיגערע, מלך.

— גיי געזונט.

— געזונט צום מלך.

— און בבא איז אַוועקגעגאַנגען.

* * *

און בבא האָט זיך פון יענעם לאַנד אַרויסגעלאָזט און אין דער גרעניץ פון אַ צווייטן לאַנד שוין געקומען. און בבא איז פון איין אָרט און צו דעם אַנדערן געגאַנגען, און פון איין ישוב אין צווייטן זיך געוויזן, דעם מערסטן טייל אָבער האָט ער אין די פעלדער, וואָס אויסער די ישובן, פאַר־

בראַכט, און מערסטנטיילס נישט אונטער קיין ד אַ ך, נאָר אונטערן ה י מ ל פרייען; האָט ער אַמאָל געטאָגט און אויך גענעכטיגט אונטער הימל, ווייל גרויס און מיט פוסט־פעלדער איז יענס לאַנד געווען, און פון איין ישוב צום צווייטן איז אַ מהלך אַ ווייטער און אַ גרויסע גאַנג־פוסטקייט געלעגן. האָט ער זיך דאָרט געדרייט אין יענע פעלד־פוסטקייטן.

אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לייגנגערע – און בבא איז שוין ווייט פון זיין היים געווען, און בבא האָט זיך שוין שטאַרק פון זיינע געליבטע געהאַט דערווייטערט און זיי שוין שוואַך געדיינקט און שווער זיי זיך פאָרגעשטעלט; האָט ער זייערע אויסזעהנס נישט אַרויסרופן געקאנט און זייערע פנימער און געשטאַלטן און פאַר די אויגן זיך נישט אויסגעמאָלט. האָט ער זיי אָבער זעהן געוואָלט, פלעגט ער זיך אַמאָל אין מיטן וועג אָפּשטעלן און אויף דער ערד און אויף פעלד זיך אַראָפּ־לאָזן, פלעגט ער זיין טאָרבע צעבינדן און פון דאָרט דאָס שפיגעלע, און וואָס די טרעפערין האָט אים געשיינקט, אַרויס־נעמען, פלעגט ער אַהין אַריינקוקן, און אַ מאָל איינעם און אַמאָל דעם אַנדערן פלעגט פון מלכס פּאַלאַץ און פון זיינע ליבע זיך אויפבריינגען: – אַ מאָל דעם שטערן־זעהער און אַ מאָל אַליין דעם מלך, און זעלטן־זעלטן אויך זי, די מלך־טאָכטער און די געליבטע זיינע.

און טרעפן פלעגט זי בבא אין שפיגעלע און אין אָפּ־שפיגלונג – אַזוינע, און ווי ער האָט זי בשעת דעם פּאַלאַץ־פאַרלאָזן געלאָזט, אויף איר בעטל און אין איר לאַגע דער דעמאָלטיגער, אַן אויסגעצויגענע און אַ גלייך־ליגנדיגע, אַ טויט־פאַרשטאַרטע און גלייך און אין דער לופט פאַר זיך די אויגן האַלטנדיג; איז זי אַזוי געלעגן, האָט זי די גאַנצע צייט און פון בבאס אין־שפיגעלע־זי־זעהן אויף בבאן די אויגן ווי אָנגעשטעלט געהאַלטן. פלעגט ער אויף איר קוקן, אַ מאָל אַ

מינוט און אַ מאָל מער, — אָבער קיין מאָל און זיך נישט געזאַמט מיטן שפּיגעלע, און תּמיד און נאָכן קוקן וויינ־גן, פלעגט עס באַלד אין טאָרבע און איילנדיג און אויף גיך דאָס אומקערן.

און פילן פלעגט בבא, און דאָס האַרץ פלעגט אים פאַר־זיכערן תּמיד, נאָך זיין־זעהן־זי, און אין שפּיגל־אויף־איר־קוקן:
— אמת, שלאַף און הילפלאָז זעהט אויס די מלך־טאָכטער, פאַרלאָזט און אחר־יאוש פון אַלע הילף־מיטלען מעגליכע, און קיין זאַך קאָן איר נישט העלפן, און קיין מיטל וועט איר לאַגע נישט פאַרגרינגערן, אָבער איינס איז נאָך פאַרבליבן, איינע אַ זאַך איז נאָך פאַראַנען — ליבע...

און בבא האָט אַזוי, אין פעלד און אויף דער ערד דאַן ליגנדיג, וועגן דער מלך־טאָכטער און וועגן זיין ליבע־צו־איר זיך פאַרטראַכט, געקלערט און זי זיך פאָרגעשטעלט אַ ליבנ־דיגע, ווי ער קומט צו איר און זי באַגעגנט אים פון קומען, ווי זי גיט זיך אים אויפן האַלז אַ וואָרף און זי פאַלט אים צו זיין האַרצן צו, און אין אירע אויגן האָט זיך צו אים אַ פלאַם־געפיל צעשפּילט און אין קערפּער אין גאַנצן — אַ געטרייקייט אַן איבערגעגעבנס, אַ דאַנקבאַרקייט אַ גרויס און אַן אָפּגע־געבנקייט אַ זעלטנס, און אויף גרייט צו זיין מיט אים און מיט גאַנצן האָב און גאָב פאַר אים געטריי זיין; פלעגט ער זיך פון אָט די געדאַנקען און פון אָט די פאָרשטעלונגען פון דער ערד זיך אַ כאַפּ טון, פלעגט ער פון אָט די רעיונות און זיך אויפכאַפּן פון ליגן, און תּיכף, און די טאָרבע פון דער ערד אַ נעם טועגדיג, פלעגט זיך באַלד אויף וועג און אויף ווייטער גיין, אויף גרויסן פעלד, און נישט צו קיין אָנגעזעהענעם ישוב, זיך לאָזן.

איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, און ווייטער אַ צייט און ווייטער אַ לאַנגע, און אַלץ אין דער מדינה אין יענער, און אַלץ

און אין די פּוסט־פּעלדער אירע געדרייט זיך; האָט ער ווייטער אַלץ, וואו געטאָגט נישט גענעכטיגט, און ווידער און צווישן אירע דערפלאַך, צווישן די ווייט־און־איינס־פון־אַנדערן־אָפּ־געשיידט־ליגנדיגע, געבלאָנדזשעט, און קיין טרעפעניש האָט זיך אים נישט געטראָפן פאַר דער צייט, און קיין געשעהעניש איז אים נישט געשעהן דעמאָלט. און אַזוי און אין אַ צייט אַרום, נאָך גיין לאַנגן און נאָך נישט באַגעגענען קיינעם, האָט ווייטער, און אין אַ פעלד אַ מאָל זיך אָפּשטעלנדיג, פון דער טאָרבע דאָס שפּיגעלע אַרויסגענומען און צו דעם זיך גע־קערעוועט און ביי דעם אַזוי געפרעגט:

— שפּיגעלע, שפּיגעלע, וואוהין גיי איך, און וואָס וועט מיך טרעפן אין דער צייט דער נאָהענטסטער?

האָט זיך דאָס שפּיגעלע אַ צייט אין דער געוויינליכער מראה געהאַלטן, האָט דערויף בבא געקוקט און נישט געזעהן אין דעם גאָר נישט. נאָר באַלד דערנאָך און נאָך אַ צייט־אין־דעם־אַריינקוקן, האָט זיך אין דעם די מראה און דאָס גלאַט־און־גלאַנץ־אויסזעהן געביטן — איז דערויף עפּעס ווי אַ רויך און וואָלקנדל איבערגעגאַן, האָט זיך עס פאַרטונקלט און פאַרצויגן, האָט זיך עס לאַנג און אין פאַרצויגנקייט און ווייטער און נישט־ווייזנדיג־גאָרנישט געהאַלטן. און דאַן און נאָכן פאַרטונקלט־ווערן פון דעם אין גאַנצן, האָט זיך דערויף אַ וועג און אַ פאַרשטויבטער באַוויזן — אַ ווייטער און אויף דער גאַנצער ליינג פון שפּיגעלע, אַ גלייכער און וואָס האָט צו אַ האָריזאָנט צו געפירט — און ווייט־ווייט, און קוים מיטן אויג שוין אָנצוזעהן, האָט זיך אויפן האָריזאָנט און אויפן אַראָפּגעלאָזטקייט אויף זיינעם עפּעס אַ טורעם און אַ הויכער באַוויזן, און אויפן טורעם, און אויף סאַמע שפּיץ זיינעם פון אויבן, האָט זיך אַ פענדל און אַהין־און־אַהער געפענדלט.

און בבאס אויג האָט זיך אין טורעם איינגעקוקט, און בבאס גענישקייט האָט באַלד פאַרשטאַנען, און באַלד געוואוסט, וואָס דאָס שפּיגעלע האָט געמיינט, און באַלד אויף דעם ענטפער, וואָס דאָס שפּיגעלע האָט אים געענטפערט, זיך אָנגעשטויסן:

— און אַז אַ הויפּט־שטאָט איז נאָהענט, און אַז אַהין ליגט דער וועג זיינער, און אַז אַהין דאַרף זיך לאָזן, און אַלץ, וואָס סע דאַרף אים, און דאָרט וועט אים טרעפן, און דאָס שפּיגל־מראה׳לע האָט זיך באַלד צוריק און ווידער צום גע־וויינליכן זיך אומגעקערט, און דאָס פאַרוואָלקנטקייט האָט זיך פון דעם אָפּגעטאָן, און דאָס שפּיגעלע האָט צוריק און דאָס באַשטענדיגע אויסזעהן באַקומען, און דאַן און בבא האָט עס צוריק אין טאָרבע אומגעקערט, און בבא האָט זיך ווייטער, און איצט, ווי שוין אויף זיין געוויסן וועג, אַוועקגעלאָזט.

און בבא איז געגאַנגען און אין ערגיץ זיך שוין נישט אָפּגעשטעלט, און בבא האָט זיך ווי אונטערגעאיילט און אין קיינע ישובים זיך נישט פאַרהאַלטן, די גאַנצע טעג געשפּאַנט און אויך אין די נעכט געגאַנגען, און זעלטן־זעלטן ווען אין אַ דערפל זיך פאַרהאַלטן, און סיידן נאָר אויף שפּייז און ווען ס׳האָט אים עסן אויסגעפעלט, האָט ער זיך שוין אַ צייט דער־נאָך, ווי ער האָט זיך עסן און אַלעס נויטיגע פאַרגרייט, אין די אַנדערע דערפער, וואָס האָבן זיך אים אויפן וועג באַגעגנט, נישט אָפּגעשטעלט און נישט פאַרזאָמט זיך אין ערגיץ און דורכגעגאַנגען אַ סך, און אַנדערע און גאָר אויסגעמיטן און נישט דורך זיי און נאָר אַרום זיי געגאַנגען, און אַלץ גע־איילט זיך און אַלץ זיך אונטערגעטריבן, און ווי ערגיץ אויף אַ געוויס אָרט און ווי ערגיץ אויף אַ באַשטימטס אָנ־צוקומען, און איין מאָל, און אין אַ פריהמאָרגן אַ פעלדישן איז בבא צו יענער הויפּט־שטאָט און צו דער פון טורעם אָנגעקומען.

האָט ער פון דער ווייטנס דעם טורעם און אַ הויך־געבויטן דערזעהן, אַ קיילעכיגן און אַ פּאַרעלטערטן, אַ גלאַט־ווענטיגן און מיט אַ דאַך אויף אַרויף אַרויפגייענדיגן, און אונטערן דאַך מיט אַ ציגל־געזימס ארומגענומען, און פון איין ציגל צום צווייטן אַ חלל און צווישן אַלע אַ גלייכער איבערגעלאָזט; האָט אויפן דאַך פון טורעם אַ גלאַטער שטאָק און אַ הויכער געשטעקט, און אויפן שפּיץ פון אויבן האָט זיך אַ פענדל געפענדלט, און אַזוי און זיך פענדלענדיג, האָט פאַר אַלע ווייט־פאָרנדיגע און פאַר אַלע צופוס־גייענדיגע שוין פון ווייט, און פאַר אַ מהלך אַ גרויסן, די הויפּט־שטאָט און איר געקרוינט־קייט אָנגעוויזן.

און בבא איז צו ד ע ר הויפּט־שטאָט געקומען, און פאַר איר טויער קיין שומרים נישט באַגעגנט, און דער טויער איז גאָר אָפן געשטאַנען, און קיינער האָט נישט באַוואַכט זיין אַריינגאַנג, האָט ער זיך פאַרוואונדערט און נישט פאַרשטאַנען די שומרים, האָט ער וועגן זייער נאַכלעסיגקייט און וועגן זייער שלעכט היטן געדיינקט, ווייל נישט געוויינט איז ער געווען אַזוי אַ מלך־שטאָט און נישט געהיט צו טרעפן; האָט ער זי אָבער דאָך אַזוי געטראָפן, האָט ער ביי קיינעם און וועגן דעם צו פרעגן נישט געהאַט, און וועגן דעם צו קיינעם צו ווענדן זיך נישט געזעהן, האָט ער נ י ש ט געפרעגט, און איבער טויער און איבער דער שוועל איבערגעטרעטן, און אַזוי און נישט געשטערט און נישט אָפגעשטעלט פון קיינעם, איז אין הויפּט־שטאָט און אויף אירע גאַסן געקומען.

און אין דער פריה איז דאָס געווען: די זון איז נאָר וואָס פון אונטערן הימל אַרויסגעגאַנגען און אין שטאָט און אויף די מויערן ארויפגעשיינט, האבן זיך נאָר וואָס די ערשטע אַיינוואוינער, די זיך־פעדערנדיגע און פריה־אויפשטייענדיגע, באַוויזן, און אינציגווייז צו זייער אַרבעט זיך געגאַנגען, און שטיל

און בײ די זײַטן פון די גאַסן, און יעדער איז מיט זײַן גײן און גאַנג פאַרנומען געװען. זײַנען זײ זיך אַזױ געגאַנגען, און קײנער פון זײ האָט נישט באַמערקט גאָר בבא׳ן. האָט זיך בבא דאַן אױף די גאַסן און אױף די מױערן פאַרקוקט און אױף די הױפן און אױף די מױערן אַן אױיג געװאָרפן, האָט ער דערזעהן: אױף יעדער מױער און יעדער גאַניק, און פאַר אַלע הױפן און פאַר יעדער טױער איז אַ פאָן געהאַנגען, אַ שװאַרצע און אַ טרױעריגע, און פאַר אַלע הײַזער אױף אבלות אַ סימן, האָט ער זיך פאַרװאונדערט: װאָס איז דאָס און װאָס זאָל דאָס הײסן, װאָס קאָן דאָס זײַן און װאָס אַזױנס האָט זיך דאָ אין שטאָט געטראָפן?

האָט ער זיך מיט זײַן פאַרװאונדערונג צו עמיצן קערעװען געװאָלט, האָט ער אָבער גראָד קײנעם אונטער דער האַנט נישט געטראָפן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אױסגעװאַרט:

— און אפשר װעט עמיצער אים אָניאָגן אָדער אַנטקעגן קומען און יענער װעט אים דערקלערן. האָט אים אָבער קײנער נישט אָנגעיאָגט און קײנער איז אים אַנטקעגן נישט געקומען, איז ער אַזױ געשטאַנען און געשטאַנען, און דערװײַל די שטאָט באַ־טראַכט, — אירע גאַסן און איר אױסזעהן פריהמאָרגעדיגן, און די הױפן און דאָס אױפגעראָמטקײט און דאָס לײדיגקײט נאָך זײערס. האָבן זיך אין די הױפן דאַן אַלע װײלע די טירן שױן אױפגעעפנט און אַלע מאָל אַלץ מער און מער מענשן שױן אױפװאַכנדיגע פון זיך אַרױסגעלאָזט, פון שטיבער אױף הױפן, און פון די הױפן אױף די גאַסן — און די שטאָט איז אַלץ מער און מער צו איר טאָגעדיגקײט און צו איר טאָג־אױסזעהן געקומען, זײַנען שױן בבא׳ן מענשן און אַנטקעגן געקומען, האָט ער זיך צו אײנעם פון זײ, צום ערשטן און צום נעהענטסטערן, זיך געװענדט, אים אָפּגעשטעלט און אים אַ פרעג געטאָן: זאָל ער אַזױ גוט זײַן און אים קלאָר מאַכן, װאָס

זיינען דאָס פּאַר אַ פּענדלאַך, און וואָס איז דאָס פּאַר אַ טרויער אין שטאָט? האָט דער מענש יענער אויף בבא׳ן און אויף זיין אויסזעהן אַ קוק געטאָן, אים באַטראַכט און ווי אָפּגעמאָסטן אין גאַנצן, און דאַן און אים אַרומקוקנדיג, און אין זיין נישטיג־קייט זיך איבערצייגנדיג, האָט אים אָפּגעענטפערט און בקיצור זעהר: ס׳איז אַ טרויער ביים מלך, און דאָ איז די הויפּט־שטאָט, האָט די הויפּט־שטאָט איר מיטלייד אויס־געדריקט, און אויף אירע גאַסן און מויערן די פּאָנען אַרויסגעהאַנגען.

— און אין וואָס באַשטייט דער טרויער?

— ס׳איז קיין צייט נישטאָ, און זאָל ער אַזוי גוט זיין און ביי אַן אַנדערן זיך דערפרעגן.

און יענער מענש איז אָפּגעגאַן פון בבא׳ן און פון זיין אָרט אַוועקגעאיילט, און בבא׳ן אַליין געלאָזט און ווייטער און אין אומוויסן אין פריהערדיגן. האָט זיך בבא צו אַ צווייטן געקערט – און בבא האָט זיך נישט מער דערוואוסט, האָט ער זיך צו אַ דריטן געווענדט – און אויך ביים דריטן דאָס זעלבע; ווייל בבא האָט שוין פאַרגעסן געהאַט די שטאָט, אירע פּיראַכצן און אירע נויטן גרויסע, און אַז אין די פריהמאָרגנס און פאַר־נומען איז דאָרט יעדער, און יעדערער צו זיין אַרבעט איילט דאַן. האָט ער זיך ווייטער אַוועקגיין געלאָזט, און פון איין גאַס אויף דער צווייטער, און פון די הינטער־גאַסן אויף די חשובערע געקומען, און אויך דאָרטן דאָס זעלבע, און די שטאָט איז אַלץ אין שוואַרצן אָנגעטאָן, און אויף די מויערן און אויף די פּאַראַד־טירן האָבן שוואַרצע פּאָנען געהאַנגען. האָט דאָס בבא צוגעזעהן, און זיך אויך דאָרטן עמיצן אָפּשטעלן געפּרובט, האָט ער אָבער אויך דאָרטן דעם זעלבן ענטפער באַקומען: „און מענשן זיינען פאַרנומען אין שטאָט, און אין די פריה־מאָרגנס מוז מען איילן אַלע.״

האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן לאַנג, האָט ער זיך לסוף און אויך אַרויסגעדרייט פון דאָרטן, ביז ער לסוף און נאָכן אַרומבלאָנדזשען לאַנגן, נאָך האַלבן טאָג, און ווען די זון איז שוין אויפן קאָפּ פון שטאָט געשטאַנען, אין איינער און אין אַ גאַס אָנגעקומען, — אין אַ שטילער און אין אַן עק־ליגנדיגער, אין אַן אַלטליכער און וואו אָרעמע און געמיינע לייט דאָרט וואוינען — איז דאָרטן אָפּגעראָמט און פּוסטליך געווען, איז ער דאַן צו איינעם און צו אַ הויף דאָרט צוגעקומען, צו אַן אַלט־ליכן און מיט אַ פאַרקאַן אַן איינגעבויגענעם, צו אַ ליידיגן און מיט נישט קיין קינד און נישט קיין רינד אויפן הויף. האָט אויף אים באַלד אַ הונט אַן אַלטער האַווקען גענומען, און באַלד און נאָכן האַווקען פון הונט, האָט זיך אַן אַלטער מאַן, אַ שוין נישט־טויגנדיגער און צו דער אַרבעט נישט געהערנ־דיגער, אויף דער שוועל פון טויער דאָרט זיך באַוויזן, זיך באַוויזן און ביי בבא׳ן „וואָס ער דאַרף״ און ביים טויער „וואָס ער וויל״ געפרעגט.

האָט אים בבא געענטפערט אויף זיין פראַגע: אַ גייער און אַ בעטלער איז ער און אַן אָרט אויף אָפּרוהען און אויף איבערנעכטיגן בעט ער, ווייל שוין לאַנג פון אַ ישוב איז ער, און שוין לאַנג אַז ער האָט אונטער קיין דאַך נישט גערוהט. האָט אים דער אַלטער אַריינגעבעטן אין טויער און אין זיין שטיבל, און בבא איז אַריינגעגאַנגען. האָט אים דער אַלטער פריהער אַן אָרט, וואו די טאָרבע אראָפּצולאָזן, אָנגעוויזן, און אַן אָרט און וואו אויך אַליין זיך צו זעצן דערנאָך. האָט ער זיך נישט בעטן געלאָזט, בבא, האָט ער באַלד די טאָרבע אויפן אָנגעוויזענעם אָרט אַוועקגעלייגט און אליין אויף אַ באַנק־בעטל אַן אַנגעוויזענעם זיך אראָפּגעלאָזט. זיך אַוועקגעזעצט. האָט ער זיך אויף דער שטוב און אויף דער געמיינער אַרומ־געקוקט, אויף דער אָרימער און נאָר פון אַלטן באַוואוינטער,

אויף דער נישט באַדינטער און פון קיין בעל־הביתטע־האַנט אין שטוב. האָט אים באַלד דער אַלטער און עפּעס עסן און עפּעס איבערבייסן פאָרגעלייגט – און בבא האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט; האָט אים דער אַלטער עפּעס דערלאַנגט צום טיש. און בבא האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגעסן דאָס דערלאַנגטע. האָט זיך מיט אים און בשעת׳ן עסן צערעדט דער אַלטער און וועגן וועג און וועגן גאַנג זיינעם זיך דערפרעגט. און ווי סע לעבט זיך און ווי סע גייט זיך אַ גייער. און וואָס פאַר אַ באַ־געגענישן און וואָס פאַר אַ טרעפעניש ס׳האָבן זיך אים גע־טראָפן. און בבא האָט דערויף געענטפערט. אים דערציילט און געשמועסט מיט אים לאַנג. און וועגן זיין וועג און וועגן זיינע באַגעגענישן. וואָס אין דער מדינה אין אויך וואָס אין אַנ־דערע האָבן זיך אים באַגעגנט; האָט ער מיט אים אזוי אַ גע־שפּרעך געפירט און אַ גוטמוטיגס און אַ באַרוהטס זעהר – און אַזוי און פון ענין צו ענין און פון איין שמועס צום אַנדערן איבערגייענדיג. און לסוף און אים אויסדערציילנדיג און אַלץ אים קלאָר מאַכנדיג דאָס אים נישט קלאָרע. האָט זיך אויך צו אים מיט אַ פראַגע געווענדט און אים אַזוי געפרעגט:

– און וואָס. אַלטער. טוט זיך עס אין שטאָט ביי אייך. און וואָס איז דאָס פאַר אַ טרויער אין שטאָט?

– ס׳איז אַ מלוכה־טרויער. – האָט אים דער אַלטער געענטפערט.

– און אין וואָס באַשטייט ער. און וואָס האָט זיך געטראָפן אין דער מלוכה?

– ס׳איז אַ מעשה און מיטן מלך אונזערן.

– און אפשר וואָלסט דו דערציילט?

– ער קאָן. און ס׳איז מעגליך. – האָט דער אַלטער מספּים געווען.

און דער אַלטער האָט דערציילן גענומען און אַזוי אָנגעהויבן:

— אונזער מלך האָט לאַנג און נאָך מיט דער מלכּה חתונה־האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. האָט ער דערפון גרויסע יסורים געהאַט, איז אים זיין לעבן פוסט געוואָרן, האָט ער זיך פון אַלע תּענוגים פון דער וועלט אָפּגעזאָגט, און מלוכה און שטול־מלוכה און געלאָזט אויף הפקר: זאָל זיך טון, וואָס עס טוט זיך, זאָל זיך פירן, ווי סע פירט זיך, ווייל די זאַך איז נישט זיינע, די מלוכה גייט אים נישט אָן, און אירע ענינים אינטערעסירן אים נישט.

אַזוי דער מלך, און נאָך מער די מלכּה. האָט זיך די מלכּה אין אירע חדרים מיט איר דינסט דער לייבליכער זיך אָפּגעזונדערט, זיך פאַררוקט און פאַרשלאָסן אין די חדרים, און זיך קיין מאָל אין הויף און צווישן די הויף־לייט נישט געוויזן, נישט אין קיין יום־טוב־טעג און נישט אין קיין פּראָסטע, נישט אויף קיין פריידן און נישט אויף קיין פּאַראַד־סעודות די הויפישע; האָט זי זיך אָפּגעזונדערט און געלעבט אַזוי, האָט זי זיך קיין מאָל אויף דער ליכטיגער שיין נישט באַוויזן, און נאָר אין איר צימער געזעסן, און שטיל און אַזוי זיצנדיג, פאַר־קלערט און פאַרטראַכט, נאָר מיט איר טרויער און וועגן איר אָהנקינדיגקייט פאַרבראַכט.

פלעגט זי אַזוי זיצן, פלעגט אָבער אַמאָל אין הויף פון מלך אַ קול־אַ־ידיעה זיך צעטראָגן: אַזוי און אַזוי, און דער־ציילט האָט מען, אַז איבער דער מדינה האָט זיך אַ קלאַנג פאַרשפּרייט, אַז אין אַן אָרט אין איינעם האָט זיך אַ בעל־מופת באַוויזן, וואָס גרויסע וואונדער באַווייזט ער, און פון טויט מאַכט לעבעדיג, פון קראַנק – געזונט, און אויך אָהנקינדערדיגע מיט קינדער באַפּוילט ער. פלעגט דאָס די מלכּה דערהערן, פלעגט זיך דאַן ביי איר דער גאַנצער קערפּער און אַלע חושים אָנשטריינגען, און די אויגן פלעגן ביי איר גרויס ווערן, און די אויערן אָנגעשטעלט און אויף אַלץ און פון בעל־מופת

אויסצוהערן אַ גרייטע. פלעגט זי לאַנג און זיך דערפרעגן פון בעל־מופת, זיין שטאָט און זיין אויפהאַלטן זיך, און וואו ער וואוינט און אין וואָס פאַר אַ לאַנד ער געפינט זיך. דער־וויסן, און דאַן, און אַלץ זיך דערוויסנדיג און אַלץ, וואָס זי האָט אינטערעסירט, געוואוירע ווערנדיג, פלעגט זי דעמאָלט איר לייב־דינסט צום מלך צושיקן, פלעגט זי צו זיך דאַן איינלאַדן דעם מלך, און שטיל און מיט שטרייגקייט פון מלכה דעם מלך אַזוי באַפוילן:

— מלך, דעם וואונדער־מאַן ברייגג מיר.

פלעגט דער מלך איר באַפויל פאָלגן, פלעגט ער באַלד און צום וואוין־אָרט פון וואונדער־מאַן אַ מענשן אַוועקשיקן, אַ רייטער און פון די בעסטע זיינע, און אים אַ בריוו און מיט זיין חתימה מיטגעבן, — און אָהן תּירוץ און אָהן שום, און ווי מעגליך גיכער, און דעם בעל־מופת זאָל מען אין הויף אַריין ברענגען. פלעגט ער אַוועקפאָרן, דער רייטער, און זיך אין וועג אַריין און פייל פון בויגן לאָזן, און מיט פּאַפּירן פון מלך — און קיינער זאָל אים אין וועג נישט פאַרהאַלטן, און מיט נ אָ ך פּאַפּירן — און אַלע אונטערטאַנען פון מלך זאָלן אים נאָך אונטערהעלפן אין וועג; האָט מען אים געהאָלפן, האָט ער זיך גיך, און ווי מעגליך נאָר ס׳איז געווען, צו יענעם אָרט זיך באַלד דערשלאָגן, פלעגט ער צום וואונדער־מאַן און צו זיין שטאָט, צו זיין וואוין־אָרט און צו זיין שטוב דאַן קומען, קומען און באַלד און אַהין אָנקלאַפּן — „אַ שליח פון מלך״...

פלעגט מען אים אַנטקעגן און באַלד אַרויסגיין פון שטוב, פלעגט דער שליח באַלד דעם וואונדער־מאַן דעם מלכס בריוו איבערגעבן, פלעגט דער מאַן און שוין נישט דערווידערן מיט גאָרנישט, פלעגט ער זיך נאָר אין וועג אַריין צוגרייטן, און תּיכּף און אָהן טענות מיטן שליח און אין הויפּט־שטאָט זיך אַוועקלאָזן.

און אויפנעמען פלעגט מען דעם וואונדער־מאַן נאָכן וועג און נאָך זיין אין הויפּט־שטאָט־אַריין־קומען, פלעגט מען אים צו דער מלכּה און אין אירע חדרים פירן, און אים ברענגען און פאָרשטעלן פאַר דער מלכּה. פלעגט זי אים מיט גרויס כּבוד, און ווי אַ וואונדער־מאַן מ׳נעמט אויף, צונעמען, און אַזוי און אים צונעמענדיג, און מיט פיין־און־ערליך־האַלטן גרויסן, פלעגט זי אים אין איר באַזונדער־צימער ברענגען, אים באַלד אויף אַ שטול און אויף זיך זעצן אָנווייזן, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן, און די מלכּה פלעגט זיך פאַר אים אַוועקשטעלן, און אַזוי און אייניגע מינוט פאַר זיין שטול און כּבוד שטייענדיג, פלעגט זי אים שטיל און איר האַרץ, איר צער און איר נויט דערציילן.

און דערציילן לאַנג פלעגט די מלכּה און אויסרעכענען — אַלע מיטלען און רפואות, וואָס זי האָט פון דאָקטוירים באַקומען, און אויך וואָס נ י ש ט פון דאָקטוירים, און וואָס באָבעס אַלטע האָבן איר געעצהט, און וואָס זי האָט געטאָן מיט די רפואות, און ווי זי איז זיך באַגאַן מיט זיי און ווי אַזוי זיי האָבן נישט געהאָלפן גאָרנישט, און ווי אַזוי זי איז אָ ה ן הילף געבליבן, און — אויב ער קאָן (און זי האָפט, אַז ער קאָן), און אויב ס׳איז נאָר מעגליך (און זי האָפט, אַז ס׳איז מעגליך פאַרן בעל־מופת), זאָל ער איר עלנט און ליידן צוזעהן, און זאָל ער איר גוטער שליח זיין, און פון א י ר זייט קיין טייערס: די קרוין און די מלוכה, און אַלץ וואָס זיין מויל וועט אויסרעדן.

פלעגט ער זי אויסהערן, און איר צער און אירע יסורים צוזעהן, פלעגט ער אויף איר גרויס רחמנות קריגן און איר צוזאָגן — און אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר — וועט טון, און זי פאַרזיכערן — און אַלץ, וואָס אין זיין רשות נאָר, וועט אויסניצן; פלעגט ער זיך דאַן צו זיין אַרבעט נעמען און איר

פֿאַרשיידענע געטראַנקען פֿון פֿאַרשיידענע מינים גראָזן טרינ־קען געבן, און זי לערנען, און ו ו ע ן זי זאָל טרינקען, און זי שפּרוכן אויסלערנען, און וואָס זי זאָל ז אָ ג ן בשעת טרינקען; פֿלעגט זי אויף אַ צייט און אין זיינע רפֿואות זיך פֿאַרגלויבן, און אַלץ, וואָס ער האָט זי געלערנט, געהערט, און אַלץ, וואָס ער האָט איר געהייסן טון – געטאָן; פֿלעגט זי אים דערנאָך באַפֿרידיגן פֿאַר זיין זי־לערנען, און נאָך דעם באַפֿרידיגן אויף אַ צייט און אין הויף נאָך פֿאַרהאַלטן, פֿלעגט ער דאָרט אָפּזיין אַ צייט, און דערנאָך, און אַלץ אויף ווייטער, און ווי שוין אָ ה ן אים זיך באַגיין זי אויסגעלערנט, פֿלעגט ער זיך אָפּגע־זעגענען מיט דער מלכּה און צו זיך און צו זיין היים, און צוריק און צו זיין וואוין־אָרט זיך אומקערן.

און דער בעל־מופֿת פֿלעגט אַוועקפֿאָרן, און די מלכּה פֿלעגט אַליין בלייבן, פֿלעגט זי אַ צייט אין זיינע רפֿואות נאָך זיכער זיין און זיי איינגעמען, און ווי ער האָט זי געלערנט פּינקטליך, און איין מאָל, און נאָך אַ מאָל, און זיי איבערחזרן און ווייטער אויסנעמען, און דערנאָך, און אַז אויך ז י י האָבן נישט געהאָלפֿן, פֿלעגט זי זיי אין דער זייט אַוועקשטעלן, זיך אין זיי מיאש זיין, פֿלעגט זי צוריק און אין איר יאוש־טראַכטן אַריינפֿאַלן, זיך ווייטער און אין די חדרים אירע פֿאַררוקן, און ווייטער און ווי פֿ אַ ר דעם בעל־מופֿת אויף דער ליכטיגער שיין און אויף דער ליכטיגער וועלט זיך נישט ווייזן.

אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לאַנגע זעהר, און די מלכּה איז געעלטערט געוואָרן, און די מלכּה איז שוין נישט צו דערקענען געוועזן, און אויך דער מלך איז פֿון זיין געשטאַלט אראָפּ, און אָפּגע־לאָזן און פֿאַרוואָרלאָזט אויסגעזעהן. האָבן דאָס די האַרן און די הויף־לייט צוגעזעהן, האָבן זיי אויף זיי גרויס רחמנות געהאַט און זיי באַדויערט און מיטן גאַנצן לעבן זיי העלפֿן געוואָלט, האָבן זיי אָבער מיט וואָס נישט געהאַט, האָבן זיי זיך איינס ביים אַנדערן זיך

אָנגעפרעגט און אינאיינעם זיך געעצהט אַלע: און אפשר וועלן זיי עפּעס פּאָרט אויסקלערן? – האָבּן זיי געקלערט, האָבּן זיי פאַרשיידענע מיטלען געזוכט, און יעדערער האָט זיך צו זיינע באַקאַנטע געווענדט נאָך מיטלען, האָט פון דער מדינה שוין נישט געוואוסט מער קיינער, האָבּן זיי אויך אין אַנדערע מדינות געשיקט און אויך דאָרטן ביי גרויסע לייט און ביי חכמים זיך אָנגעפרעגט; האָט מען זיי צוריק געשיקט, פאַרשיידענע עצות געעצהט און אַלערליי ראָטן געראָטן, און דער מלך מיט דער מלכּה האָבּן זיי געהערט אין געהאָרכזאַמקייט און געטאָן און ווי מ׳האָט געראָטן טון, – און אזוי און אויספאָלגנדיג, און אַזוי און קיין מאָל נישט דערווידערנדיג, האָבּן זיי אַלע רפואות און אַלע געטראַנקען אויסגענומען, און ווידער און ביי זייער פריהערדיגן, און ווייטער און ביי זייער אומפרוכפּערקייט געבּליבּן...

און איין מאָל, און אין אַ פריהמאָרגן אַ געוויינליכן איז אין חדר פון מלכּה אָט־וואָס פּאָרגעקומען: – ווי די מלכּה איז דאַן נאָר־וואָס פון שלאָף געהאַט אויפגעשטאַנען, נאָך פון איר שלאָף־צימער נישט אַרויס און פון איר דינסט דער לייבּליכער נאָך נישט אָנגעטאָן געוואָרן און אויף אַרויסגיין נאָך נישט צוגעגרייט, אַזוי האָט מען פּלוצים אין דער טיר אָנגעקלאַפּט, און אַ דינערין און פון הויף פון מלך האָט זיך געמאָלדן און אַריינגעלאָזן ווערן געבּעטן.

– וואָס דאַרפסט ד ו? – האָט דער מלכּהס באַדינערין געפרעגט.

– צו דער מלכּה, – האָט יענע, פון יענער זייט שטייענדיג, געענטפערט.

– נאָך וואָס?

– ס׳איז נויטיג, און זעהר.

– עפן! – האָט די מלכּה איר לייבּ־דינערין געהייסן.

האָט די דינערין די מלכּה אין מיטן אָנטון און נאָך פֿאַרן פֿאַרענדיגן זי איבערגעלאָזט, איז זי צו דער טיר צוגעגאַנגען און זי אויפגעעפנט, און באַלד און זי אויפעפענענדיג, די דינערין, און וואָס האָט זיך אַריינגעבעטן, אַריינגעלאָזט.

— וואָס געדאַרפט? — האָט ביי איר די מלכּה געפרעגט.

— נישט איך, נאָר די באָבע, די אַלטע.

— וואָסערע?

— די הויף־באָבע, און וואס האָט די מלך־מוטער אין אַלע קימפּעטן באַדינט, און די, וואָס איז אַליין ביים מלך־געבוירן און אויך ביים געבוירן פון אַלע פּרינצן בייגעווען.

— און וואָס האָט זי געוואָלט?

— דיך צו זעהן, מלכּה.

— זאָל זי אַריינגיין.

און די דינערין איז פון דער מלכּה אַרויסגעגאַנגען, און די באַדינערין פון מלכּה האָט דערוויייל איר האַרינטע אָנטון פֿאַרענדיגן גענומען, איז די מלכּה שוין גרייט געווען, און פון שלאָף־צימער אין צווייטן אַרויסגעקומען, איז צו יענער צייט שוין אויך די באָבע די אַלטע, פון דער הויף־דינערין געפירט, אַהין און אין זעלבן צימער אַריינגעבראַכט געוואָרן. האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט, און אַ נידעריגע און דאַרינקע, און אַ ציכ־טיגע און אָנגעטאָן ווי אַ באָבע, האָט זי פאַר דער מלכּה צו־געטרעטן און פאַר איר זיך פֿאַרנויגט, האָט זי זיך אָפּגענויגט און צו דער מלכּה אַזוי געזאָגט:

מלכּה און קרוין מיינע, כ׳האָב דיין צער געזעהן און דיינע ליידן־גרויס געוואוסט, און דיין באַגער, וואָס שטאַרק, און צו מוטער־זיין דיינע באַגערן, האָב איך דיר נאָכגעקוקט אַ צייט, און פון אַלע דיינע טועכצן געוואוסט און פון אַלע מיטלען, וואָס האָבן דיר נישט געווירקט, זיי טוענדיג. האָב אויך איך דיר העלפן געוואָלט, און מיט מיין גאַנצן לעבן און מיט מיין

גאַנצער געטריישאַפט צום הויף. האָב איך אָבער נישט מיט וו אָ ס געהאַט. האָב איך זיך דערום נישט געוויזן און פאַר דיר נישט געקומען. האָב איך אָבער נישט גערוהט. און די גאַנצע צייט און אין איין אָנפרעגן־זיך געהאַלטן. ביי אַלטע און ביי עלטערע פון א ו נ ז ע ר לאַנד און אויך פון אַנדערע. האָב איך צו אַלע באָבעס און צו אַלע געניטע געשיקט און ביי זיי געבעטן און הילף פאַר דיר. האָבן זיי מיר פאַרשיידענע מיטלען צוגעשיקט. און איך האָב זיי באַטראַכט און פריהער אויף אַנדערע אויס־געפרובט. האָבן זיי נישט געהאָלפן קיינעם און קיין מוטער נישט און נישט פרוכטבאַר געמאַכט. האָב איך זיי נישט גע־בראַכט צו דיר. און זיי פאַר אומניצליך געהאַלטן און אויך אַליין און פון צו קומען פאַר דיר. און אויך אַליין און פון זיך וויזן פאַר דיר אויפגעהאַלטן... האָב איך אָבער אַלץ נישט גערוהט. און געטראַכט און איבערגעטראַכט. און געקלערט און נישט אויפגעהערט צו קלערן. האָב איך זיך דערמאָנט: ס׳איז איינס און נאָך פאַראַנען. אַ לעצט און נאָך נישט קיין אויס־געפרובט מיטל. און אין אַ פאַל און אין אַ ל ע צ ט ן ניצט מען אויס אויך דאָס ל ע צ ט ע. — און דאָס מיטל איז כישוף...

און איך בין אין פעלד אַרויסגעגאַנגען. — אין אַ פריהמאָרגן אין אַ טויאיגן. אין אַ זומערדיגן און אין אַ פאַרטאָגי. און איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען. און ווען די נאַכט האָט נאָך אויף דעם פעלדס ווייטקייטן גערוהט; בין איך אויף דער מיט פון פעלד צווישן די גראָזן דאָרט געקומען. האָב איך צווישן זיי טרעטן אָנגעהויבן און זיי באַטראַכטן און קוקן אויף זיי טרעטנדיג. און צווישן זיי דאָס כישוף־גראָז צו זוכן. האָב איך דאָס נישט דערקאָנט און פון צווישן אַלע איבעריגע דאָס אויסטיילן נישט געוואוסט. האָב איך דאַן דעם שפרוך. און וואָס מיין מאַמע האָט מיך אויסגעלערנט. זאָגן גענומען. געזאָגט און געזאָגט. איבער גראָזן און שעפּטשענדיג. און אַלץ און ווי איך

האָב אויסגעלערנט אין דער יוגנט, – און אַזוי און זאָגנדיג, און אַזוי אין פעלד דאָרט צווישן גראָזן שפּאַנענדיג, האָב לסוף איינס און עפּעס אַ פּאַרשיידנס באַמערקט, האָט זיך עס פּאַר מיינע אויגן און פון אַלע איבעריגע זיך אויסגעטיילט, האָט זיך עס מיר אַרויסגעוויזן, און ווי „נעם מיך" מיר אַ זאָג געטאָן, האָב איך זיך אָנגעבויגן און דאָס אויסגעריסן, דאָס אַהיים געבראַכט און דאָס אויסגעטריקנט און מיט דעם געטאָן און ווי מ'טוט מיט אַ כּישוף־גראָז, דערפון אַ געטראַנק געמאַכט, און זיך מיט דעם צו דיר קומען געלאָזט, האָב איך זיך צו דיר מעלדן געהייסן און איצט און איך שטיי פאַר דיר, און דאָס געטראַנק איז שוין אָנגעגרייט.

און דאָ האָט די באָבע פון אונטער איר אָנגעטאָן און פון אונטער איר פאַרוויקלטקייט פריהערדיגן אַ פלעשעלע אַ קליינס, אַ גרינבליכס און מיט אַ וואַסערל אַזוינעם אַרויסגענומען, און אַזוי און פאַר דער מלכּה און פאַר אירע אויגן דאָס ווייזנדיג, האָט עס געהאַלטן און נאָך אָט־וואָס צוגעגעבן:

— און זעה, מלכּה, אין דערינען איז דיין הילף פאַראַנען און פון דעם קאָנסט דו געהאָלפן ווערן, אָבער ... וויסן זאָלסט דו זיין, אז כּישוף בלייבט כּישוף, כּישוף קאָן צום לעבן אַרויס־רופן, כּישוף קאָן אַ קונץ באַווייזן, אָבער ד ע ר ה אַ ל ט ן עס אין לעבן, אָבער לעבן און מיט אַן אמת – דאָס איז נישט אין רשות פון כּישוף, – און איצט, ווי דו ווילסט, קרוין.

— איך וויל! – האָט די מלכּה נאָך אייניגע מינוטן ווי באַדענקען־זיך און נאָך לאַנגע רייד און דערציילן פון באָבען זיך אויפגעכאַפּט. – איך וויל! און זאָל זיין וואָס ס'זאָל זיין, און זאָל געשעהן וואָס געשעהן, און אַ מוטער איז מוטער – און זאָל זיין צו אַ שטיק פלייש אַפילו.

און די מלכּה האָט איר האַנט צו דער באָבע־האַנט און צום פלעשעלע אויסגעשטרעקט, דאָס צוגענומען און דאָס אָנגעקוקט

און באַטראַכט מיט נייגעריגקייט און דאַן, און אַלעס איבעריגע, און ווי מ׳באַגייט זיך מיט דעם, אויספרעגנדיג, האָט זי אָפגעדאַנקט דער אַלטער, האָט זי די אַלטע ארויסבאַלייט מיט דאַנק, און דאַן, און נאָכן באַלייטן, און פון יענעם טאָג, און נאָכן אַוועקגיין פון אַלטער, האָט זיך די מלכה צו דעם מיטל, אין דעם גלויבנדיג, און מיט איר איבערגעגעבנקייט איבערגעגעבן, און מיט געטרייישאַפט און מיט איבערגעגענטפערטקייט און פאַר דער זאַך זיך גענומען.

און די מלכה האָט זיך פון כישוף נישט אָפגעזאָגט, און דאָס כישוף־מיטל גענומען, און די מלכה האָט דאָס וואָרט געזאָגט, און אויף אַלץ באַשטאַנען; און אין אַ צייט אַרום און דאָס מיטל האָט געווירקט אויף מלכה און אין אַ צייט, און ווירקנדיג, און די מלכה איז, למזל, אין טראָגן פאַרגאַנגען.

און גיך צעטראָגן האָט זיך דער בשורה־סוד פריהער אין הויף און צווישן די הויף־לייט אַלע, דערנאָך אויך אויסערן הויף און איבער דער הויפט־שטאָט דער גאַנצער. האָט מען שטיל און איינער דעם אַנדערן פון מויל צו מויל און פון אויער צו אויער דאָס איבערגעגעבן, האָט דער סוד ווי געהילט און ווי איינגעהילט די מלכה, און אַלע, וואָס האָבן זי באַגעגנט, האָבן שטיל און מיט בליקן שטילע דעם וועג איר ווי אָפגעטרעטן; און די מלכה האָט זיך אָפגעזונדערט און דערווייטערט געהאַלטן, פון אַלץ און פון אַלעמען, און שטיל און אין אירע הדרים נאָר געזעסן, אָבער שוין נ י ש ט ווי פריהער, און שוין נישט אין יאוש־אָפגעלאָזנקייט, נאָר אין צערטליכקייט און אין פאַרטראַכטקייט זעלטענער, אין פאַרקלערטקייט און צו שטילער מוטער־געשעהעניש זיך שוין גרייטנדיג. פלעגט זי אַזוי אין די פריהמאָרגנס און אין די האלבע טעג, און אויך נאָך די האַלבע און אין די פאַרנאַכטן זיצן – אין איר צימער, וואָס איז שטיל געווען, און וואס קיין קול און קיין קלאַנג האָט אַהין נישט

דערגרייכט פון הויף; פלעגט זי אַזוי צווישן די ווענט, די גאָר־נישט־דורכלאָזנדיגע, און פאַר די פענסטער, די מיט שווער־גאַרדינען־באַהאַנגענע, זיצן. פלעגט זיך אַ מאָל אויך מאַכן, אַ פאַרנאַכט און בעת אַ זון־פאַרגיין — פלעגט אַהין אויך דער מלך אַריינקומען, און אויך אַ שטילער און אויך אַ פאַר־טראַכטער, פון הויף, און אַל־דאָס־הויפישע, ווי הינטער זיך און ווי הינטער דער טיר דאָרט לאָזן; פלעגט ער אַריינקומען, פלעגט אים די מלכה דאַן אויפנעמען אין שווייגן, און אויך ער, און אויף איר קוקנדיג, האָט נישט גערעדט און נישט געזאָגט דאַן גאָרנישט, — און אַזוי נאָר שווייגנדיגע און אַזוי און צווישן זיך קיין שמועסן נישט פאַרפירנדיג, פלעגן זיי די צייט און בעת דעם זון־פאַרגאַנג אָפּזיצן, און דערנאָך און פאַרן אויף־נאַכט־אַוועקגיין, פלעגן זיי זיך אָפּגעזעגענען אין שטילן, און אַזוי און זיך אָפּגעזעגענענדיג און זיך צעשיידן אויף נאַכט...

אַזוי אַ חודש, און אַזוי צוויי, און אַזוי אַלץ מערער, און אַזוי אַלץ ווייטער, און די מלכה איז אין די חדשים געקומען. און דער מלך פלעגט פון צייט צו צייט זי באַפוילן קומענדיג, און די מלכה האָט קיין מאָל מיטן מלך נישט גערעדט, און די מלכה האָט קיין מאָל און נישט דערציילט דעם מלך, נישט פון דעם גראָז, און פון וואַנען ס'שטאַמט דאָס באַקומענע, און אויך נישט פון כישוף, און אַז זי האָט אויף זיך גענומען דאָס כישופדיגע, — האָט זי עס פאַרשוויגן, האָט דער מלך נאָר וועגן דער באָבען און וועגן איר הילף געוואוסט, און אַז פון הימל האָט מען זיך שוין אויף זיי דערבאַרעמט, און אַז פון אויבן האָט מען שוין זיין צער און דער מלכהס לייד געזעהן, האָט ער זיך געפרייט, האָט ער אַלע מינוט און אַלע רגע דעם הימל און דעם, וואָס וואוינט אין הימל, געדאַנקט, — און אַזוי און דאַנקענדיג, און שטיל און אין האַרצן דעם, וואָס

לעבט אויבן, לויבנדיג, האָט אויפן גוטן טאָג און אויפן גע־גאַרטן שוין געוואַרט, און אויף דער גוטער שעה און אויף דער מזלדיגער און געוואונשענער שוין אַרויסגעקוקט.

און דער גוטער טאָג איז געקומען, און די גוטע שעה איז למזל, און די אַקושאָרן און די פון־פריהער באַשטעלטע זיינען שוין צו דער מלכה גערופן געוואָרן, און זייערע העלפערס און די העלפערס פון זייערע העלפערס און אויך אַלע באָבעס, די באַוואוסטע און באַקאַנטע אין הויפּט־שטאָט. און די מלכה האָבן די ערשטע ווייען גענומען, און די אַקושאָרן האָבן זיך פאַר זייער זאַך גענומען, און געטאָן, און וואָס מ׳האָט גע־דאַרפט דאָרט טון, און איר פאַרגרינגערט, און אויף וויפיל ס׳איז נאָר מעגליך געווען צו פאַרגרינגערן, האָבן זיך אָבער די ווייען געשטאַרקט, און די מלכה איז שוואַך און פון ליידן־פיל אויסגעמאַטערט געווען, אָהן כח און דערצו נאָך צו אַן ערשטלינג אַ פאַרשפעטיגטן; זיינען די דאָקטוירים אומרוהיג געוואָרן, און געזעהן, אַז דער מלכה שטייט אַ שווער האָבן פאַר, און אויך דער מלך האָט דאָס אויף די דאָקטוירימס פּנימער געזעהן, און דער מלך האָט די שווער־לאַגע פאַר־שטאַנען, האָט דער מלך דאַן אין אַלע געבעט־הייזער זיך געווענדט, אַהין ליכט און געלט געשיקט, די ליכט פאַר די הייליגע אָנצוצינדן און דאָס געלט פאַר אָרעמע און נויט־באַ־דערפטיגע צו צעטיילן; האָט מען די ליכט געצונדן און דאָס געלט געטיילט, און אין אַלע געבעט־הייזער פאַר דער מלכהס געזונט און פאַר איר בשלום־איבערקומען געבעטן, האָט אויך די שטאָט און אַלע איינוואוינער פון שטאָט פון דער מלכהס צו־קינד־גיין זיך דערוואוסט, און אַלע האָבן זיך צום הויף און צום פּאַלאַץ פאַר הויף אין רעדלאַך און אין בינטלאַך צו־נויפגעזאַמלט, און אַלע האָבן שטיל געשמועסט און אַלע ווייַ־לע פון הויף און פון די, וואָס קומען אַרויס פון דאָרט, וועגן

דער מלכה און איר שטאַנד־שווערינקייט ידיעות אויפגעכאַפּט; איז מען אַזוי געשטאַנען און זיך געשושקעט, און אַלע ווײַלע די אויגן צום הויף אויפגעהויבן: — און אפשר וועט זיך עמי־צער באַווייזן, און אפשר וועט עמיצער אַ פרייליכס און אַ בשורהדיגס ברענגען, — האָט מען אָבער נישט געבראַכט, און בײַ די אַרויסגייענדיקע, און בײַ די פון־הויף־קומענדיקע זיינען די פּנימער ווי פאַראומערט און פאַרזאָרגט געווען, און שטיל־שווייגן, ווי פאַר אַ סכּנה אַ גרויסער, און פאַרנומענ־קייט און פאַרטאָנענקייט, ווי בשעת אַ געשעהעניש אַן ערנסט און ווי פאַר אַ שלעכט טרעפעניש, איז אויף זיי געלעגן; פלעגט מען זיך אַזוי אַרויסווייזן פון הויף - אַ מאָל אַ דאָק־טאָר, און אַ מאָל אַ העלפער זיינער, און אַ מאָל אַ באַדינער, און אַ מאָל אַ שליח ערגיץ־אַ־געשיקטער, — פלעגן זיי ער־גיץ אײַלן און נאָך עפּעס לויפן דאַרפן, פלעגט מען זיי אַרומ־רינגלען, און בײַ זיי „וואָס הערט זיך?״ געוואוירע־ווערן ווען; פלעגן אָבער יענע נישט אָפּשטעלן־זיך קאָנען און אפילו אויף ענטפערן קיין צייט נישט האָבן, פלעגן זיי נאָר מיט הענט און מיט אויגן אַ מאָל אויף „שלעכט״ און אַ מאָל אויף „זעהר״ אַ סימן געבן, און פון די רעדלאַך זיך אַרויסדרייענדיג און דאַן און פון די זיי־אַרומרינגלענדיגע אַרויסגייענדיג, פלעגן אַהין און וואוהין זיי האָבן באַדאַרפט, און נאָך דעם, נאָך וואָס זיי זיינען געשיקט געוואָרן, אַוועקאײַלן.

איז אַזוי דער ערשטער טאָג אַוועקגעגאַן און דער צווייטער איז אָנגעקומען, און די לאַגע איז ערנסטער געוואָרן, און די ווייען האָבן זיך נישט איבערגענומען, און דער מלכה האָבן זיך שוין די כּחות אויסגעלאָזן און זי איז האַלב־טויט שוין אויף איר בעט געלעגן, און די רפואות האָבן נישט גע־האָלפן און די מיטלען האָבן נישט פאַרגרינגערט אויף גאָר־נישט, און פון האָבן איז נאָך קיין רייד נישט געווען, און פון

קינדס אויף־דער־וועלט־קומען – קיין זכר און קיין דערמאָ־נונג נישט אַפילו. האָט דער מלך אַלע מאָל צו דער מלכּה אין צימער אַריינגעשיקט, אויף זיך אָנפרעגן און אים אַ ידיעה ברענגען, האָט מען אים אַלע מאָל דאָס זעלבע אָפּגעענטפערט און יעדער מאָל – דאָס אייגענע און דאָס, וואָס ער האָט אַליין געוואוסט, צו וויסן געגעבן: די לאַגע איז שלעכט, און מיט דער מלכּה איז נישט גוט זעהר, און ביי דער מלכּה האָבן זיך די כּחות אויסגעלאָזט, און אַז דאָס האָבן מוז אַ שווערס דאָ זיין, פלעגט דער מלך דאָס אויסהערן, און דאָס פּנים ביי אים פלעגט פון מאָל צו מאָל אַלץ טרויעריגער און אַלץ טרויערי־גער ווערן, פלעגט דער מלך יעדער מאָל אויף זיין אָרט, וואו די ידיעה האָט אים געטראָפן, בלייבן, אַ מאָל אַ זיצנדי־גער און אַ מאָל אַ שטייענדיגער, און דער מלך פלעגט זיך נאָך יעדער ידיעה פון זיין ארט שוין נישט רירן, – און אַזוי און זיך נישט רירנדיג, און אַזוי אויף זיין אָרט דאָרט בלייבנ־דיג, פלעגט נאָר שווייגן און אויסוואַרטן אַ ווײַלע, און באַלד און אַ צווייטן מאָל, און דאַן און ווידער אַ מאָל געוואוירע ווערן שיקן.

אַזוי דעם צווייטן טאָג און אַזוי די נאַכט די צווייטע. און קיינער אין הויף האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, און קיינער פון הויף האָט שוין נישט גערוהט, זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן: און דינער זיינען אויף די פיס געווען, און אַקו־שאָרן און באָבעס האָבן זיך געשאַפט מיט די באַדינער, און אַלע מאָל און עמיצן אַ דאָקטאָר איז עפּעס אַ גייס אויפן זי־נען געקומען, און ער האָט באַלד זיך אַן עצה געהאַלטן מיט די איבעריגע, און אויף גיך און געשיקט: „זאָל מען גיין און זאָל מען דאָס ברענגען, זאָל מען לויפן און זאָל מען דאָס צושטעלן, דאָס ניי־צוגעטראַכטע״; איז מען געלאָפן און גע־בראַכט דאָס פון־דאָקטאָר־געפאָדערטע, האָט מען מיט דעם

געטאָן און ווי דער דאָקטאָר האָט באַפוילן און געפאָלגט, און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן; איז מען אויף אַ צייט און שוין ווי אָן רפואות געבליבן, און געשטאַנען און נישט גע־טאָן גאָרנישט, און יעדערער האָט זיך ווי אָן עפעס אַ נייס און אָן נאָך נישט קיין אויסגעפּרובטס דערמאָנען געוואָלט, פלעגט מען אַזוי שטיין און איינס אויפן אַנדערן קוקן, און פלוצלום, און ווייטער איינער און מיט אַ מאָל און אַן אַנדערער איז אויף עפּעס געפאַלן...

און די צווייטע נאַכט איז אַוועקגעגאַנגען, און דער דריטער טאָג איז געקומען, און אַלע זיינען שוין אויסגעמאַטערט גע־ווען, און אַלע מיטלען האָבן זיך שוין אויסגענומען, און אַלע טועכצן און שוין אפּגעטאָן, און די עצות און שוין אויסגעפאָלגט אַלע, און אַלע באָבעס זיינען שוין אָהן אַרבעט געשטאַנען, און אַלע דאָקטוירים – און באַזונדער פון באָבעס, און אויך די באַדינערס און שוין נישט געשיקט אין ערגיץ, און אויך דער מלך האָט שוין קיינעם צו דער מלכה געוואוירע־ווערן נישט געשיקט, און נאָר פאַר־פּאַלאַץ און פאַרן פלאַץ פון פּאַלאַץ האָט זיך נאָך אַן עולם אין בינטלאַך און אין רעדלאַך געקליבן און וועגן דער מלכה און וועגן איר שווער־לאַגע זיך איבערגערעדט, זיך געשושקעט און אַלע מאָל צום הויף אַ קוק געטאָן, צווישן זיך גערעדט און אַלע מאָל די אויגן צו די פּאַלאַץ־פענסטער אויפגעהויבן, איז מען דאָרט געשטאַנען און שטיל פאַרבראַכט, – און די גאַנצע צייט איז קיינער פון הויף נישט אַרויסגעקומען, און פון קיין פענסטער האָט זיך נישט קיין קאָפּ און נישט קיין קערפּער באַוויזן, און שטיל איז געווען אין פּאַלאַץ און קיין קול און קיין קלאַנג האָט זיך נישט געהערט פון דאָרטן, און פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען איז דאָרט אַלץ געווען און אויף דרויסן און פאַרן עולם נישט אַרויסגעלאָזט קיינעם און נישט צו וויסן

געגעבן גאָרנישט. איז מען אזוי געשטאַנען און געוואַרט געדולדיג, און רעדלאַך מיט רעדלאַך, און בינטלאַך מיט בינטלאַך — און דער עולם איז אַלע מאָל אַלץ שטילער און שטילער געוואָרן, און די אויגן און די אויערן אַלץ נייגעריגער און אַלץ וויסנס־דאָרשטיגער; האָט מען געערדט און זיך אייגגעהערט איינס צום צווייטן, און יעדער רעדל האָט זיך זיין איינעם געהאַט, און יעדער רעדל האָט זיך צוגעהערט צו זיין איינעם. איז מען אַזוי פאַרטאָן געווען און צווישן זיך געשמועסט, און אַזוי און זיך־פאַרשמועסנדיג און כמעט ווי אָן פאַלאַץ שוין פאַרגעסנדיג, האָט זיך פלוצים און פון אויבערשטאָק פון פאַלאַץ אַ טיר אויפגעעפנט, אַ טיר און וואָס אויף אַ גאַניק פירט אַרויס, און וואָס אויף יענעם גאַניק אַליין דער מלך נאָר אַמאָל באַווייזט זיך, האָט זיך אַצינד נאָר אַ באַדינער באַוויזן, און דאָס פנים ביי אים איז עטוואָס אויפגעלייגטליך און שמייכלענדיג געווען, און די אויגן ביי אים אין פנים געשיינט און פריילעך געווען פון עפעס, אָבער דאָך אַליין דער דינער, זיין אַרויסגיין און דאָס נישט אַיילן־זיך פון זיין אַרויסגיין, האָבן עפעס נישט אויף קיין שמחה און אַלנפאַלס נישט אויף קיין גאַנצער שמחה עדות געזאָגט. זיך באַוויזן, איז ער פון דער טיר אַרויס און אויפן גאַניק און צו דער פאַרענטשע צו, איז ער צוגעגאַן און זיך איבערגעבויגן איבער דער פאַרענטשע, און אַזוי און זיך איבערבויגנדיג, און אויסוואַרטנדיג און ווי דעם גאַנצן עולם צונויפזאַמלען וועלנדיג, האָט ער אים צונויפגעזאַמלט, האָט ער זיך דאַן געווענדט צו אים און אַזוי און זיך וועגנדיג, זיך אָפּגערופן און אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסן, עולם, דער פאַלאַץ איז אייך מודיע: — די מלכה איז איבערגעקומען בשלום, און האָט אַ קינד געבוירן,

אָבער, דאָס קינד איז אַ טויטס אַרויס, דאָס קינד איז ניט קיין לעבעדיגס אויף דער וועלט געקומען.

אָפּגעזאָגט און זיך אויסגעדרייט, און צוריק און אין דער טיר, און צוריק, און פון וואַנען ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרשוואונדן.

און אַזוי איז טאַקע געווען: די מלכּה האָט מיט די לעצטע כּוחות דאָס קינד אויף דער וועלט געבראַכט, איז זי באַלד נאָכן האָבן פון קינד, ווי טויט און אין חלשות ליגן געבליבן, האָבן זיך צו איר באַלד און אַ לאָז און אַ וואָרף געטאָן די דאָקטוירים, האָבן זיי זי געמונטערט און מיט אַלץ, וואָס מען מונטערט אין אַזוינע פאלן, האָבן זיי זי אויפגעמונטערט, איז זי צו זיך געקומען, די אויגן געעפנט, און באַלד און אַרום זיך אַרומקוקנדיג, און באַלד און נאָך די אויגן־עפענען, האָט זי זיך צו די, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, געקערעוועט און זיי אויפן קינד אַ פרעג געטאָן:

— דאָס... קינד?...

— דאָס קינד איז ביי די באָבעס, — האָט מען איר גע־ענטפערט.

און דאָס קינד איז טאַקע ביי די באָבעס געווען, און פון איין האַנט צו דער אַנדערער איבערגעגאַן, ווייל דאָס קינד איז אַ טויטס געבוירן, און די באָבעס האָבן דאָס פּאַטשן און מונטערן גענומען, האָט זיך עס דער ערשטער נישט איינגע־געבן, האָט זי עס דער צווייטער איבערגעגעבן, און אַ יינגע־רע האָט דאָס אַן עלטערער איבערגעענטפערט, און אויך די עלטערע האָט דאָס געפּאַטשט־געמונטערט, און דאָס קינד האָט שוין ווען־ניט־ווען מיט אַן איברל אַ ריר געטאָן, אָבער באַלד צוריק און ווידער פאַרלוירן דאָס איברל, — אַ מאָל אַן אויגל געעפנט, און מיט אַ הענטל אַ מאַך געטאָן, און באַלד צוריק דאָס אויגל פאַרמאַכט און באַלד און דאָס הענטל

צוריק אַראָפּגעלאָזט; האָט מען עס געוואָרפן פון האַנט צו האַנט, האָט מען עס מיט שפּילקעס געשטאָכן און מיט ליכט געברענט, האָט זיך עס אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט און באַלד און ווידער טויט אַנטשלאָפן געוואָרן; האָבן שוין די באָבעס וואָס צו טון מיט דעם נישט געוואוסט, צו דעם די דאָקטוירים גערופן, און זיי האָבן דאָס באַטראַכט און ערנסט, דאָס באַקוקט און פון אַלע זײַטן דאָס אַרומגעזעהן: — און טויט און ווי אַלע טויט־געבוירענע, און דאָך, און עפּעס פּאָרט ניט ווי אַלע, — האָבן זיי נישט געוואוסט, זײַנען זיי אַלע און דאָך צו איין דעה געקומען, אַז דאָס קינד איז קיין לעבעדיגס, און אַלע האָבן זיך פון דעם שוין אָפּזאָגן געוואָלט; אַליין נאָר די באָבע, די וואָס האָט דער מלכּה דאָס כּישוף־גראָז געגעבן, האָט זיך בײַ אירן און בײַ איר באַזונדער דעה געהאַלטן: — ניין, און איין מאָל ניין, דאָס קינד איז אַ לעבעדיגס, דאָס קינד האָט אין זיך לעבן אינעווייניג, און די דאָקטוירים ווייסן נישט, ווײַל דאָקטוירים האָבן זיך נישט געמאַכט אַזוינע פאַלן...

און דאָס קינד האָט מען אין דער זײַט אַוועקגעלעגט, און מיט דער מלכּה שוין נישט גערעדט פון דעם קינד, און די מלכּה האָט שוין אַליין פאַרשטאַנען, און אויך דער מלך האָט, אויף די באָבעס און אויף די דאָקטוירים קוקנדיג, זיך אָנגעשטויסן, האָבן זיי געשוויגן און נישט געזאָגט זיך גאָר־נישט, דער מלך מיט דער מלכּה, איז דער מלך נאָר פאַר דער מלכּהס בעט און פאַר איר געלעגער געקומען, און געשטאַנען בײַ איר און געקוקט אויף איר, און געטרויערט איבער איר און אויך זיך אינאיינעם מיט איר באַדויערט; אַזוי גע־שוויגן און זיך געזאַמט אין שווייגן, און דאַן, און ווי זיי זײַ־נען אַזוי געשטאַנען און געקוקט און באַטראַכט זיך איינס דאָס צווייטע, אַזוי איז צום בעט פון מלכּה אויך די באָבע־די, וואָס האָט איר דאָס גראָז געגעבן, אונטערגעקומען, און

שטיל און פאַר דעם מלך און מלכּה זיך אַוועקשטעלנדיג, האָט זי זיך צום מלך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— און איך, מלך, האַלט זיך ביי מיינעם. דאָס קינד איז אַ לעבעדיג־געבוירנס, און דאָס קינד האָט לעבן אין זיך, און אברימלאַך ביי דעם רירן זיך, און גלידערלאַך ביי דעם כאַפּן זיך אויף פון מאָל צו מאָל, און דאָס קינד איז נישט אויף צו מיאש זיין און דאָס קינד איז נישט קיין פאַרפאַלנס, און זאָל דער מלך ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן און זאָל ער מיין עצה הערן.

און דער מלך האָט זיך צו דער באָבע צוגעהערט, און די מלכּה האָט אין דער באָבעס רייד געגלויבט, און די מלכּה האָט דער באָבען רשות געגעבן, און זאָל זי טון און וואָס זי געפינט פאַר נויטיג צו טון. האָט זיך די באָבע דאַן אַ צווייט מאָל צום מלך געווענדט, זיך אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— מלך, און לאָז דער שטאָט וויסן, און זאָל פאַר דיר בעטן די שטאָט, און הייס אַ טרויער אויסרופן, און זאָל מען אויף טיר און טויער שוואַרץ־פאָנען אויפהענגען, און זאָל מען אַלע זעהן די פאָנען, או ווער עס האָט אַ הילף פאַר דיר, זאָל דיר די הילף ברענגען — און האָף צום הימל. און איך גיי צום קינד.

און די באָבע האָט זיך פון מלך אָפּגעקערעוועט, און די באָבע איז צום קינד אַוועקגעגאַן, האָט זי זיך צו דעם גענו־מען, און אַליין און נישט אונטערגעהאָלפן פון קיינעם, ווייל אַלע באָבעס האָבן זיך דאָ שוין אָפּגעזאָגט און אַלע העלפּערינס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון העלפן, האָט זי מיט דעם געטאָן, און וואָס האָט אַליין געוואוסט, און אויך די סגולות, וואָס זי האָט פון אַנדערע און עלטערע בירושה געהאַט, האָט זי זיך מיט דעם געפּאָרעט און אַ צייט אַ לאַנגע; און אויך דער מלך האָט, ווי זי האָט אים געהייסן טון, געטאָן, און אויף דער

שטאָט אַ טרויער באַפּוילן, און אויף אַלע טירן און טויערן טרויער־פאָנען אויפהענגען; האָט מען אים געפאָלגט, האָבן זיך פאַר אַלע הייזער און פאַר אַלע מויערן די פאָנען באַוויזן, און אַלע גאַסן און אַלע געסלאַך האָבן זיך אין שוואַרצן אָנ־געטאָן, און אַלע מענשן און אַלע אײַנוואוינער פון שטאָט האָבן זיך דערפון דערוואוסט, און באַלד אויפן מלכס אומ־גליק בעטן גענומען. און אָט דאָס איז דער טרויער, און אָט דאָס האָט זיך מיט אונזער מלך געטראָפן, און אָט דאָס זײַנען די פאָנען אַרויסגעהאַנגען, און אָט דאָס האָסט דו געזעהן אין שטאָט.

און דערמיט האָט דער אַלטער זײַן מעשה פאַרענדיגט.

– און ווי לאַנג האָט זיך עס געטראָפן מיט דער מלכה?

– האָט בבא ביים אַלטן געפרעגט.

– ערשט נעכטן.

– און דאָס קינד?

– דאָס קינד איז אויך אַצינד, ווי נעכטן, דאָס קינד איז אין זעלבן שטאַנד נאָך איצט, און די אַלטע באָבע טרעט ניט אָפּ דערפון: זי האָפט.

– אויף וואָס?

– אויף אַ הילף און אויף דעם העלפער. דער העלפער זאָגט זי, קאָן נאָך קומען.

– ביז וואַנען?

– ביזן דריטן טאָג.

– און אויב שפּעטער?

– איז פאַרפאַלן. און מאָרגן איז דער דריטער.

האָט זיך בבא פאַרטראַכט און מער שוין נישט געפרעגט ביים אַלטן, האָט ער דער מעשה נאָכגעדענקט און שטיל און אויף זײַן אָרט געבליבן. איז שוין דעמאָלט אין שטיבעלע ביים אַלטן דער פאַרנאַכט און דאָס טונקלקייט דאָס פאַרנאַכ־

טישע צוגעפאַלן, איז אין שטיבעלע דעמאָלט שטיל און טרױ־
עריגליך געװען. האָט זיך דער אַלטער פון זײַן אָרט אױפֿ־
געהױבן און אױף נאַכט און אױף נאַכטלעגער זיך גרײטן
גענומען. פריהער פון זײַנעטװעגן און דערנאָך אױך פון
בבאס װעגן אַ געלעגער פאַרגרײט, און דאַן און אױך צו זײַן
נאַכט־סעודה גערופן בבא׳ן, איז מיט אים בבא געגאַנגען
זיך פאַרן טיש געזעצט און שטיל און אָפּגעגעסן די נאַכט־
סעודה. און דאַן און נאָכן אָפּעסן, האָבן זײ זיך צו זײערע
געלעגערס געקערעװעט, האָבן זײ זיך אױסגעטאָן בײ זײערע
געלעגערס, און יעדערער אױף ז ײ נ ע ם און יעדערער האָט
זיך אױף נאַכט אַװעקגעלעגט.

שטיל איז דאַן אין שטיבעלע דער אָװנט און דערנאָך די
האַלבע נאַכט געקומען, שטיל און נישט געשטערט פון גאָר־
נישט, שטיבלדיג און פון קײן קול און קײן קלאַנג נישט אי־
בערגעריסן, אַלײן נאָר די פענסטערלאַך האָבן אין דער פינ־
סטער אַרײַנגעקוקט און שטיל נאָר בבאן מיטן אַלטן אױף
זײערע געלעגערס און אין זײער שלאָף שלאָפן געטראָפן,
און אַזױ און זײ שטילע און אײַנגעשלאָפענע טרעפנדיג, האָבן
דורך אײנעם אַ פענסטערל דורך אַ שטילן און דורך אַ נאַכ־
טישן, דורך אַ טונקל־גלאָזיגן און דורך אַ קלײן־שױבלדיגן,
דעם פאָרזיכטיגן און אומבאַמערקבאַרן, דעם געהיטן און דעם
גרינגען, דעם ח ל ו ם ־ ח ל ו מ ע ר מיט זײַן האַק־און־פאַק
אַרײַנגעלאָזט.

און געחלומט און אױסגעװיזן האָט זיך דאַן בבאן, װי
װײַט און אױף אַ װעג אַ גײערשן, אױף אַ פעלד און אין אַ
װײַטן ערגיץ, האָט זיך אים די אַלטע טרעפערין, די װאָס
האָט אים דאָס װאונדער־שפיגעלע אױפן װעג מיטגעגעבן, באַ־
געגנט, און פאַר אים מיט איר געשטאַלט זיך פאָרגעשטעלט,
מיטן זעלבן אױסזעהן און מיטן זעלבן אַלטקײט אירן, און װי

ער האָט זי אין יענעם פאַרנאַכט און אין יענעם מלך־פּאַלאַץ־געזעהן; האָט זי זיך אים באַוויזן און אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן, אויף אים געקוקט אַ שטילע און אים באַטראַכט אַ קוקנדיגע, און דאַן און נאָך שווייגן און קוקן לענגערן, האָט זי זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— כ׳האָב עפּעס פאַרגעסן, בבא, כ׳האָב דיר נישט דער־זאָגט דעמאָלט, און אָט־וואָס: אויסער דעם כּוח, וואָס איך האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, האָט אין זיך דאָס שפּיגעלע נאָך אַ כּוח, און אָט וואָסערן: זאָל מען דאָס צו אַ מענשנס פּנים, צו אַ שלאַפן, און וואָס דאָקטוירים זיין גורל ווייסן נישט, צו־שטעלן, און דאָס שפּיגעלע ווייסט, און דאָס שפּיגעלע וועט באַלד זאָגן: איז ער אַ לעבנס־באַשערטער, וועט ער באַלד געזונט און לעבעדיג ווערן, אויב־זשע נ י ש ט, ווערט ער תּיכּף נִיט, אַ ה י ן אָדער אַ ה ע ר, און הער: און באַלד וועסט דו דאָס דאַרפן, דאָס שפּיגעלע, באַלד וועט עס דיר צונוץ קומען אין אַ זאַ פאַל, און האָב קיין מורא נישט און ניץ דאָס אויס, און דאָס שפּיגעלע וועט דאַן לעבן ברענגען, און דאָס שפּי־געלע וועט צו געזונט פירן, און אַז מ׳וועט דיך רופן, זאָלסט דו זיך נישט בעטן לאָזן.

און די אַלטע איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און בבא איז ווייטער געשלאָפן, און דער חלום־חלומער האָט זיך פון בבאן און פון ז י י ן געלעגער אָפּגעקערעוועט, און דאַן צום אַלטן און צום בעל־הבית פון שטיבעלע צוגעגאַנגען...

און פאָרגעשטעלט און אויסגעוויזן האָט זיך דאַן דעם בעל־הבית דעם אַלטן, ווי שטיל און ווי אַלע תּמיד ער ביי זיך אין זיין שטיבעלע זיצט זיך; ס׳איז פאַרנאַכט און טונקל צווישן די ווענט אין שטיבעלע, און אַ רוהיגקייט און אַ פאַר־נאַכט־שטילקייט שוועבט אויף דער סטעליע דאָרט פון אויבן, זיצט ער זיך אַזוי פאַר זיין פענסטערל זיין קליינעם, קוקט

ער זיך אַזוי אין זיין הויף אַרויס, – אין שטילן און אין ליידיגן, און וואָס זעלטן ווער זיין שוועל טרעט אַריבער, דערזעהט ער אָבער: ווי פּלוצים און אומגעריכט, פון דער גאַס און פון יענער זייט, האָט עמיצער דאָס פּאָרטקעלע זיינס ביי דער קלאַמקע אָנגענומען, אָנגענומען און עס אויפגעעפנט, די שוועל אַריבערגעטראָטן און אין הויף אַריינגעגאַנגען. איז דאָס עפּעס אַ מענש געווען – אַ נאָהענטער און דאָך נישט קיין היימישער, און דערצו איז נאָך פאַרנאַכט אין הויף, און דעם אַלטן איז שוין שווער צו דערקענען. האָט זיך דער מענש אַ ווײַלע אַזוי אין הויף אַרומגעקוקט, זיך אויף אַלע זייטן געדרייט און דערנאָך אויפן אַלטנס שטיבעלע זיך אָפּגעשטעלט און צו דעם גיין גענומען, איז ער צו דעם צוגעגאַן, פון דעם די הויז־טיר געעפנט און אין „הויז" אַריינגעגאַן, דערנאָך אויך פון דעם „הויז" אין שטוב אַריין און אויף דער שטוב־שוועל שטיין געבליבן, און פּלוצים... און וואָס זעהט דער אַלטער?... דער מלך, און אין דער קרוין געקרוינט, איז אויף זיין שוועל און אין פאַרנאַכט־שטילקייט געשטאַנען. האָט דער אַלטער געאיילט און צוגעלאָפן צום מלך, פאַר אים שטיין געבליבן און קיין ווערטער נישט געהאַט, האָט ער אָבער אַ קוק געטאָן אויפן מלך און אים ווי אין גרויס צער און אין גרויס אַנגסט געפונען, און ווי נישט קיין מלך, נאָר ווי איינער וואָס עפּעס בעטן קומט, און ווי נישט צו קיין אונטערטעניגן גאָר, נאָר ווי צו אַ גלייכן צו זיינעם. האָט דער אַלטער אויפן מלך גרויס רחמנות געקראָגן, זיך צו אים געקערעוועט אין רחמנותשאַפט און זיך פאַרנויגט פאַר אים מיט אונטערטעניגקייט, און אַזוי און זיך פארנויגנדיג, און אַזוי מיט געטריישאַפט און מיט איבערגעגעבנקייט מיט האַרציגן, האָט זיך צו אים אָנגערופן און ביי אים אַזוי געפרעגט:

— מלך און קרוין מיינע, ווי קומסט דו אַהער, און מיט וואָס קאָן דיר דינען?

— דינען נישט דינען, — האָט אים דער מלך טרויעריג געענטפערט, — אָבער מיט אַ בקשה צו דיר בין געקומען. און אָט מיט וואָסערער: ביי דיר איז אַ נאַכט־אורח פאַראַן, צו דיר איז אַ בעטלער געקומען, און מיט אַן אויסזעהן, גלייך ווי אַלע בעטלער, אָבער איזן איז ער נישט ווי אַלע, און מיין אומגליק דאָך ווייסט דו, און וואָס מיט דער מלכּה האָט זיך געטראָפן איז דיר ידוע, און ער קאָן אונז העלפן, און ער קאָן אונז אונזערע הערצער דערפרייען. בין איך צו דיר בעטן געקומען: שיק מיר דעם בעטלער.

— וועלכן, גרויסער מלך? — האָט דער אַלטער אַרום זיך פאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט, אין זיין שטוב געזוכט און נישט געפונען און נישט פאַרשטאַנען, — וועלכן?

— אָט־אָ דעם, און וואָס ער שלאָפט אָט דאָ, — האָט דער מלך דעם אַלטן אויף בבאן און אויף זיין אים־אַנטקעגן־שטייענדיגן געלעגער אָנגעוויזן.

און ... אַז דער אַלטער האָט די אויגן פון שלאָף און פון חלום אויפגעעפנט און פון זיין קישן און געלעגער זיך אויפגעהויבן, אַזוי האָט ער דערזעהן: ווי אין שטיבלע איז שוין גרויער טאָג און נאָך־דער־נאַכט געווען, און דאָס גרויקייט האָט דורך די פענסטערלאַך אריינגעקוקט און אויף די ווענט און אויף דער סטעליע שוין געבלאַסט; האָט זיך דער אַלטער פון זיין געלעגער אַ הויב געטאָן און בבאן, וואָס אַנטקעגן אים, שוין אַן אויפגעהויבענעם און אויפגעוואַכטן געטראָפן, האָט ער זיך אויף אים פאַרקוקט, און אויך בבא אויפן אַלטן, און ביידע האָבן זיך מיט די אויגן באַגעגנט און זיך עפּעס אָנגעקוקט מאָדנע, און דאַן און נאָכן איבערקוקן זיך פאַרטאָגיגן,

האָט זיך דער אַלטער געקערעוועט צו בבאן, זיך געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— מאָדנע, בעטלער, עפּעס זעהר מאָדנע ... ס'האָט זיך מיר וועגן דיר און וועגן אונזער מלך געחלומט, און דער מלך אונזערער האָט זיך צו מיר אין חלום באַוויזן, און דער מלך אונזערער האָט מיר דיר זאָגן געהייסן: ער רופט דיך, און ער לאַדט דיך אַיין צו זיך.

— אויף וואָס?

— אויף אים פון זיין אומגליק, פון וועלכן איך האָב דיר דערציילט, ארויסצוהעלפן.

און דער אַלטער האָט אויף בבאן געקוקט, און בבא האָט פאַרשטאַנען און מער שוין נישט איבערגעפרעגט דעם אַלטן, און בבא האָט זיך פון זיין געלעגער אויפגעשטעלט, זיך אָנגעטאָן און ווי צום וועג זיך גרייטן גענומען. האָט ער זיך אָנגעטאָן, און זיין שטעקן אין האַנט און זיין טאָרבע אויפן רוקן גענומען, און דאַן און נאָכן אָנטון און פאַרגרייטן־זיך בעטלערישן, האָט ער זיך צום אַלטן, און וואָס האָט די גאַנצע צייט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג, מיט אַכטונג און אָפּשיי שוין געקוקט, זיך געווענדט, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן אַלטן, האָט ער אים פאַר זיין גאַסטפריינטשאַפט און פאַר זיין נאַכטלעגער געדאַנקט, — און אזוי און אים אָפּדאַנקענדיג און אַזוי און מיט אים זיך אָפּגעזעגענענדיג, האָט זיך צו דער טיר און צו דער הויזיגער געלאָזט, אויף זי צו עפענען און אויף ארויסצוגיין פון טיר...

און בבא איז פון דער שטוב אַרויסגעגאַנגען, און בבא איז אין הויף אַריינגעקומען, און דאַן און פון הויף פון אַלטנס אויף דער גאַס נאָך פריהמאָרגנדיגער, איז נאָך אין גאַס שטיל און אָהנמענשנדיג געווען, און טיר און טויער נאָך צוגעשלאָסן, און לאָדן פאַרמאַכט, און מענשן נאָך געשלאָפן הינטער לאָדן;

האָט ער זיך פון יענער גאַס אויף אַ צווייטער געלאָזט און פון דער צווייטער אין אַ דריטער געקומען, זיינען שוין די ערשטע מענשן און די פריה־אויפשטייענדיגע אַרויסגעקומען, האָט זיך אין די הויפן שוין רירן אָנגעהויבן, און אויך אויף די גאַסן האָבן פון צייט צו צייט און איינציגע דורכגייער זיך געוויזן, איז אַזוי בבא געגאַנגען אין די גאַסן, און אַזוי און פון איינער צו דער אַנדערער שפּאַנענדיג, האָט לסוף אויך צו דער הויפּט־גאַס און צו דער לעצטער דערגרייכט, צו דער און וואָס דער מלך־פּאַלאַץ דאָרט געפינט זיך, און אַהין, און וואוהין ער האָט באַדאַרפט צו האָבן.

און בבא איז צוגעגאַן צום פּאַלאַץ און בבא האָט באַלד דעם שומר וועגן זיך צו וויסן געבן געהייסן: און אַזוי, און אַזוי, אַ בעטלער דאַרף דעם מלך האָבן, און די זאַך איז נישט אויף צו זאַמען, און זאָל מען אים דערום מעלדן ת י כ ף, און זאָל מען אים דערום וואָס גיכער פאַרן מלך פאָרשטעלן.

איז אָבער אין פּאַלאַץ נאָך זעהר פריה געווען, האָט מען זיך נישט געאיילט און נישט אַזוי גיך צו וויסן געגעבן דעם מלך, דען דער מלך האָט שוין נישט גערוהט פון לאַנג, נישט פ אַ ר ן „האָבן״ און אויך נישט נ אָ כ ן „האָבן״, און ערשט ה י י נ ט ביינאַכט, און צום ערשטן מאָל, איז אויף זיין שטול און זיצנדיג אַנטשלאָפן געוואָרן; האָט מען אים נישט וועקן געוואָלט, און בבאן אַזוי אַ צייט פאַרן טויער געהאַלטן, איז ער געשטאַנען און אויסגעוואַרט און דערווייל אויפן מלכס אויפשטיין אַרויסגעקוקט. האָט זיך לסוף אויפגעכאַפּט דער מלך, פון זיין שלאָף און אין־דער־שטיל־זיצנדיגן, פון זיין אומ־באַקוועמען און פון נישט קיין בעטן־שלאָף, האָט ער פאַר זיך אַ דינער שוין אויף אים וואַרטנדיגן דערזעהן, האָט ער זיך געווענדט צום דינער: „וואָס אַזוינס, און וואָס איז געשעהן, און וואָס שטייט ער דאָ, און וואָס האָט ער אים צו זאָגן?״ —

האָט אים דער דינער איבערגעגעבן: אַזוי און אַזוי – און א בעטלער פאַרן טויער שטייט דאָרט ... און שוין פון לאַנג און פון פאַרטאָג נאָך, און ער וויל דעם מלך זעהן, און ער וויל פאַרן מלך קומען; און – ער זאָגט – ס׳איז נויטיג זעהר, און – ער זאָגט – ס׳איז ניט צו זאַמען די זאַך״.

האָט דער מלך באַפוילן דעם דינער: „און זאָל ער גיין, און זאָל ער אים ברענגען, און זאָל ער אים אין פּאַלאַץ אריינ־פירן, און מער אים נישט פאַרהאַלטן פאַרן טויער, און תּיכּף און דער מלך וועט נאָר אויפן קינד אַ קוק טון, און דער מלך וועט זיך באַלד צוריק, און באַלד אויף אים אויפצונעמען זיך אומקערן״. און דער מלך איז פון זיין שטול אויפגעשטאַנען און אין צימער, וואו דאָס קינד איז געלעגן, אַרויסגעגאַן, און דער דינער האָט זיך פון זיין אָרט אָפּגעטיילט, און מיטן מלכס באַפויל צו בבאן און צו פאַר דעם טויער זיך אַוועקגעלאָזט.

און בבא איז אין מלך־צימער אַריינגעבראַכט געוואָרן, און דאָרט אַליין געלאָזט געוואָרן; האָט דער מלך זיך נאָר אַ ווײַלע געזאַמט דאָרט ביים קינד, און געקוקט דערויף און ווי נעכטן און איינעכטן דאָס געטראָפן, און נישט געבעסערט און נישט געערגערט און אין זעלבן שטאַנד און אין דער זעלבער לאַגע איז עס געלעגן; האָט ער עס באַטראַכט און געשטאַנען איבער דעם אַ ווײַלע, און נאָר שטיל געזיפצט און פאַרן אוועקגיין אויך אויף דער אַלטער באָבע, וואָס איז נעבן דעם געזעסן, אַ קוק געטאָן; האָט ער זי באַטראַכט אין זיצן, און באַלד, און מער זיך שוין נישט זאַמענדיג, האָט פון דאָרט זיך און צוריק, אין צימער און אין זיין פריהערדיגן אומגעקערט.

האָט ער שוין דאָרטן בבאן און אויף אים אַ וואַרטנדיגן שטיין געטראָפן, איז ער אַזוי געשטאַנען און ווי מ׳שטייט פאַר אַ מלך, האָט אים דער מלך דאַן באַטראַכט און געקוקט אויף אים און אויף זיין אונטערטעניגקייט און אויף זיין נישט־היגיג־

קייט און זיין פרעמדקייט־דאָ אין דער מדינה, און דאַן און נאָכן אָפּבאַטראַכטן אים לענגערן, האָט זיך צו אים געקערעוועט און ביי אים „וואָס ער דאַרף“ אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דאַרף ער, און מיט וואָס איז ער געקומען?

— צום מלך און מיט אַ הילף פאַרן מלך.

— מיט אַ הילף? – האָט זיך דער מלך פאַרוואונדערט.

— יאָ, גרויסער מלך: – כ׳האָב וועגן דיין גליק און דיין אומגליק געהערט, ווי ס׳איז ביי דיר אַ קינד און אַ לאַנג־געוואַרטס געבוירן געוואָרן, אָבער אַ שלאַפס און אַ ספק־לעבעדיגס פון געבוירן, בין איך צו דיר אַצינד געקומען, און מיט אַ הילף און מיט אַ היילונג פאַר דיין קינד.

— און אין וואָס באַשטייט דיין היילונג?

און בבא האָט דעם מלך וועגן זיין שפיגעלע און וועגן די אייגנשאַפטן פון דעם דערציילן גענומען, ווי אַזוי מ׳שטעלט דאָס פאַרן פנים פונם קראַנקן אַוועק, און ווי אַזוי דאָס שפיגעלע דעם טויט־באַשערטן – דעם טויט באַלד ברענגט, און דעם, וואָס איז לעבן אָנגעצייכנט – באַלד צום לעבן קערט אום, און אַז אין דעם פאַל און ער איז ז י כ ע ר – און דאָס שפיגעלע וועט ה י י ל ן דאָס קינד, און דאָס שפיגעלע וועט דעם קינד געזונט און לעבן ברענגען.

— און פון וואַנען אַזוי זיכער? – האָט ביי אים דער מלך געפרעגט.

און בבא האָט דאַן דעם מלך זיין חלום דערציילט, און אויך דעם סוף און אויך דעם צוזאָג פון חלום: אַז ער זאָל גיין און אַז מ׳וועט אים רופן, און אַז ער זאָל טון און דאָס שפיגעלע אויסניצן; האָט ער געפאָלגט און עס געטאָן און אויפן רוף איז געקומען.

— און ווער האָט אים גערופן?

— דער חלום־חלומער און דורך אַ צווייטנס חלום.

און דאָ האָט ווייטער בבא די מעשה מיטן אַלטן און מיט ז י י ן חלום דערציילט, ווי דער אַלטער האָט אים איבערגעגעבן, ווי אַזוי דער מלך איז צו אים אין חלום געקומען, און געבעטן ביי אים, ער זאָל אים, דעם אורח זיינעם, דעם בעטלער, און אין זיין פּאַלאַץ שיקן, האָט ער אים אויסגעפּאָלגט און געהערט, האָט ער געטאָן און אין זיין שליחות געגאַנגען.

האָט דער מלך בבאס דערציילן און זיינע חלומות אויס־געהערט, האָבן זיי זיך אים אויפן האַרצן און אויפן זינען געלעגט, האָט ער זיך צו זיי צוגעהערט און נאָך אַ מאָל און אַ צווייט מאָל איבערגעפרעגט, און בבא האָט אים נאָך אַמאָל דערציילט און מיט קלאָרקייט און מיט פּראָסטקייט מיט גרויסער, האָט דער מלך געגלויבט אין בבאן און תיכף און אַלע האַרן און דאָקטוירים צו וויסן געבן געהייסן: און אַלע האַרן און די דאָקטוירים זאָלן קומען און זאָלן זיין בשעת מעשה; האָבן די דינער באַלד די ידיעה צעטראָגן, און פון איינעם צום צווייטן און געאיילט אַרומגעלאָפן, און געיאָגט זיך און מיטן באַפויל פון מלך, און אַלע זאָלן זיי זיך אין קינדער־צימער צונויפ־זאַמלען: און אַזוי און אַזוי — און דער מלך גלויבט אין בעטלער – און וואָס גיכער, און וואָס שנעלער, ווייל דער מלך פאַרלאָזט זיך אויף אים.

איז אַזוי געווען: און אַלע הויף־לייט און די דאָקטוירים האָבן זיך באַלד אין קינדס צימער צונויפגענומען און אַרום קינדס בעטעלע זיך אַרומגעשטעלט, און בבא איז אַנטקעגן קינד און צו דעמס צופוסנס געשטאַנען, און אויך דער מלך און אויך די באָבע די אַלטע זיינען דאָרט געווען; האָט דאַן בבא די טאָרבע, וואו דאָס שפּיגעלע איז געלעגן, צעשנירעוועט און פון דאָרטן עס אַרויסגענומען, האָט ער זיך מיט דעם איבער דעם קינד איבערגעבויגן און דאָס אַנטקעגן פנימל דעם אַוועק־געשטעלט, האָט ער דאָס אַזוי שטיל און געהאַלטן אַנטקעגן,

און באַלד און נאָכן האַלטן, און נאָכן זאמען מיט דעם לענ־
גערן, אַזוי האָבן דערזעהן און באַמערקט דאַן אַלע, אַזוי האָבן
דאַן אַלע אָט וואָס דערזעהן:

האָט זיך דאָס פּנימל ביים קינד צו רויטלען און זיך פאַרבן
גענומען, און אַ לעבעדיג אויסזעהן און אַ פרישס און ווי
נאָר וואָס געבוירן באַקומען; האָט עס דערנאָך אויך מיט
הענטלאַך און מיט פיסלאַך רירן אָנגעהויבן און זיי צו ציהען
און פאָראויס זיי אויסשטרעקן, האָט זיך ביי דעם אַלע
ווײלע אין אַן אַנדער אברל לעבן באַוויזן, און אַלע
מאָל אַלץ מער און מער און מיט גאַנצן קערפערל און
מיטן שוין רירעוודיגן האָט זיך באַוועגט; האָט עס דער־
נאָך און נאָך לאַנגן רירן און דרייען זיך מיט גלידערלאַך, אויך
די אויגעלאַך, די ביז אַהער פאַרמאַכטע, אויפגעעפנט, אויפ־
געעפנט און מיט זיי זיך ווי אין איין פונקט און אין שפיגעלע
זיך פאַרקוקט, אַהין אַריינגעקוקט און א צייט אַזוי און שטיל
געלעגן, און דאַן, און נאָכן אריינקוקן און נאָכן שטיל ליגן
וועניגן, האָט עס מיט אַ מאָל און דאָס מײלעכל און דאָס
פּנימל פאַרקרימט און פלוצים – און מיט אַ געשריי, מיט אַ
קינדערשן און מיט אַ פּיצל־קינדערשן, אַרויס, אַרויס און ...
אין אַ געוויין זיך פאַרגאַן ...

– צו דער ברוסט און צו דער מלכּה! – האָט די באָבע
דאַן אויסגעשריגן און איבער דעם קינד זיך אָנגעבויגן, דאָס
אויף די הענט אַ נעם געטאָן, דאָס פון וויגעלע ארויסגענומען
און גלייך צו דער מלכּה און אין צימער פון מלכּה דאָס אַרויס־
געטראָגן.

און דאָס קינד איז צו דער מלכּה געבראַכט געוואָרן, און
דאָס קינד האָט זיך צו דער מלכּהס ברוסט צוגעכאַפּט, און
דאָרשטיג און ווי פאַרחלשט פון לאַנג, און געריג און הונגעריג
זעהר, צוגעכאַפּט, און ווי פאַרלוירן זי באַלד, פאַרלוירן און

צוריק מיט אימפעט געזוכט און געפונען די ברוסט־טרויב׳ און אַזוי זי פאַרלירנדיג און אַזוי זי זוכנדיג און געפינען איילנדיג׳ האָט שוין לסוף צו זויגן און מיטן גאַנצן אָטעמל׳ מיטן גאַנצן אָטעמל און צו זויגן אָנגעהויבן···

און די מלכה איז דאַן מוטער געוואָרן׳ און דער מלך דאַן – אַ פאָטער׳ און די מלוכה האָט אַ יורש באַקומען׳ און דער גאַנצער פּאַלאַץ – אַן אוסזעהן אַן אַנדערן: אַ לעבעדיגן און אַן אויפגעלעבטן׳ אַ צופרידענעם און אַ פרייליכן זעהר׳ איז די פרייד און די בשורה באַלד אויף א ו י ס ע ר ן פּאַלאַץ און אויף גאַס און אויף גאַנצער הויפּט־שטאָט אַרויס׳ האָט דער עולם באַלד די טרויער־פאָנען און שוואַרץ־פאָנען אַראָפּגענומען׳ און אויף זייער אָרט פרייד־פאָנען און פאַרביגע אויפגעהאַנגען׳ האָט זיך דער עולם און אַ ג ר ו י ס ע ר זעהר און אויך פאַרן פּאַלאַץ זיך צונויפגעקליבן׳ און גערעשט און געטומלט׳ און געיובלט און געשאַלט און געווינשעוועט דעם מלך; האָט מען אים דערנאָך אויך אַרויסגערופן פון פּאַלאַץ׳ איז ער אַרויס־געקומען׳ און ביי זיין איין זייט מיט דער באָבע דער אַלטער׳ און ביי זיין צווייטער פון בבאן פון דעם בעטלער באַגלייט; האָבן זיי אים באַגלייט פון ביידע זייטן׳ און הינטן און הינטער זיי האָבן זיך די הויף־לייט און די מקורבים אַלע׳ די גוטע פריינט פון מלך און אויך די דאָקטוירים אַלע באַוויזן; האָט ער זיך דאַן אַזוי פאָרגעשטעלט׳ דער מלך׳ האָט ער דעם עולם פאַר זיין ווינשעווען און פאַר זיין גליק־אים־באַגערן גע־דאַנקט׳ געדאַנקט און זיך פאַרנויגט פאַר אים און זיך געגריסט און מיט גרויס פרייד מיטן עולם׳ און דאַן, און פריהער אויף בבאן און דערנאָך אויף דער אַלטער אָנווייזנדיג׳ האָט דעם עולמס קוק און דעם עולמס אויפ־מערקזאַמקייט אויף זיי געקערעוועט׳ אויף זיי אָנגעוויזן און אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסן, עולם, אַז דער עיקר פריינט מיינע, די וואָס האָבן אונז די פרייד פאַרשאַפט און אונזערע הערצער דער־פרייט, זיינען אָ ט אָ די און אָ ט אָ ד אָ שטייענדיגע; און פריהער דעם, וואָס אין הימל אויבן, און דערנאָך זיי האָבן מיר אונזער גליק און אונזער פרייד צו פאַרדאַנקען.

האָט דער עולם אויך דער אַלטער באָבען און אויך בבאן אָפּגעדאַנקט, צו זיי אַרויפגעשריגן און מיט הענט און מיט היט זיי געפּאָכט, צו זיי אַרויפגעפּאָכט און געהויכט און געקרוינט זיי אויף אַ פּאָלקס אופן; האָט מען זיי אַזוי און אויך אַ לאַנגע צייט פאַרהאַלטן אויפן גאַניק און צוריק און אַריינגיין זיי נישט געלאָזט, — „און זאָלן זיי זיך נאָך פאַרהאַלטן, און זאָל דער עולם זיך נאָך אָנקוקן אין זיי״, — און דאַן, און אַז דער עולם האָט זיך אָנגעקוקט און באַנוגנט שוין מיט קוקן, האָט זיך דער מלך, דערנאָך די באָבע די אַלטע, און דאַן אויך בבא אויס־געקערעוועט, זיך צום עולם אויסגעדרייט, און אין דער מיט, און פון הויף־לייט און מקורבים אין דער וואַרע דער געמאַכטער דורכגייענדיג, זיינען זיי דורכגעגאַנגען, האָבן זיי זיך צו דער טיר, און פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעקומען, אומגעקערט, און צוריק אין פּאַלאַץ, און צוריק אין די צימערן פון פּאַלאַץ אַריינגעגאַנגען.

האָט דער מלך דאַן בבא׳ן אין אַן עס־צימער, פּאַר אַ טיש און מיט אַלעם גוטן געגרייטן געבראַכט, און אים אַוועקגעזעצט פאַרן טיש, דער מלך אַליין אויף זיין אָרט פון תּמיד, און בבא׳ן האָט ביי זיין זייט און ביי זיין רעכטער האַנט געזעצט; איז דאָרט אַ סעודה און אַ גרויסע געווען, און אַלע האַרן און אַלע אָנגעזעהענע פון דער מלוכה זיינען גערופן געווען צו יענער סעודה, האָט מען דאָרט מאכלים און משקאות דערלאַנגט, און אַזוינע, וואָס אויך ביים מלך זיינען זעלטן, זיך פאַרגעניגן און וואויל־טאָג אָנגעטאָן, און געגעסן און געטרונקען און געפרייט

זיך בשעת עסן; און דער מלך האָט די גאַנצע צייט אונטער־געהאַלטן בבא׳ן, אַלע ווײַלע זיך דערמאָנט אָן אים, און זיך צו אים געקערעוועט און אים פאַרגעניגן אָנטון געוואָלט: און דאָס בעסטע, און דאָס שענסטע, און זאָל ער זיך פרייען, און זאָל ער צוליב טון דעם מלך. און לסוף, און אַז די סעודה האָט זיך געענדיגט, און לסוף, און אַז די סעודה האָט זיך ביים ענדיגן געהאַלטן, האָט זיך דער מלך געקערעוועט צו בבא׳ן און הויך און פאַר אַלעמען, און אַזוי געזאָגט, זיך צו אים קערעווענדיג:

— און איצטער, בעטלער, וואָס דיין מויל וועט אויסרעדן! און ווייס: און קיין זאַך וועט מיר נישט טייער זיין, און קיין זאַך מיר נישט חשובער, פון דיר און פון דיין וואָרט איצט אַרויסגערעדטן.

— גאָרנישט, מלך, און ק י י ן זאַך דאַרף איך, - האָט דאַן בבא אויפן מלכס פאָרשלאַג, אויף זיין אויפגעלייגטקייט און אויף זיין אַל־באַצאָלן־גרייטקייט אָפגעענטפערט.

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער מלך פאַרחידושט און צו בבא׳ן און דערנאָך צו אַלע, וואָס זיינען ביים טיש געזעסן, מיט חידוש־אויגן זיך געווענדט.

— אַזוי און אַזוי, גרויסער מלך: קיין מתנות דאַרף איך נישט, און אין קיין זאַך נויטיג איך זיך נישט, און וואָס דאַרף דען גאָר אַ בעטלער?

— און גאָלד און זילבער און חפצים און אַנדערע טייער־קייטן?

— ניין, ליבער מלך: דאָס גרעסטע טייערקייט איז מיר דאָס, וואָס ביי דיין טיש איצט זיץ; דאָס גרעסטע גליק מיינס איז דאָס, וואָס איך האָב ד י ך באַגליקט, און מער דאַרף איך נישט, און מער גייט מיר נישט אָפּ אַצינד.

און דאָ האָט בבא דעם מלך בקיצור זיין געשיכטע און וואָס מיט אים האָט ביז אַהער פאַסירט, דערציילט, און אַז דריי

מלכים האָט ער דערפרייען באַדאַרפט, און אַז צוויי האָט ער שוין דערפרייט, און אַצינד און ער מוז זיך אין זיין וועג לאָזן, ווייל דער וועג איז אים נויטיג זעהר, און אויף איין אָרט און ער קאָן זיך נישט פאַרהאַלטן מער.

האָט דער מלך דאַן פאַרשטאַנען בבא׳ן, האָט ער זיך פון אים צו באַשענקען אָפּגעזאָגט, און אים נאָר אַ צייט און ביי אים אין פּאַלאַץ זיך אָפּרוהען געבעטן. האָט זיך בבא אויך פון אָפּרוהען אָפּגעזאָגט, און אויך פאַר דעם געדאַנקט דעם מלך. האָט זיך שוין די סעודה געהאַט געענדיגט, איז שוין דאַן פאַרנאַכט און אין עס־צימער טונקל געווען, האָט זיך בבא פון זיין אָרט דאַן אויפגעהויבן און מיט די אויגן זיין טאָרבע, וואָס האָט אין דער פריה אין קינדער־צימער איבער־געלאָזט, געזוכט; זיך מיט די אויגן אַרומגעקוקט און זי דאָרט נישט געפונען; האָט ער שוין ביים מלך אַן ערלויבעניש גע־וואָלט בעטן, ער זאָל אים אין קינדער־צימער לאָזן: ער האָט דאָרט זיין טאָרבע פאַרגעסן. האָט זיך אָבער אין דער מינוט אַ טיר פון איינעם אַ צימער, און וואָס אין עס־צימער פירט אַריין, אויפגעעפנט, און אויף דער שוועל פון צימער האָט זיך די אַלטע באָבע מיט אַ זאַך אין האַנט, און אין עפּעס איינגע־וויקלט, זיך באַוויזן; איז זי אַריינגעגאַן, און אויף דער שוועל שטיין געבליבן, האָט זי זיך אין עס־צימער, אין טונקל גע־וואָרענעם און אויף דעם פאַרנאַכטישן, אַרומגעקוקט, און צווישן עולם געזוכט און צווישן די געסט די ביי די זייטן־טיש זיצנ־דיגע, און פון איין זייט־אָרט צום צווייטן און פון איין בענקל צום אַנדערן מיט די אויגן אַרומגעגאַן; האָט זי, וואָס זי האָט געזוכט, נ י ש ט געפונען צווישן עולם, האָט זי זיך דאַן צום מלך־אָרט און צום אויבן־אָן געווענדט און דאַן, און אויך אויף דאָרט איר קוק אָנגעשטעלט, האָט זי דאָרטן בבא׳ן שוין אַ זיך־אויפהויבנדיגן דערזעהן, אַ זיך־אַרומקוקנדיגן און עפּעס זוכנ־

דיגן, אַ זיך אַרומזועהענדיגן און נישט געפינען דאָס געזוכטע, האָט זיך דאַן די אַלטע געקערעוועט צו בבא׳ן, האָט זי זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— האַלט אויף, בעטלער, האַר נאָר אויס און אייל ניט.

און דאָ איז די אַלטע פון דער שוועל פון צימער, פון וועלכער זי איז אויף איר געשטאַנען און די גאַנצע צייט אויף איר זיך אויפגעהאַלטן, אַראָפּגעגאַן, איז זי צו בבא׳ן צוגעגאַן, האָט זי אים די זאַך, וואָס זי האָט אין דער האַנט געהאַלטן, אויסגעשטרעקט, האָט זי עס אים דערלאַנגט און אים אַזוי גע־זאגט, דאָס דערלאַנגענדיג:

— דאָס איז א וואָלף־ציינדל, בעטלער, נעם עס און ס׳וועט דיר צו נוץ קומען... דאָס האָב איך פון מיינע עלטערן באַ־קומען, און מ י י נ ע עלטערן — פון ז י י ע ר ע, און אַזוי פון דורות, און אַזוי פון דור־דורות, און די זאַך גייט ביי אונז פון פון האַנט צו האַנט איבער, און זאָל עס דיר א מתּנה זיין... און אַן אייגנשאַפט און אַ כח, זאָלסט דו וויסן, האָט אין זיך דאָס וואָלף־ציינדל, אַז אַלע הערצער קרעפטיגט עס, און אַלע מורא׳ס און שרעקן פאַרטרייבט עס פון אַ האַרץ, און ווער נאָר וואָס פאַר אַ פחד אָדער מורא ס׳האָט, און ווער נאָר וואָס פאַר אַן אומרוהה אים באַאומרוהיגט, דער זאָל דאָס אויפן האַלז און אַ שטיקל צייט נאָר טראָגן — און דער אומרוהה וועט זיך פון אים אָפּטאָן, און דער פחד און די מורא וועלן ביי אים ווי מיט דער האַנט צוגענומען ווערן, נעם עס...

האָט דאַן בבא געדאַנקט דער אַלטער, ביי איר דאָס וואָלף־ציינדל צוגענומען און איר אַ צווייט מאָל געדאַנקט. האָט ער זיך דאַן צום מלך שוין געקערעוועט: און זאָל ער אים אין קינדער־צימער אָפּגיין ערלויבן, און ער וויל פון דאָרט זיין טאָרבע נעמען. האָט עס אים דערלויבט דער מלך, איז אַהין בבא אַוועקגעגאַן אויף אַ ווײלע, זיך אַ שטיקל

צייט פאַרזאמט אין צימער, און ביז ער האָט אין דער טאָרבע דאָס צײנדל אַרײנגעלעגט, און ביז ער האָט דערנאָך די טאָרבע אויף זיין רוקן פאַרנומען, און דאַן, און שוין אָנגע־טאָן מיט טאָרבע, און דערנאָך און אויך שטעקן אין האַנט אַריין נעמענדיג, האָט ער זיך צוריק אין עס־צימער, וואו דער מלך מיט אַלע געסט האָבן זיך געפונען, אומגעקערט; האָט ער זיך באַלד פאַרן מלך אַוועקגעשטעלט און זיך אָפּגעזעגנט מיטן מלך, האָט אים דער מלך געזעגנט און אַלע גליק־ווינשונ־גען אים געוואונשן; האָט ער זיך דערנאָך אויך מיט אַלע געסט און אויך מיט דער באָבע דער אַלטער געזעגנט, און אויך די געסט און אויך די באָבע האָבן אים געבענשט און געווינשעוועט; האָט ער פון אַלע די אים גוטס־באַגערנדיגע די ברכות פאַרנומען און זיך אויסגעקערעוועט צו אַלע, און דאַן, און נאָכן זיך אויסקערעווען, און דעמאָלט און פון צי־מער יענעם און אויך פון פּאַלאַץ אַרויסגייענדיג, האָט שטיל און אין פאַרנאַכט שוין אין שפּעטן אויף גאַס און אין הויפּט־שטאָט זיך געטראָפן...

* *

*

און בבא איז פון דער הויפּט־שטאָט אַרויסגעגאַן, און אויך די צווייטע מדינה פאַרלאָזט, און בבא האָט זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט, און זיך ווידער וואַנדערן גענומען, און ווייטער פון אָרט צו אָרט און פון איין אונטער־הימל־פאַרנעם צום צווייטן געגאַנגען, און ווידער האָט ער פון צייט צו צייט אין פעלדער און אין ישובלאַך קליינע זיך אָנגעשלאָגן, פלעגט ער זיך אין זיי אָפּשטעלן, און אַ מאָל נאָר אַ נאַכט, און אַ מאָל אַ נאַכט אויך מיט אַ טאָג דאָרט פאַרברענגען; פלעגט ער דאָרט אָפּזיין, וויפיל ער פלעגט, דערנאָך אויך פון זיי אַרויסגיין, אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט און אויף אָוונט אין פעלד,

און אַמאָל אין אַ פֿאַרטאָג און ערב דער זון־ליכטיקייט דער אויפֿשײַנענדיגער; פֿלעגט ער זיי אַזוי איבערלאָזן און אין די פֿעלדער אין די ווייט צעעפֿנטע, אין די אָהן־בוימערדיגע און אין די אָהן־וועלדערדיגע זיך אַוועקגיין, און האָריזאָנטן זייַנען פֿאַר אים צעשפּרייט און אָפֿענע געלעגן, און הימל און ערד ביי האָריזאָנטן פֿלעגן זיך מיט גאָרנישט נישט פֿאַר־שטעלטן פֿאַר אים פֿאָרשטעלן; — און אַזוי און זיך דאָרט אַרומדרייענדיג, און אַזוי און אַ צייט דאָרט אַרומבלאָנקענדיג, פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אויף אַ פֿעלד און אויף אַ מיט אַ מאָל זיך פֿאַרהאַלטן; זיך דאַן אויף דער ערד אַראָפּלאָזן און די טאָרבע מיט זיינע זאַכן צעשנירעווען, פֿון דאָרט זיין שפּי־געלע און זיין כּישופֿדיגס אַרויסנעמען, און שטיל און אין דעם אַריינקוקנדיג, פֿלעגט אַמאָל אויף זיין. פֿאַרגאַנגענהייט אַ קוק טון, און זעלטן ווען אַמאָל אויך וועגן זיין צוקונפֿט, און וואָס אים שטייט פֿאָר פֿרעגן.

אזוי איין מאָל און אַזוי עטליכע מאָל, און אַזוי אַ סך מאָל, און זינט בבא איז פֿון דער לעצטער מדינה אַרויסגעגאַן. און בבא איז שוין מיד געוועזן פֿון וועג, און בבא׳ן האָט זיך די גאַנצע צייט קיין טרעפֿעניש נישט געטראָפֿן און קיין באַ־געגעניש נישט באַגעגנט, נישט קיין מענש, וואָס זאָל אים אַנטקעגן קומען, און נישט קיין פֿאָרער און גייער, וואָס זאָל אים פֿון הינטן אָניאָגן; האָט ער זיך עלנט און ווי אַ פֿאַרגע־סענער אַרומגעדרייט און אויך קיין ישובֿן און אויך קיין וואוין־ערטער נישט באַגעגנט; האָט ער דערפֿון גרויס צער געהאַט, און יסורים און זאָרגן זיינען אים באַפֿאַלן. האָט ער זיך אַמאָל און אין אַ טאָג אַ מיטן אויף אַ פֿעלד זיך אָפּגע־שטעלט און פֿון וועג זיך פֿאַרהאַלטן און שטיין געבליבן, און אין טאָג אין ליכטיגן, אין פֿעלד אין פֿרייען, אונטער זון און אונטער שיינענדיגקייט איר גרויסער; האָט ער זיך אַזוי אויפֿ־

געהאַלטן און געזאַמט אַ ווײַלע און עפּעס וועגן זיך, און עפּעס ווי אויך וועגן חוץ־זײַן־לאַגע געטראַכט, האָט ער זיך ווי עפּעס באַדענקט און באַראָטן טראַכטנדיג, האָט ער זיך דערנאָך און ווי עפּעס דערמאָנט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַזוי געזאָגט:

– דאָס שפּיגעלע, בבא... זאָל דאָס ווײַזן, זאָל דאָס זאָגן, וואָס שטייט דיר פּאָר און וואָס וועט דיר טרעפן אין גיכן.

און בבא האָט זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און די טאָרבע זײַנע צענומען, פון דאָרטן דאָס שפּיגעלע אַרויסגע־נומען און אין דעם קוקן און אין דעם זיך אײַנקוקן אָנגעהויבן, האָט דאָס שפּיגעלע געזאַמט און געוואַרט אַ צײַט און אַ צײַט זיך נישט געביטן, און דאָס אויסזעהן נישט געענדערט; איז דאָס, ווי תּמיד, קליין און גלאַנציג געווען, ליכטיג און נאָר די זון און נאָר דאָס טאָגעדיגקייט דאָס זוניגע אָפּגעשפּיגלט, האָט עס פון דעם הימל אויבן נאָר אַ שטיקעלע, אַ בלויס און ריינס באַווײַזן, אַ העלס און אַ לויטערס און מיט אַ זו־נעלע אין הימל און אין אַ ווינקעלע אין אַ ווײַט־פּאַררוקטן; האָט דערויף בבא געקוקט, אויפן זונעלע, אויפן קיילאַכדיג־קייט און קליינקייט דערפון און אויף דעמס בלאַסקענדיגקייט און אויף דעמס פײַער־פינקלען אין בלאַסקען, האָט ער אַזוי באַמערקט, דערויף קוקנדיג, ווי שטיל און אונטער דעם זונע־לע, פון אונטער הימל און פון ווײַטסטן דאָרט, האָט זיך עפּעס אַ וואָלקנדל און אַ ווײַס באַוויזן, אַ קליינס און ווי אַ רויכעלע נאָר, אַן אָפּגעריסנס, און ווי ס׳מאַכט זיך אויף אַ הימל; איז דאָס אַרויסגעקומען, און אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען אַרויסקו־מענדיג און זיך נישט גערירט און נישט אָפּגעגאַן פון אָרט, – און דאַן, און נאָכן אָנקומען און נאָכן באַווײַזן זיך, האָט זיך עס צענומען פּאַמעליכן, און אַ רײַטער און אַ ווײַטער רײַטער אויף אַ פערד און פאַר בבא׳ן האָט זיך פאָרגעשטעלט.

און דערזעהן האָט בבא דאָס פערד און אויף דעם פערד דעם רייטער זיצנדיג, ווי שטיל און אין אַ בייטאָג אַ דאָרטיגן, אויף אַ גרעניץ ערגיץ, אויף אַ האָריזאָנט און ווי פּאַר אַ מדינה־אָנהויב דער רייטער אויף זיין פערד איצט זיצט; שטיל איז אויף דער גרעניץ אין האַלבן טאָג און אין העלער ליכטיגקייט, דאָס פעלד איז נישט באַזוכט פון קיינעם, נישט פון קיין מענשן און נישט פון קיין פויגל קיין דורכפליהענדיגן; און גרין איז דאָרט דאָס גראָז און באַדעקט און פאַרנעמט דאָרט אַלעס — און קיינער קומט נישט אויף דעם און קיינער ווייזט זיך נישט דאָרטן, און קיינעמס טריט באַטרעט נישט דאָס גראָז, און קיינעמס דורכפליה באַשאָטנט נישט דאָס טאָג־רו־היגקייט; אליין נאָר דער רייטער און איינער אויף זיין פערד זיין שטילן די גרעניץ און פון יענעם לאַנד דאָרט היט, און דעם טאָג און דאָס שטילקייט ביי גרעניץ און ביי אָנהויב גרעניץ באַוואַכט.

האָט זיך אין אים איינגעקוקט בבא, אין רייטער און אין ווייטן, אין רוהיגן און אויפן פערד דאָרט זיצנדיגן, אויף דער רייטער אויף בבא׳ן, האָט זיך געדאַכט, האָט צוריק אויף אים און אויף זיין אין־מיטן־פעלד־געפינען־זיך געקוקט; האָבן זיי געשוויגן און זיך אויפגעהאַלטן איניגע מינוטן, און מיט אַמאָל, און אין איין רגע – און בבא האָט זיין ע ר ש ט ן רייטער, דעם, וואָס האָט זיך אים אין זיין פריהער יוגנט נאָך באַוויזן, אין פעלד און ווען ער האָט דעם אַלטנס שטיבעלע און נאָך זיין טויט פאַרלאָזט, דערקענט, האָט ער זיך מיט אים איצט דערפרייט שרעקליך, האָט ער זיך צו אים מיט אַמאָל און אַ ריס טון געוואָלט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אים אַנטקעגן, האָט ער אָבער פאַרגעסן, אַז... דאָס איז אין שפּיגעלע נאָר דער רייטער... האָט זיך טאַקע און אין דער רגע אין שפּי־געלע די מראה געביטן, און פאַרווישט און נישט געבליבן איז

דאָס וואָלקנדל, און אָפּגעטאָן זיך און גלייך ווי נישט געווען גאָר, איז אויך דער רייטער נישט געבליבן פון אונטער וואָלקן, האָט דאָס שפּיגעלע גאָר ווי פריהער, גלאַט און גלאָזיג אויס־געזעהן, און די זון האָט אין דעם אַריינגעשיינט פון ווינקעלע, און דאָס קליינע הימל־שטיקעלע האָט זיך אָנגעזעהן מיט בלויקייט; האָט אין דעם בבא געקוקט, אין לויטערן, און — כאָטש דער רייטער איז שוין נישט געווען און פון רייטערס פערד שוין נישט קיין זכר, דאָך אַ האָפענונג און אַ לויטערע, אַ לייכטע און אַ הימלשע, איז ביי אים און אויך נאָכן פאַרשוואונדן ווערן פון זיי געבליבן.

און בבא האָט זיך אויפגעהויבן, און בבא האָט דאָס שפּי־געלע אין טאָרבע אַריינגעלעגט, די טאָרבע צוריק פאַרשני־רעוועט, און זיך אַוועקגעלאָזט מיט טאָרבע – און געגאַנגען און געגאַנגען, פון יענעם טאָג אין דער נאַכט אַריין און פון יענער נאַכט אויך אין צווייטן טאָג אויף מאָרגן, און געשפּאַנט און זיך שוין נישט אָפּגעשטעלט אין ערגיץ, און קיינע ישובן און קיינע דערפלאַך שוין נישט געזוכט, און ווי מער שוין נישט געדאַרפט און מער שוין נישט געגעזעגנט זיך אין די דערפלאַך, – און אַזוי און אַלץ ווייטער און ווייטער שפּאַנ־דיג, און אַזוי און נאָר הימל אויף קאָפּ און ערד אונטער די פיס האָבנדיג, און אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, געוואָגלט און געוואַנדערט, ביז איין מאָל...

און געווען איז דעמאָלט אַ בייטאָג אַ זוניגער, אַ ליכטי־גער און אַ העלער, אַ לויטערער און פול מיט העלקייט, האָט זיך דאַן בבא אין אַ פעלד געטראָפן, אין אַ גרויסן און אַ האָ־ריזאָנטיגן, אין אַ פרייען און אויף אַלע אַרומיגקייטן אַרום אָפן; איז ער אַהין אָנגעקומען און דאָרט אין דער מיט זיך אָפּגעשטעלט, איז דאָס פעלד דאַן ליכטיג און באַלויכטן גע־שטאַנען, האָט דערויף דאָס גראָז און דאָס גרינע געגרינט און

שטראַלן און פון דער זון אַראָפּגעקומענע האָבן געשטראַלט און געשפּילט אויפן גרינעם; האָט דאָרט דעמאָלט אַ שטילקייט געהערשט, אַ רוהיגע און אַ פעלדישע, אַ נאָך־האַלבן־טאָגעדיגע און נישט געשטערטע פון קיינעם, אַליין נאָר די היישעריקן, די פליגן־שפּרינגערס און די גראָז־זעגערס זיינען אַלע מאָל פון גראָז צו גראָז און פון איין פעלד־באַהעלטעניש צום אַנדערן געשפּרונגען, און אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט זיך פאַרהאַלטנדיג, האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, און געזעגן און געזעגן.

האָט זיך דאַן בבא אין פעלד און אין מיטן יענעם דערזעהן, האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן דערזעהענדיג, האָט ער זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדער זייט פעלד זיך אויסגעדרייט און אויף יעדער זייט מיט די אויגן זיך אָפּגעשטעלט; און לסוף, און נאָכן אַרומקוקן און נאָכן אַרומזעהן, האָט שטיל און אויפן האָריזאָנט דאָרט דעם שטילסטן, אויף דעם ווייטסטן און אין טאָג קוים־אָנגעזעהענעם, אַ רייטער און אויף אַ פערד דאָרט זיצן דערזעהן.

האָט זיך בבא אַ ווײַלע איינגעקוקט אין רייטער, האָט ער אים פון זיין אָרט אויף זיין פערד דאָרט זיצן באַטראַכט, האָט ער אים אָפּגעבאַטראַכט, און באַלד און נאָכן אָנקוקן אים שטילן, האָט ער זיין אָרט און זיין פעלדיש פאַרלאָזט, און גלייך און מיט דער מיט דאַן גייענדיג, האָט זיך צום האָריזאָנט, און וואו דער רייטער איז געשטאַנען, זיך אַוועקגעלאָזט. אונטערגעקומען, האָט ער דעם רייטער אין טאָג און אַ פאַרשמאַכטן אין טאָג געטראָפן, אַן אָפּגעלאָזטן און מיט לייצעס אָפּגעלאָזטע, אַ שווייגנדיגן און אַ קוקנדיגן און ווי געוויינט אזוי צו קוקן, — האָט זיך בבא צו אים דערנעהענט, האָט ער זיך צו אים און צו זיין שווייגעדיגקייט געווענדט, און אַזוי און זיך צו אים ווענדנדיג, האָט זיך אָנגערופן און מיט טאָג און מיט ברכה אים געבענשט:

— אַ גאָט־העלף, רייטער.

— גוט יאָר, בעטלער.

— און וואָס שטייט דאָ און אויף וואָס וואַרט דאָ דער רייטער?

— אויף בעטלערס און פון דער פרעמד אָנקומענדיגע.

— און אויף וואָס דאַרף ער די בעטלערס?

— דער מלך האָט געהייסן, און ער היט דעם באַפויל פון מלך.

— און אויף וואָס דאַרף דער מלך די בעטלערס?

— איבער אַ מעשה און איבער אַ זאַך איינער.

— און וואָס אַזוינס?

— ס׳איז אויף דערציילן און לאַנג זעהר, אָבער ער דאַרף און ער מוז דערציילן, און אויב ער וויל און באַגערט, זאָל ער אים אויסהערן און אַ ביסל צייט אים שענקען.

און בבא האָט באַוויליגט, און בבא האָט זיך שטיל פאַרן רייטער און פאַרן פערד אַוועקגעשטעלט, און דער רייטער איז פון אויבן געבליבן, זיין אָרט נישט געביטן און זיין געזעס נישט פאַרענדערנדיג, און שטיל און מיט אַ קול אַ פעלדישן, ווי מיט אַ פאַרדומפּענעם און ווי פון לאַנג שוין נישט געוויינט צו רעדן, האָט גלייך די מעשה אָנגעהויבן און אַזוי דערציילט:

— אונזער מלך איז אַ שטאַרקער און אַ מעכטיגער גע־ווען, פאַר זיין קול און זיין גבורה האָבן האַרן און חיילות גע־ציטערט, פאַר זיין שטאָלץ און אויסזעהן האָט דאָס פאָלק די קני געבויגן, צו זיין וואָרט און באַפויל האָבן מיילער און אויערן זיך צוגעהערט, און צו זיין ווילן און זיין באַגער איז קיין גרעניץ און קיין פאַרהאַלט נישט געווען...

האָט זיך דעם מלך אַ מאָל פאַרוואָלט: וואו אַ שטאַרקער און וואו אַ גבור אין זיין לאַנד, זאָלן צו אים און אין זיין הויפּט־שטאָט געבראַכט ווערן, ער וויל זיך מיט זיי ראַנגלען,

ער וויל מיט אַלעמען זיינע כּחות אויספּרובן. האָט מען עס אויפן גאַנצן לאַנד און אויף דער גאַנצער מדינה צו וויסן גע־געבן, און רייטערס האָבן זיך פון דער הויפּט־שטאָט אַרויס־געלאָזט און אין די נאָהענטע שטעט מודיע געווען, און די נאָהענטע — אין די ווייטערע, און אַזוי די ווייטערע — אין נאָך ווייטערע, און אַזוי אַלץ מער און מער, און ביז די ידיעה האָט זיך אין אַלע ווינקעלאַך פון דער מדינה צעטראָגן, און ביז דער ווילן דעם מלכס האָט ביז אַלע גרעניצן זיינע דער־גרייכט.

איז אַזוי געווען, האָט מען פון אַלע ערטער און פון אַלע עקן די פאַרוואָרפנסטע די געזונטסטע און די שטאַרקסטע אויס־געקליבן, און ווער נאָר ס'האָט געשמט אין זיין אָרט, און ווע־מען די איינוואוינער האָבן געקאָנט נאָר פאַר אַזוינעם, האָט מען זיי אויסגעקליבן, אויף הוצאות און אויף אַלע באַדערפע־נישן זייערע מיטגעגעבן: און זאָלן זיי גיין און זאָלן זיי פאָרן, און זאָלן זיי זיך פּרובן, און זאָלן זיי דעם מלך זייער גבורה באַווייזן. זיינען זיי געגאַנגען, געריטן און געפאָרן, און וויפיל מ'דאַרף רייטן און וויפיל מ'דאַרף פאָרן ביז דער הויפּט־שטאָט, — און לסוף און אַהין אָנקומענדיג, האָבן זיי זיך איינציגווייז און בינטלאַך־ווייז צום הויף און צום פאַר טויער פון מלך זיך צונויפגעקליבן, און יעדערער האָט וועגן זיין אָרט, און יעדערער האָט וועגן זיין קו־מען מודיע געווען. האָט מען זיי צוגענומען און פאַרשריבן, האָט מען זיי יעדערן זיין אָרט, וואו צו זיין און וואו צו איינ־שטיין אָנגעוויזן, און ביז יעדערנס רייה וועט דערגרייכן, און ביז צו אים און צו ראַנגלען זיך מיט אים זיין צייט וועט קו־מען, און דערווייל און זאָל ער זיך פריי זיין, און דערווייל און זאָל ער זיך, וואָס ער וויל זיך, טון. פלעגן זיי זיך צע־גיין, די אָנגעפאָרענע, פלעגט זיך יעדערער פון זיי אויף זיין

אָרט דעם־אים־אָנגעוויזענעם, און יעדערער אויף זיין באַ־שטימטן אַוועקגיין, האָט דאָרט יעדערער פאַרבראַכט, און ווי ס'האָט זיך אים געגלוסט צו פאַרברענגען, און געגעסן און געטרונקען און פאַרגעניגן זיך אָנגעטאָן, און יעדערער ווי ער האָט פאַרשטאַנען פאַרגעניגן, – און אַזוי און פריי און נישט־פאַרנומען זיינענדיג, און אַזוי און ליידיג און פוסט־און־בטל גייענדיג, פלעגן די גאַנצע טעג אין דער הויפּט־שטאָט זיך אַרומדרייען, און אַזוי און זיך אַרומדרייענדיג, גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אַלע פריידּ־הייזער און אַלע טרינק־ און לי־בע־שענקען מיט זיך אָנפילן...

און פון צייט צו צייט פלעגט אַן אַנדערער, און ווען זיין צייט איז געקומען, צום מלך און צו זיין הויף גערופן ווערן.

פלעגט ער אַהין אָנקומען, האָט מען אים פון דאָרטן, און אַ מענש, אַן אויפגענומענער אויף דעם, אַן אָנטון און אַ גרינגס אַזאַ מין, אַ לייב־קאָלירנדיגס און אַ שטייפס, אַ צו דער הויט צושטייענדיגס, אויף ראַנגלען זיך און מיט דעם אויף אַנטקעגן מלך אַרויסגיין, געבן; פלעגט מען אים איבער־טון, דעם גבור, און אויך זייפן און באַשיטאַכצן אַזוינע אַרויס־געבן, אויף די הענט גלאַט צו מאַכן, און אויף די לעפל־הענט צו אָפּטריקענען נאָכן גלאַט־ווערן; פלעגט מען זיי דאָס אַרויס־טיילן און זיי גרייט מאַכן צום אַרויסטרעטן, – און דאַן, און אַז דער גבור איז גרייט געוואָרן, און דעמאָלט, און אַז דער גבור האָט אַלץ שוין אָפּגעטאָן, פלעגט מען אים צו דער צייט, דער באַשטימטער, אין הויף אַריין און צו אַן אָרט אַ באַשטימטס ברענגען; איז דאָרט אַ צירק־בנין און אַ טעאַטער־געביי געשטאַנען – אַ קיילאַכיגער און אַ האַלב־עפּל־פאָרעמ־דיגער, און פון דריי זייטן אַ פאַרמאַכטער און נאָר די פערטע זייט, די וואָס איז צום קוק־פּלאַץ געקערעוועט־געווען, איז אָפן געשטאַנען; זיינען פאַר דער אָפענער זייט שורות בענק

ווייס־געפאַרבטע געווען, און אַהין פלעגט זיך דער עולם, דער
פון מלך־אַיינגעלאַדענער, זיך צונויפקלייבן; פלעגט מען דעם
גבור אין בנין אַריין, אין אָפענעם און פאַרן עולם זיך שוין
צונויפגעקליבענעם, ברענגען, פלעגט מען אים אַוועקשטעלן
פאַרן עולם, פלעגט דער מענש, דער דערויף אויפגענומענער,
דעם ג ב ו ר ס נאָמען און זיין ש ט אָ ט ס נאָמען אָנרופן, פלעגט
דער עולם שטיל באַטראַכטן דאַן דעם גבור, און מבינים האָבן
זיינע אברים און גלידער באַטראַכט, און אַ מאָל און אויך
אַנדערע, די שכנים זייערע און די נאָהענט־נעבן־זיי־זיצנדיגע
אָנגעוויזן אויף זיינע אברים; פלעגן זיי אים אַזוי באַטראַכטן
זיצנדיג, און אַ מאָל און אויך פון די ערטער זיך אויפהויבן,
אום זיין ג אַ נ צ ן אויסזעהן, זיין גוף־געביי און זיין שטאַלט
און שטאַט צו באַטראַכטן, פלעגט מען אויף אים אַזוי קוקן,
און אויך דער גבור, אויפן עולם, פלעגט זייער פאָרנעמקייט
און זייער פיין־באַרוהטקייט זעהן, זייער אָנגעטאָן און דאָס
האַלטן־זיך־זייערס, זייער יחוס הויפישן און זייער היימישקייט
און נאָהענט־זיין צום מלך, פלעגט ער זיי באַטראַכטן, — און
דאַן, און אַן ערשטער קלונג, — אין אַ טאַץ און אין נישט
קיין אָנגעזעהענער פאַרן עולם, — פלעגט וועגן מלכס אַרויס־
טרעטן און וועגן מלכס באַלד־אַרויסקומען קלינגען, אַ קלונג...
אַ וויילע און צוויי, און דער צווייטער קלונג... און דער גבור
פלעגט זיך אויף אַלע זייטן אַרומדרייען, און דער גבור פלעגט
זיך אויף אַרום־און־אַרום אַרומזעהן, — און דאַן, און דער דריי־
טער קלונג... און דער מלך פלעגט פון אַ קייט פון נישט
קיין געדיכטער און נישט פון פריהער פאָראויסגעזעהענער,
אָנקומען, אָנקומען און אויף יענעם אָרט, אַרויסקומען און
אַנטקעגן גבור זיך אַרויסווייזן...

און אַזוי פלעגט זיין: ווי נאָר דער גבור פלעגט דעם
מלך אין זיין אָנגעטאָן און אין זיין מלכותדיגן דערזעהן, אין

זיין רייכן און מיט גאָלד־פּליטערלאַך באַשײַנטן; און ווי נאָר דער מלך פלעגט זיך פאַר אים מיט זיין הויף און שטאָלץ פאָרשטעלן, מיט זיין קערפּער און פעסטקייט קערפּערליכן, מיט זיין פאָראויס־טרעטנדיגן און מיט זיין פאַרזיכערטקייט אויף געוויסן, און ווי דער מלך פלעגט דאַן אַזוי מיט זיין טראָט דעם דרייסטן צום גבור זיך דערנעהענטערן און מיט זיין בטיחות און אויפגעהאַלטנקייט אַנטקעגן און פאַר זיין פּנים קומען, — אזוי פלעגט דער גבור באַלד זיין מוט און זיין גבור־דיגקייט פאַרלירן, אַזוי, פלעגט ער זיך באַלד פאַר איינעם פון פאָלק, פאַרן מלכס אַן אונטערטעניגן און צו אים אַ געהאָרכ־זאַמען זיך דערפילן, און דאַן, און אַז דער מלך פלעגט צו אים זיין האַנט און אויף אָנהויבן, אויף מיט אים זיך אָננעמען און אויף זיך־ראַנגלען אויסשטרעקן, אַזוי פלעגט דער גבור אים שוין נישט קיין הענט און נישט קיין גבורדיגע, נישט קיין פאַרזיכערטע און נישט קיין באַגלויבטע־אין־זיך דעם מלך צוריק דערלאַנגען, נאָר ווי אַ פּאָר קנעכט און אַ פּאָר שוואַכע און מיט נאָכגעגעבנקייט און מיט אָפּגעלאָזנקייט מיט גרויסער, און מיט אַ פּנים צום מלך קוקנדיג, און מיט אויגן מיט אָהנ־מוטיגע און שוין אָהן דרייסטקייט פאַרן מלך; פלעגט אים דאַן אַ נעם טון דער מלך, פלעגט ער אים — איינס און צוויי — און ווי ער האָט געוואָלט, און ווי פאַר אים איז בעסער גע־ווען אים אָננעמען, אים אַזוי געהאַלטן און געקוקט אויף אים אַ ווײַלע, אים נאָך גרויסמוטיג און ווי נאָך צייט געגעבן, אויף זיך צו באַדענקען און ווי אויף צו זיך קומען, פלעגט זיך דער גבור באַלד באַדענקען און אָן זיין לאַגע און אָן זיין באַ־רוף זיך דערמאָנען, איז שוין אָבער דעמאָלט שפּעט געווען: דער מלך האָט דעם ערשטן טראָט שוין צו זיין גונסטן גע־מאַכט, דער מלך האָט די פאַרלוירנקייט פון גבור און פון די ערשטע מינוטן שוין אויסגעניצט; איז דער מלך אַצינד שוין

דער אָנהויבער און דער מאַכט־האָבער, דער אָנטרעטער און דער פון דער בעסערער לאַגע געווען, האָט ער אים אַ נעם געטאָן און אַרומגענומען, און אַ ווײַלע און צווײ און פאַרן עולם אים געהאַלטן, — און באַלד און נאָכן אַרומגענומען־ווערן פון גבור, פון מלכס קלעם און פון מלכס צאַמען אים אין קרעפ־טיגקייט, האָט שוין דער עולם אויך זיין רוקן־ביין זיך בויגן און אין אַלע זייטן זיך דרייען געזעהן, ווי דער מלך האָט אים אין איין זייט געדרייט, און ווי ער האָט אים אין דער צווייטער זייט געבויגן, און דער גבור האָט זיך געלאָזט, און דער גבור האָט זיך געמוזט לאָזן, — און דאַן, און נאָך אייניגע מינוטן אַזוינע, און דעמאָלט, און נאָכן געניטקייט און אָהנמעכטיג־קייט פון גבור, און דער גבור האָט שוין שוואַך און ווי אונטערגעבראָכן אויף צוריק און אויף דער פלייצע זיינער זיך איבערגעבויגן, און דער מלך דאַן איבער אים, און דער מלך האָט שוין אויף זיין מאַכטלאָזיגקייט געשמייכלט...

און דער מלך האָט איינגענומען, און דער עולם האָט גע־פלעסקעט דעם מלך, און דער גבור איז פאַרשעמט געווען, און דער גבור האָט זיך אויפשטיין געשעמט, און דער עולם האָט זיך אָפגעקערעוועט פון גבור, אום אים אין בושה נישט צו זעהן און אום אים אַליין אויף אויפהויבן זיך צו לאָזן, — און אזוי תמיד, און אַזוי אַלע מאָל, און אַזוי פון צייט צו צייט און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער גבור, און דער מלך האָט איינ־גענומען אַלע, און דער מלך איז פון אַלע ראַנגלערייען און מיט נצחון אַרויס, און די גבורים מיט בושה גרויסער, און די גבורים האָבן זיך איינס פאַרן אַנדערן געשעמט, ביז איין מאָל...

און געווען איז דאָס שוין ביים לעצטן מאָל, און אַלע גבורים זיינען אין הויפּטשטאָט נאָך געווען, ווייל קיינער פון זיי האָט נאָך קיין ערלויבעניש, אום די הויפּט־שטאָט צו פאַר־

לאָזן, נישט באַקומען, איז פון זיי נאָך נישט אָפּגעפּאָרן קיינער, און דער מלך האָט זיי געלאָזט אומיסטן, אום פּאַר זיי און פּאַר אַלעמען און מיטן לעצטן נצחון זיך צו באַרימען, האָט ער זיי אַלע זיין גרויס און גבורה ווייזן געוואָלט, האָט ער אַ באַפויל געגעבן, האָט דער מלך איבער דער גאַנצער שטאָט און אויסרופן געלאָזט: דער מלך וויל זיך צום לעצטן מאָל ראַנגלען, אָבער איצטיגס מאָל נישט נאָר פּאַר די הויף־לייט זיינע, נאָר אויך פּאַרן ג אַ נ צ ן פאָלק; און זאָל קומען, ווער סע וויל, און זאָלן יונג און אַלט קומען, און אַלע דאַרפן צום ראַנגל־אָרט צוגעלאָזט ווערן, און אויך די גבורים אַלע די שוין איינגענומענע און נאָך נישט אָפּגעפּאָרענע, זאָלן זיין.

איז אַזוי געווען: און דער טאָג איז באַשטימט געוואָרן, און די צייט פון לעצטן גבור־ראַנגל איז געקומען, און דאָס פּאָלק האָט זיך צונויפגעקליבן, און אויך די הויף־לייט און אַלע נאָהענטע פון מלך, און אויך די גבורים, און פּאַרן אָפּפאָרן פּאַר זייערן, האָבן אין דער גאַנצער צאָל און מיטן גאַנצן בינטל זייערן זיך צונויפגעזאַמלט.

און ס׳איז געווען, און א ו י ך דעם לעצטן גבור האָט מען זייפן און באַשיטאַכצן געגעבן, אום די הענט גלאַט צו מאַכן און אום דערנאָך זיי אָפּצוטריקענען נאָכן גלאַט־ווערן, האָט מען אויך אים און ווי אַלע פריהערדיגע אָנגעטאָן, אין גרינגן און אין לייכטן, אין לייב־קאָלירענעם און וואָס מ׳טראָגט בשעת ראַנגלען, האָט מען אויך אים נאָכן אָנטון אויף דעם ראַנגל־אָרט, וואו דער מלך דאַרף זיך ווייזן, אַרויסגעפירט; איז ער אַרויסגעגאַן, דער גבור, האָט דער עולם אים באַטראַכט און באַוואונדערט אין זיין גבורה, ווייל – נישט־געוויינליך שטאַרק און פעסט־געבויט איז ער געווען און אַ קערפּער און אַ זעל־טענעם האָט געהאַט, און הויך און ווי אַ שטאַם פון בוים איז געשטאַנען, אַ גלייכער און אַ שטאָלצער, מיט אַ נישט־גערירט־

קייט און מיט אַ האַלטן־זיך פון אַ שטאַם; האָט ער זיך אַרום זיין אָרט, אַרומגעקוקט, און אויפן עולם אויפן גרויסן, וואָס האָט זיך פאַר זיינע אויגן צונויפגעזאַמלט און אים באַטראַכט און אויף אים געקוקט מיט פאַרוואונדערונג; האָט ער גע־שמייכלט און שטאָלץ געווען און פאַמעליך די הענט געריבן און אויף דער מינוט פון מלכס אַרויסקומען געוואַרט. און גבורים האָבן צו אים פון זייערע ערטער געוואונקען און אים געלערנט און אים עצות געגעבן מיט זייערע אויגן־בליקן; האָט ער זיי געפאָלגט און געטאָן, ווי זיי האָבן אים געעצהט. האָט זיך דאַן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווי אַלע מאָל, אויך דע־מאָלט, דער קלונג אין דער טאַץ דער געוויסער, דערהערט, און נאָך דער ערשטער מינוט – דער צווייטער, און נאָך דעם צווייטן איז אויך דער דריטער געקומען, — און דאַן, און אַז דער דריטער קלונג האָט געקלונגען, האָט זיך דער מלך און אויך דעמאָלט פון אַן אָרט, און פון פריהער נישט קיין געריכטן, זיך אַרויסגעוויזן, און נאָך שענער און נאָך שטאַלטנער, און נאָך רייכער און נאָך אויסגעפּוצטער ווי אַלע מאָל, – און דער מלך האָט זיך אַנטקעגן גבור אַוועקגעשטעלט, און דער מלך איז אַנטקעגן זיין געגנער שטיין געבליבן.

און דערזעהן האָט דער מלך ד אָ ס מאָל, פּנים אל פּנים מיטן גבור זיך באַגעגענענדיג, ווי נ י ש ט ווי אַלע און ווי נישט די פ ר י ה ע ר ד י ג ע גבורים זעהט איצט דער גבור אויס; עפּעס רוהיגער און געזיכערטער, געלאַסענער און אויפ־געהאַלטענער האָט דער גבור איצט דעם מלכס זיך־אַרויסווייזן און אָנקומען באַגעגנט, און כ אָ ט ש פּאָלקיש־אונטערטעניג, און כאָטש כבוד־מלכות אים אָפּגעבנדיג, אָבער דאָך זיין חוב און זיין זאַך געדענקענדיג: וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און אַז דערויף איז דאָך געגאַנגען, און אַז דער מלך האָט דאָך אים אַרויסגערופן, און דער מלך אַ ל י י ן האָט אים אויף

ראַנגלען זיך מיט אים און ווי מיט ז י י ן גלייכן רשות געגעבן – דאַרף ער עס דערום געדענקען, דאַרף ער דאָס טאַקע פאַר דעם מלך באַווייזן, ווי אַזוי זיינע אונטערטאַנען פאָלגן און טוען זיינע באַפוילן, און א ו י ך אַ ל י י ן און קעגן מלך אַ פ י ל ו, אויב דער מלך האָט נאָר באַפוילן און געהייסן דאָס צו טון. האָט ער זיך אַזוי געטראַכט, און דער מלך האָט דאָס אויף זיין גבורס פנים געזעהן און האָט דאָס אין זיינע אויגן איבערגעלייענט, איז ער דערמיט צופרידן געווען, דער מלך, איז אים אויף זיין פנים אַ שמייכל, אַ קיניגליכער און אַן אַלץ־פאַרגעבנדיגער, איבערגעגאַן; און דאָך, און באַלד אָן זיין ראָלע און אָן זיין אָרט זיך דערמאָנענדיג, האָט באַלד דעם שמייכל און פון זיין פנים אָפגעטאָן, האָט באַלד מיט שטרענגקייט און מיט ערנסטקייט מיט גרויסער צום גבור זיך געווענדט און אַזוי, און זיך צו אים ווענדנדיג, האָט באַלד זיינע אויגן די שטרענג־באַפוילנדיגע, און זיינע בליקן, זיינע ווייטער־אים־זיך־פ אָ ל ג ן־הייסנדיגע, אויף אים אָנגעשטעלט...

האָט שוין אָבער דער גבור דעם מלכס שמייכל און דעם פריהערדיגן באַמערקט, האָט ער אים פאַרשטאַנען און אים אויסגעטייטשט צו זיין גונסטן, האָט ער זיך דאַן ווי דאָס וואָרט געגעבן: און אַז זיין שליחות זאָל בשלמות טון, און זאָל זיין, וואָס סע וויל זיך, און דאַן, און אַז דער שמייכל האָט זיך אָפגעטאָן פון מלכס פנים, און צו זיינע אויגן און צו זיין באַנעם דעם גאַנצן האָט זיך דער מלך־ערנסט און דאָס קיניג־שטרענגקייט אומגעקערט, האָט עס שוין דעם גבור נישט געאַרט, האָט אים שוין נישט אויסגעמאַכט דער מלך, האָט ער זיך שוין אויך אַ ל י י ן צעשמייכלט, און דערנאָך און אַז דער מלך איז צו אים צוגעטראָטן, די הענט אויסגעשטרעקט, מיט אים זיך אָנצונעמען זיי דערלאַנגט, האָט אים דאַן דער גבור אויך זיינע הענט אויסגעשטרעקט, פעסטע און באַגלויבטע, און פאַרזיכערטע און נאָר

דעם גבור אַליין געהאָרכזאַמע, האָט ער זיי אויסגעשטרעקט און דעם מלכס אָנגענומען, און דער מלך האָט אָנגעהויבן, און דער גבור איז נישט אָפּגעשטאַנען, און דער מלך האָט גוט דעם גבורס הענט פאַרכאַפּט, און יענער דעם מלכס – נישט ערגער און נישט ווייניגער פעסט; האָט דער מלך אויפן גבור דעם ערשטן אָנטריט געמאַכט און דער גבור האָט זיך נישט געלאָזט און דעם מלך פון דער ווייטנס געהאַלטן; האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און באַטראַכט אַ וויילע. איז דער מלך דאַן ערנסטער געוואָרן, און דער גבור האָט אַ שמייכלענדיגער אויסגעזעהן, האָט דער מלך דאַן און אַ צווייטן מאָל זיך גע־פרובט, און דער גבור איז אויך דאָס צווייטע מאָל בייגעשטאַנען, האָט אויך נאָכן צווייטן מאָל דער מלך אויפן גבור אַ קוק גע־טאָן און אים באַטראַכט אין שטרענגקייט: ווי ער רוהיג און זיכער האַלט זיך, געהיט און פאָרזיכטיג און אַלץ פון ווייטנס און מיט אַן אָפּשיי אַ זיכערן, און נישט אָנצוטרעטן אויפן מלך און גאָרנישט פאָרצונעמען פון ז י י ן זייט, און נאָר געפאָר־זיכטיגט און נאָר ווי אויף דער וואַך זיינענדיג און סכנה־אויס־מיידנדיג, האָט דאַן דער עולם פון די ערטער זיך אויפגעשטעלט און באַטראַכט דעם גבור, און אַלעמען איז ער נאָהענט גע־וואָרן, און אַלע האָבן זיך ווי אויף זיין זייט און ווי אויף גליק זיך געשטעלט, און דער עולם האָט זיך נאָך מער פאַראינטערע־סירט און געקוקט און נישט אויפגעהערט צו קוקן אויפן גבור, און אַלע האָבן אים ווי באַגריסט און אַלע האָבן אים ווי מוט אונטערגעגעבן באַגריסנדיג; האָט דאָס דער מלך דערפילט פון אויבן, האָט ער אויף איין רגע נאָר די אויגן פון זיין געגנער צוגענומען און אויפן עולם, אויפן פול־געפאַקטן און ענג־צונויפגעדריקטן און אויפן מיט־גרויס־אינטערעס־קוקנדיגן, זיי געווענדט, האָט ער באַמערקט: ווי אַלע אויגן זיינען פון א י ם אָפּגעקערעוועט, און אַלע בליקן זיינען צו דעם, וואָס אַ נ ט־

קעגן אים געווענדט, האָט עס אים פאַרדראָסן זעהר, האָט עס דעם מלך פאַרן האַרצן אָנגענומען, האָט ער באַלד ווידער די בליקן און אַנטקעגן זיין געגנער אָנגעשטעלט און אויף אים אַ בייזן בליק געוואָרפן, ווי אויף אַ קנעכט אויף זיינעם, און און וואָס מוז זיינע געפעליגקייטן טון, און ווי שוין נישט אויף קיין געהאָרכזאַמען און ווי אויף אַ ווידערשפעניגן אַנטקעגן, האָט ער אויף אים אַזוי אַ קוק געטאָן, צוריק דער גבור און אַנטקעגן מלך שטייענדיג, האָט דעם בליק דעם מלכס און נישט באַמערקט דאַן אפילו, ווייל נאָר מיט זיך און מיט זיין זאַך איז פאַרנומען געווען, אום נישט צו פאַרזעהן און אום נישט צו פאַרשפילן קיין רגע, האָט ער טאַקע נישט פאַרזעהן און נישט פאַרשפילט גאָרנישט, איז ער טאַקע זיכער געווען און אין דער לאַגע זיינער, — און דאַן, און צום דריטן מאָל, און... אַז דער מלך האָט זיך צום גבור מיט אימפעט און מיט אומגעריכטקייט אַ לאָז געטאָן, אים צו איבעררעשן און אים פון זיין רוהיגקייט אַרויספירן וועלנדיג; און אַז דער מלך האָט דעם גבור אַרום זיין רוקן אַרומגעכאַפּט, אום אים אין קלעם צו נעמען און מיט אים און, ווי ער איז געוויינט געווען צו טון, זיך באַגיין, האָט דער גבור דאָס אָבער פאָראויסגעזעהן, האָט ער זיך אָבער געריכט אויפן אומגעריכטן: האָט ער, בשעת דער מלך האָט אים אַרומגעכאַפּט, דעם מלך און נאָך בעסער באַצוואונגען, און מיט אַן אונטערנעם פון קערפּער, און מיט אַן־אויף־דער־ערד־זיך־פעסט־אָנשפּאַרן, און מיט אַן עטוואָס־אַ־הויב־טון דעם מלך און פון זיין אָרט און פון זיין באַשטאַנד אים רירן, און — איידער דער מלך האט זיך ווערן און עטוואָס גלייך־געוויכט צו באַקומען, גערירט, און — איידער דער עולם האָט פון די ערטער און פון דער צונויפגעדריקט־קייט פון גרויסער, וואָס פאַר אים קומט פאָר, און וואָס דאָ וועט באַלד געשעהן צו באַטראַכטן, געקאָנט, אַזוי איז שוין דער

מלך אין די הענט פון גבור אַן אײַנגעגנומענער און אַ שוואַך־מעכטיגער, ווי אין זײַן רשות איבערגעגעבן... און אַלץ וואָס ער וויל מיט אים טון קאָנענדיג, געווען; האָט אים דער גבור — איינס און צוויי, און אַ נעם און אַ דריי... און אין ד ע ר זייט און אין אַ צ ו ו י י ט ע ר אַ בויג געטאָן, און נאָכן בויג און נאָכן ערשטן פון מלך, איז שוין אויף זײַן רוקן און אַנטקעגן גבור, לאָזנדיג און עטוואָס איבערגעבויגן געוואָרן, איבערגע־בויגן און אויף אַראָפּגעלאָזט און אויף־דער־ערד־אויסגעצויגן־ווערן אַ גרייטער — אַ גרייטער, אָבער דאָך נ י ש ט אַראָפּ־געלאָזט, אַ גרייטער — און דאָך נ י ש ט אַנידערגעלעגט גע־וואָרן פון גבור.

— האַ... וואָס איז!? — האָט זיך בײַם גאַנצן עולם אַ זיפץ און אַ פאַרוואונדערונג, אַ נישט־פאַרשטיין־שרעק און א מורא אַ גרויסע זיך אַרויסגעריסן.

און דער גבור האָט דערווייל דעם מלך אויסגעגלייכט, און דער גבור האָט דעם מלך אויף זײַן אָרט אַוועקגעשטעלט, און דער עולם האָט זיך געאײַלט צו צעגיין, און אום נישט צו בלייבן דאָרט, וואָס גיכער. האָט מען דעם הויף פאַרלאָזט און דאָס אָרט, וואו דער מלך־און־גבור־געראַנגל איז פאָרגעקומען, איז דאָס אָרט דאַן ליידיג און פוסט אויפגעראַמט און נישט פאַרנומען געבליבן, אַליין נאָר דער מלך איז אויפן אָרט אויף יענעם און אין זײַן אַליין־פאַרבליבנקייט געשטאַנען, אַליין און פאַרלאָזט און אַליין און איבערגעלאָזט, אַזוי פון עולם פון גאַנצן, און אַזוי אויך פון גבור דעם־אים־אײַננעמענדיגן.

און דער מלך איז דאַן אין פּאַלאַץ אַריין, און דער מלך האָט זיך אין זײַן באַזונדער־צימער אָפּגעשלאָסן, און נישט צו־געלאָזט צו זיך קיינעם, און נישט הערן געוואָלט פון גאָר־נישט, און קיין האַר און נישט אויפגענומען, און קיין באַדינער נישט געעפנט; פאַרמאַכט און אָפּגעשלאָסן, אַזוי אַ טאָג און

צוויי, און מיט קיינעם זיך נישט זעהענדיג און קיינעם און נישט־אויפנעמענדיג; האָט ער די טעג קיין עסן נישט צוגענומען און די נעכט נישט שלאָפן געקאָנט, און די גאַנצע צייט און אין איין פאָרשטעלן זיך נאָר געהאַלטן – דאָס בילד: ווי ער איז אין די הענט געווען ביים גבור, און ווי אַזוי ער האָט זיך ווי אַ שוואַכלינג און אַן אײַנגעבראָכענער אין זיין מעכטיגקייט און אין זיין קרעפטיגקייט געטראָפן, און ווי ער האָט מיט אים, וואָס געוואָלט, געטאָן, און ווי ער האָט אים אַן איבערגעבויגענעם צו דער ערד צוגעבויגן, און ווי ער האָט אים געקאָנט אַראָפּלאָזן, און נאָר איבער מלך־כבוד אים נישט אַראָפּגעלאָזט. איז דער מלך ביי זיך זעהר אַראָפּגעפאַלן, האָט ער די גאַנצע צייט פון דער זאַך צו קלערן נישט אויפגעהערט, און די גאַנצע צייט און אין איין טראַכטן געהאַלטן, ווי אַזוי ס׳האָט ביים פאָלק אויסגעזעהן, און ווי אַזוי ס׳האָט די זאַך אין זיינע אויגן אויסגענומען; האָט ער דערפון גרויס צער געהאַט און אין אַ גרויסער מרה־שחורה און אין אַראָפּגעפאַלנקייט ביי זיך אַריינגעפאַלן, און נישט זעהן געוואָלט קיינעם, און נישט הערן באַגערט צו זיין טרייסטן, און נישט די רייד פון פריינט און נישט דאָס אויסרעדן פון די מקורבים; האָבן זיי זיך לסוף אָפּגעזאָגט פון אים, די מקורבים, האָבן זיי געזעהן, אַז זיי וועלן נישט פועלן גאָרנישט. און צו אים פריהער זיין הויף־דאָקטאָר און זיין לייב־אייגענעם צוגעשיקט, און דערנאָך אויך אַנדערע און אויך נישט פון הויף; האָט ער אָבער אויך זיין דאָקטאָר נישט געהערט, און אויך די אַנדערע און אויך זייערע רייד נישט פאַרנומען, און נישט די עצות זייערע בכבודיגע און אויך נישט די איינשמועסענישן און נישט די נאַרערייען פון די דאָקטוירים; האָט ער זיך נישט צוגעהערט צו דעם אַלעם און פאַרביי אויער נאָר דאָס דורכגעלאָזט, און נאָר געלאָזט זיי, און זאָלן זיי אָפּרעדן, און זאָלן

זיי, וואָס זיי ווילן, אָפּזאָגן, און זאָלן זיי זיך אַוועקגיין וואָס גיכער, – און דאַן, און אַז די דאָקטוירים פלעגן אים איבער־לאָזן און פון זיין צימער אַרויסגיין, אַזוי פלעגט ער זיך צוריק און אַליין מיט זיינע מחשבות און מיט זיינע ביז־אַהעריגע בלייבן, און פריי און באַפרייט פון אַלעמען, מיט זיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט און מיט זיין גאַנצער אַריינגעלאָזטקייט אין זיי.

און דער מלך האָט ווי פון דער קרוין זיך אָפּגעזאָגט, און דער מלך האָט זיך ווי פון אַלעם קרוינישן אַרויסגענומען, און דער מלך האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף קיין זאַך, און דער מלך האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט גאָרנישט, און נאָר אַזוי און אין זיין איינזאַמקייט, און נאָר אַזוי און אין זיין צימער אַן אָפּגעשיידטער, האָט בייטאָג און ביינאַכט מיט זיין מחשבה און מיט זיין מרה־שחורהדיגער פאַרבראַכט.

און פון דעם מלך האָט זיך דער שלאָף אָפּגעטאָן, און דער מלך האָט נישט רוהען געקאָנט, און אַז דער מלך פלעגט יאָ אַמאָל איינשלאָפן, פלעגן אים חלומות און פאָרשטעלונגען, אויסווייזענישן און שרעק דערשרעקן, און מרידות און אויפ־שטאַנדן פלעגן זיך אים אויסווייזן; פלעגט ער זיך פון זיי אויפ־כאַפּן, פלעגט ער פון בעט אַראָפּשפּרינגען און איבערן צימער און אין ביינאַכט אַרומלויפן, און מיט אויגן גרויסע, און מיט אַ האַרץ־דערשרעקט, און מיט אַ געדאַנק נאָך מער דערשראָקע־נעם, און מיט געדעכענישן און מיט דערמאָנונגען פון די אויס־ווייזענישן; פלעגט ער דערנאָך שוין נאָך מער מורא האָבן און אַ צייט און שוין נישט צושפּאַרן זיך אויפן בעטל, און זיך נישט צולעגן אויף דעם, און פאַר דער קישן און פאַר אויף איר אַנידערלעגן־זיך מורא האָבן, און אַזוי און אַרומלויפנדיג, און אַזוי און פאַר זיך אַליין און אַפילו פאַר אַנידערזעצן־זיך מורא האָבנדיג, פלעגט אַ מאָל אַ שעה און אַ מאָל צוויי, און

אַ מאָל אויך די גאַנצע נאַכט, און ביז דער טאָג, און ביז דאָס בלאַסקייט פון טאָג פלעגט צו אים אַריינקוקן.

אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לאַנגע, און דעם מלכס אייגענע זיינען אומרוהיג געוועזן, און דאָס גאַנצע הויז פון מלך האָבן זיך זיין צער צום האַרצן גענומען, האָבן זיי זיך אַלע און אינאיינעם צונויפגענומען, און זיך געעצהט און זיך געראָטן און וועגן מלך און וועגן זיין לאַגע אים פאַרגרינגערן געקלערט, און איינער האָט דעם אַנדערנס רייד און איינער האָט דעם אַנדערנס עצה אויסגעהערט; זיינען דאָרט אַ סך ראָטן און פאַר־שיידענע מיטלען פאָרגעלעגט געוואָרן, און צווישן זיי – אויך טאָקטערס און שפּרעכערס איינצולאַדן, אויף צו שפּרעכן און אויף אויסצוקייקלען דעם מלך; האָט מען דאָס געטאָן און זיי איינגעלאַדן, האָבן זיי געשפּראָכן און אויסגעקייקלט דעם מלך, און דאָס שפּרעכן זייערס האָט נישט פאַרגרינגערט און דאָס אויסקייקלען – און נישט געהאָלפן אויף גאָרנישט; האָט אַ צווייטער און צו הייליגע זיך ווענדן פאָרגעלעגט, האָט מען אויך זיין עצה געפאָלגט: האָט מען אייל און בוימל אין די געבעט־הייזער געשיקט, און געלט אויף נדבות – אויף די בית־עלמינס פון דער הויפּט־שטאָט, האָבן פאַרשיידענע הייליגע דעם מלך פאַרשיידענע קמיעות און סגולות געשיקט, און גראָזן אַזוינע און אַלערליי „שמירות" פאָרגעלעגט; האָט מען יעדערן פון זיי און געפאָלגט: און דעם מלכס האַלז איז באַהאַנגען געוועזן פון „שמירות" און דעם מלכס בעט איז פון קמיעות פיל אַרומגעלעגט געוואָרן; האָבן אָבער אויך די הייליגע נית געהאָלפן, און דער מלך איז ביי זיין פריהערדיגן און ביי זיינע פּחדים געבליבן, ביי די שרעקונגען די גרויסע, ביי זיינע נעכט די שלאָפלאָזע און ביי זיין חלומות־פאָרכט ביינאַכטן. האָט דעמאָלט און אַ לעצטער פאָרגעלעגט, האָט דעמאָלט אַ לעצטער און אָט וואָס געעצהט: זאָל מען אין נאָמען און

מיטן באַפויל פון מלך אויף אַלע גרעניצן פון דער מדינה, אויף אַלע זייטן און אויף אַלע עקן רייטערס און דינערס ארויס־שיקן; זאָל מען זיי ביי די גרעניצן אַוועקשטעלן, און זאָלן זיי שטיין, און זאָלן זיי טאָג און נאַכט דאָרט די בעטלערס און די דורכוואַנדערנדיגע וואַרטן; און זאָל יעדערער, און ווען ער וועט דורכגיין דערזעהן, די מעשה און מיט אונזער מלך דער־ציילן, און אויך בעטן און אויך פאָרלעגן, און אפשר ווייסן זיי און אפשר האָבן זיי אַ תרופה פאַר אונזער מלך. ווייל, — האָט צוגעגעבן דער עצה־געבער, דער לעצטער, — די וואַנדערער אויף אַלערליי וועגן גייען, די בעטלער פון אַלערליי לענדער קומען, און בעטלערס מיט פאַרשיידענע מענשן באַגעגענען זיך, און בעטלערס זיינען פאַרשיידענע פאַלן און צופאַלן ביי־געווען, און בעטלערס נאָר ווייסן, און בעטלערס נאָר קאָנען ווייסן...

און דאָ האָט דער רייטער זיין מעשה געענדיגט, און בבא'ן, וואָס איז פאַר אים און פאַר זיין פערד געשטאַנען, די פראַגע, און וואָס מ'האָט אים געהייסן פון מלך, די פראַגע, צוליב וועלכער ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, געפרעגט:

— אפשר ווייסט ער, און אפשר האָט ער געהערט אַזאַ פאַל, און אפשר האָט ער אַ תרופה פאַרן מלך?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „פאַרן מלך?" — האָט דעמאָלט דער מלך, דער, פאַר וועמען דער בעטלער האָט די גאנצע לאַנגע און ביז אַהעריגע מעשה דערציילט, אויסגעשריגן: — פאַרן מלך, זאָגסט דו? דאָס בין איך דאָך מלך! דאָס בין איך דאָך דער, מיט וועמען די גאַנצע מעשה האָט זיך געטראָפן, ביי וועמען דער שלאָף איז צוגענומען געוואָרן, און וועמען די שרעקן און פחדים זיינען באַפאַלן, און מיינע פריינט האָבן פאַר מיר עצות געזוכט, און איך האָב געטאָן אַלץ, און ס'האָט נישט געהאָלפן גאָרנישט,

און דאָס לעצטע האָב די רייטער צעשיקט און אויף די גרעניצן פון מיין מדינה זיי אַוועקגעשטעלט, – דאָס בין דאָך איך! – האָט דער מלך דאַן ווייטער און צום סוף אויסגעשריגן.

– און דאָס בין איך! – האָט אים דאַן דער בעטלער געענטפערט, – דאָס בין איך, ווען נאָמען ס'איז בבא, דאָס בין איך, וואָס בין אין פאַרשיידענע מדינות אויסגעווען און וואָס בין פאַר פאַרשיידענע מלכים געשטאַנען, און דאָס בין איך, וואָס האָב צוויי מלכים־הערצער שוין דערפרייט, און איצט בין צו דיר, אום אויך דיך און אום דיין האַרץ צו דערפרייען געקומען, און ווייס, מלך: און איך האָב אַ תרופה פאַר דיר, און איך האָב אַ היילונג פאַר דיין פחד, און מיין מיטל איז דיר באַוואוסט, און מיין היילונג ווייסט דו פון מיין מעשה שוין.

און דא האָט בבא זיין טאָרבע אויפגעשנירעוועט און פון דאָרט דאָס וואָלף־ציינדל אַרויסגענומען, האָט דאָס אויף אַ שנירעלע און אויף דעם האַלז דאָס אויפצוהענגען געהאַנגען, האָט ער דאָס דעם מלך און אין זיין האַנט אים אויסגעשטרעקט, האָט ער זיך מיט דעם צו אים געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

– טו עס אָן, מלך, און זאָל עס אויף דיר און אויף דיין האַלז דיר הענגען, און איך בין זיכער, און איך בין בטוח, און אַז דאָס איז דיין היילונג טאַקע, און אַז דאָס איז דיין געוויסע רפואה, און הייס, מלך, און מיר אַן אָרט און אין איינעם פון דיינע צימערן אָנווייזן, אויף איבערנעכטיגן און אויף אַ שטיקל צייט און אויף אָפּזיין מיט דיר, ווייל אַ שטיקל צייט וועל דאָ פאַרברענגען דאַרפן, און ביז דו וועסט געזונט ווערן, און ביז דו וועסט גענעזן ווערן פון מיין היילונג. און היינט, און ביי דער נאַכט נאָך היינטיגער, און דער שלאָף דיינער וועט זיך צו דיר אומקערן, און די מוראָ'ס און די שרעקענישן וועלן זיך אָפּטון פון דיין שלאָף. טו עס אָן...

האָט דער מלך דאַן בבא׳ן און זיינע ווערטער געפּאָלגט. האָט ער ביי אים דאָס וואָלף־ציינדל פון זיין האַנט צוגענומען און באַלד עס אויפן שנירעלע און באַלד און דאָס אָנגעטאָן אויפן האַלז. האָט ער דאַן אַ שמייכל געטאָן: אַ גלויבנדיגן און אַ באַגלויבטן. אַ גוטן און אַ פּאַרזיכערונגס־פולן: און זאָל ער נאָר געזונט ווערן. און בבא וועט זיין גוטס און באַלוינונג זעהן. און דערווייל. און ער דאַנקט אים זעהר. און דערווייל. און ער גלויבט אין זיין רפואה. און דער מלך האָט באַלד אָנגעקלאַפּט און צו זיך אַ דינער קומען גערופן. האָט זיך צו אים אין צימער באַלד באַוויזן אַ דינער. האָט אים דער מלך פאַר בבא׳ן און אויף נאַכטלעגער אַן אָרט אים אָפּפירן געהייסן. און צוגרייטן דאָרט אַלץ און פאַרזאָרגן דאָרט אַלץ. און אַלץ וואָס ס׳באַדאַרף דאָרט זיין און אַלע באַקוועמליכקייטן אים שאַפן. און אין דער פריה. און זאָל ער אויך אין דער פריה גרייט זיין. און אויך בבא׳ן אויך אין דער פריה באַדינען.

און בבא איז אין אַ צימער אָפּגעפירט געוואָרן. און בבא׳ן איז דאָרט אָנגעוויזן געוואָרן אַלעס. זיין נאַכט־געלעגער און זיין בעט־געבעט. און פאַרזאָרגט מיט אַלעס. און אַלץ און ווי ביי אַ מלך פּירט זיך. און דאַן. און נאָכן פאַר־זאָרגן און נאָכן פאַרגרייטן אַלע פאַר בבא׳ן. האָט זיך דער דינער אַרויסגעשלייכט פון צימער. האָט ער דאָרט בבא׳ן און אַליין געלאָזט. האָט זיך דאַן אויסגעטאָן בבא. האָט ער זיך פאַר אַ צייט און פאַר אַ לאַנגער זעהר אין אַ בעט און אַ ווייכן זיך געטראָפן. האָט ער זיך מיד און פון אויס־געמאַטערטקייט לאַנגן און פאַרגעסן תיכף. האָט ער. זיך נישט אויסקערעווענדיג און זיך נישט אויסדרייענדיג אַפילו. ווי געּ־לעגט זיך. — אַזוי געבליבן. און אַזוי און באַלד זיך פאַרגעסנ־דיג. איז אויף נאַכט און אין מידקייט איינגעשלאָפן.

און צו מאָרגנס, און אַז בבא האָט די אויגן געעפנט, און אין פענסטער שוין גרויסן טאָג דערזעהן, האָט ער נאָך אין אַלע איברים דאָס מידעניש און פון וואָגלען לאַנגן געפילט, האָט זיך אים נישט אויפשטיין געגלוסט, האָט ער זיך אָבער אָן אָרט, און וואו ער געפינט זיך, דערמאָנט, און זיין מבטיח־זיין דעם מלך און זיין צוזאָגן אים דאָס זיכערע, און אַז ער וועט שוין איינשלאָפן אויף זיכער, און אַז פון דער נאַכט, פון דער פאָריגער, וועט זיין באַרוהיגונג און זיין היילונג שוין קומען. האָט ער זיך דערמאָנט, האָט ער זיך פון זיין געלעגער אויפגעהויבן און פון בעט אַראָפּ און זיך אָנגעטאָן אין זיין אָנטון, דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן און אַ דינער צו זיך געפאָדערט. איז פאַר אים דער דינער געקומען תיכף, האָט ער אים אויף זיינע פאַרלאַנגען און זיינע וואונשן געפרעגט און באַלד גע־לאָפן און געטאָן זיינע פאַרלאַנגען. האָט ער זיך געוואַשן און ארומגערייניגט, בבא, און זיך צוגעגרייט, און טאָמער וועט אים דער מלך רופן, און אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגע־טרונקען דאָס אים־אויפגעגעבענע פון דינער, האָט ער טאַקע באַלד אַ באַפויל און דורך אַן אַנדער דינער באַקומען, און אַז פון מלך איז גערופן געוואָרן, און טאַקע באַלד און ער זאָל קומען פאַרן מלך.

און בבא האָט נישט געזאָמט, און צום מלך אַריינגעקומען, און בבא איז אויף דער שוועל שטיין געבליבן, און שוין ווי נישט דערקאָנט דעם מלך, ווייל אייסגערוהט און באַרוהט האָט שוין דעם פריהמאָרגן און נאָך דער נאַכט דער ערשטער דער מלך אויסגעזעהן, און שמייכלענדיג און אויפגעלעגט האָבן זיינע אויגן און זיינע בליקן געקוקט, האָט ער זיך צופרידן און ווי פון הנאה־פול געפילט, און פון זיין קערפּער און פון זיין באַנעם דעם גאַנצן האָט אויפגעלעגטקייט און צופרידנקייט אַרויסגעקוקט. האָט ער זיך שמייכלענדיג געקערעוועט דאַן

צו בבא׳ן און אַזוי און זיך צו אים קערעווענדיג, מיט גוט־מאָרגן און מיט ברכה אים געבענשט:

— גוט־מאָרגן, בבא־בעטלער!

— גוט־יאָר, ליבער מלך.

און דער מלך האָט בבא׳ן פון זיין נאַכט און פון זיין פאַר־ברענגען דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אין איר געהוהט און ווי אַזוי זי אָפּגעשלאָפן אין רוהיגקייט, און ווי אַזוי די גאַנצע נאַכט האָט זיך אים קיין איין חלום נישט געחלומט און קיין איין שלעכט־פאָרשטעלעניש האָט זיך אים ניט פאָרגעשטעלט; האָט ער אַזוי דערציילט און אויפגעלעגט געוועזן, האָט ער אויף בבא׳ן מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט געקוקט, און אַלע מאָל אים צו זיך מקרב געוועזן, און אלע מאָל און מיט אים זיך נאָהענט און נעהענטער געפילט, און אַזוי און אַ צייט מיט אים און אין יענעם פריהמאָרגן פאַרברענגענדיג, האָט אים דערנאָך און אויך אָפּגעלאָזט פון זיין צימער: און זאָל ער גיין און וואָס ער וויל זיך טון, און זאָל ער פריי זיין און, ווי ער וויל, פאַרברענגען, און נאָר בייטאָג, און נאָר צו מיטאָג, און זאָל ער זיך ווייזן, און אומבאַדינגט צו מיטאָג.

און בבא האָט געפאָלגט, און בבא האָט זיך דאַן באַפרייט פון מלך, און בבא האָט אין מלך־הויף אַרומשפּאַצירט, און בבא האָט דעם פּאַלאַץ און דעם מלכס אַרום־פּאַלאַץ באַטראַכט, אַזוי אַ שעה און אַזוי צוויי, אַזוי מערער און לענגער, און דאַן, און אַז די צייט פון מיטאָג איז געקומען, האָט זיך בבא צוריק אין פּאַלאַץ און אין זיין צימער אומגעקערט, און אויפן מלכס באַפוהל און אויפן מלכס אים צום־טיש־רופן גע־וואַרט.

און דער מלך האָט געשיקט נאָך בבא׳ן, און דער מלך האָט אים דורך אַ באַדינער גערופן, און בבא איז אין עס־צימער געבראַכט געוואָרן, און בבא׳ן איז אויף אַ בכּבודיג אָרט אָנ־

געוויזן געוואָרן, און דער עס־טיש איז שוין געגרייט געווען, און מיט אַלעם גוטן און מיט אַלעם רייכסטן אויסגעשטעלט, און עסנס האָבן שוין געוואַרט אויף איינגעלאַדענע, און משקאות אין די פלעשער שוין געפינקלט; האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, בבא, און נ ע ב ן אים און אַ ר ו ם אים זיינען שוין הויף־לייט און מלך־פריינט געזעסן; האָבן זיי זיך מיט אים צערעדט – און איידער דער מלך וועט זיך אויף דער שוועל וויזן – און אויף בבא׳ס לאַנד און אויף בבא׳ס מדינה אים אויסגעפרעגט, און ווי ס׳לעבט זיך דאָרט, און ווי ס׳פירט זיך, און וואָס פאַר אַ מנהגים, און וואָס פאַר אַ פירונגען זיינען דאָרט איינגעפירט; האָט זיי בבא דערציילט פון זיין מדינה, פון זיינער און אויך פון אַנדערע, וואָס ער האָט געזעהן, און וואָס ער איז זיי דורכגעגאַנגען אין וועג – האָט ער ביי זיי אויסגענומען, איז ער זיי זעהר געפעלן געוואָרן און חן און ליבשאַפט ביי זיי געפונען, ובפרט, און אַז זיי האָבן וועגן זיין זיין־דאָ, און צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער, געהערט, און אַז ער האָט אַ תרופה געבראַכט פאַרן מלך, און אַז דער מלך האָט שוין אויסגעפרובט די תרופה, און פון דער נאַכט און פון דער ערשטער שוין, און דער מלך האָט זיך גוט און אויפגעלעגט דערפילט, און היינט, און פון זינט זיין שלאַפקייט האָט זיך אים געמאַכט, האָט דאָס ערשטע מאָל צו זיך זיינע פריינט איינגעלאַדן און מיט זיי ביי אַ טיש און אינאיינעם פאַרברענגען באַוויליגט, – האָבן זיי אים נאָך מער געליבט און מיט נאָך מער אָפשיי און אויפמערקזאַמקייט אים אַרומגערינגלט, האָבן זיי אים וועגן אַלץ און וועגן זיין גאַנץ לעבן אויסגעפרעגט, און בבא האָט זיי געענטפערט און באַפרידיגט זייערע פראַגעס. האָט זיך דעמאָלט אויף דער טיר, וואָס פון איינעם אַ צימער אין עס־צימער פירט, דער מלך מיט זיין געשטאַלט זיך באַוויזן, אַן אָפגעזונדערטער און שוין־לאַנג־ניט־געזעהענער, אָבער שיין

און מלכותדיג, און ווידער און ווי ער פלעגט פאר זיין שלאָפּ־
קייט אויסזעהן, און אָפּגעפּאַלן נאָר אַ ביסל און פאַרפרעמדט
פאַרן עולם, אָבער צוריק און מיטן שטאַלט מיט זיינעם, און
ווי אויפן צום געזונט־ווערן זיך אומקערנדיג; זיך באַוויזן,
האָבן זיך די האַרן און די פריינט פון מלך פון די ערטער און
פון די בענקלאַך זייערע אויפגעשטעלט און שטיין געבליבן,
אַזוי שטייענדיג און באַגעגנט דעם מלך, און אויך בבא, און
אויך ע ר, האָט צווישן די זיך־אויפשטעלנדיגע און צווישן די
האַרן זיך געפונען. האָט דער מלך דעם גאַנצן עולם און די
אַלע זיך־צונויפגעקליבענע דאָרט באַטראַכט און געזוכט צווישן
עולם, און פריהער נאָר ווי איינעם און פריהער נאָר אַן אויס־
גענומענעם דאָרט דערזעהן געוואָלט, האָט ער אים דערזעהן —
בבא'ן — איז ער פון דער שוועל אַראָפּגעגאַן און צו אים צו־
געגאַן און דאָס פנים צו אים דערלויכטן, האָט ער אים באַ־
גריסט און צו אים געשמייכלט און אים פון זיין אָרט אָפּגעפירט
אין אַן אַנדערס, און נ ע ב ן ז י ך אים אָנגעוויזן, — און דאַן,
און אים דאָס אָרט אָנווייזנדיג, און דעמאָלט, און אויף יענעם
אָרט אים זיך זעצן הייסנדיג, האָט זיך ערשט אויך צו די האַרן
און צו די פריינט זיינע געקערעווענט, און פריהער מיט אַלע
אינאיינעם, און דערנאָך און מיט יעדערן באַזונדער זיך גריסנ־
דיג, האָט ער זיך געגריסט מיט זיי און אַלעמען זיין פריינט־
פריינטשאַפט אַרויסגעוויזן:

— זייט געגריסט, האַרן, - האָט דער מלך דאַן געזאָגט, —
זייט געגריסט און פאַר אַזאַ צייט אַ לאַנגער, וואָס מיר האָבן
זיך נישט געזעהן, און וואָס איך האָב זיך פאַר אייער געזעל־
שאַפט נישט געוויזן, אָבער די ס י ב ה איז דאָך אייך באַוואוסט
און די ש ו ל ד איז דאָך ניט דעם מלכס. און זייט וויסן, האַרן,
און אויך א י צ ט און דער מלך וואָלט נישט געווען מיט אַייך,
און אויך איצט און איך נישט אַ י י ע ר פנים און איר נישט

מ י י נ ס וואָלט געזעהן׳ ווען ניט אָ ט ד ע ר מענש׳ ווען ניט אָט דער ב ע ס ט ע ר פריינט פון מלך.

און דער מלך האָט די האַרן דאָס׳ וואָס זיי האָבן שוין פון פריהער׳ געוואוסט׳ דערציילט׳ דאָס׳ וואָס זיי זיינען ביי די דינערס׳ בשעת זיי האָבן זיי צום מלך גערופן׳ געוואוירע גע־וואָרן׳ ווען די האַרן האָבן זיי אויף דער ס י ב ה פון רופן גע־פרעגט׳ און יענע האָבן זיי דערציילט די סיבה; האָט זיי דער מלך דאָס נאָך אַ מאָל דערציילט׳ און די האַרן האָבן דאָס אויסגעהערט מיט כבוד׳ און צופרידן געווען און אויפגעלעגט זעהר׳ און אַלע מאָל אויף בבא׳ן און אויפן גוטס־טוער פון מלך זייערע בליקן געווענדט; האָט זיי דער מלך דאָס אָפּדערציילט׳ און אויך ע ר האָט זיך צו בבא׳ן געווענדט און אויף זיין אָרט אויף דעם אים אָנגעוויזענעם אים געטראָפן׳ נעבן זיך און ביי זיין רעכטער האַנט אין דער נאָהענט. האָט דער מלך דאַן אויך די האַרן סימנים געגעבן׳ און אויך יענע האָבן זיך אויסגעזעצט׳ און יעדערער׳ ווי תמיד און וואו ער זיצט בשעת סעודה; זיך אַוועקגעזעצט׳ און שטיל׳ און ווי אַלע תמיד׳ און בכבודיג׳ אָבער פרייליכער׳ ווי תמיד׳ האָט זיך איצט די סעודה — די שיין־געגרייטע און די שטיל־אָנגעריכטע – אָנגעהויבן.

און דער עולם האָט געגעסן׳ און דער עולם האָט גע־שמועסט בשעת סעודה׳ און דער עולם האָט געטרונקען און געטיילט זיך בשעת טרינקען – מיט אַלע נייס׳ וואָס האָבן זיך אין הויפּט־שטאָט געטראָפן׳ און מיט אַלע פאָרקומענישן׳ וואָס זיינען אין דער גאַנצער מדינה פאָרגעקומען׳ און נישט נאָר פון זיי־ער מדינה נאָר אויך פון אַנדערע׳ פון די נאָהענטע און פון די וויי־טע׳ און—וואָס מענשן׳ און וואָס דורכרייזנדיגע׳ האָבן דערציילט; און דער מלך האָט זיך אַיינגעהערט צום דערציילן׳ און דער מלך האָט זיך מיט אַלע נייסן אינטערעסירט׳ און איבערגעפרעגט די דערציילער און אויסגעפרעגט וועגן אַלעס׳ און קיין זאַך

און נישט דורכגעלאָזט, און אַלעס נויטיגס און אַלעס וויכטיגס פאַרנומען; און אַזוי און זיך דערציילנדיג און אַזוי און גוט און אויפגעלעגט זיך פילנדיג, האָט דער מלך אַלע מאָל אויך אָן בבא׳ן זיך דערמאָנט, און אויך צו אים זיך געקערעוועט, און אַזוי און זיך צו אים קערעווענדיג, האָט מיט אים יעדער מאָל אַ שמועס פאַרפירט, און אַלע ווילע אויף אים און אין אַלגעמיינעם שמועס אַריינגעצויגן.

האָט מען אַזוי פאַרבראַכט ביי דער סעודה, האָט זי זיך דאַן לאַנג אין דער נאַכט אַריין פאַרצויגן, זיך נאָכן טאָג און ערשט אין אָוונט שוין געענדיגט; איז מען דאַן אויפגעשטאַנען פון לאַנג־זיצן, האָט מען זיך דאַן מיטן מלך געזעגנט און אים אַ גאָר־פאַרבעסערונג און אַ גאָרע־היילונג געוואונשן; האָט דער מלך געדאַנקט, זיך אָפגעזעגנט מיט אַלע, און אויך צו בבא׳ן און צום לעצטן זיך געווענדט און מיט אַ גוטע־נאַכט און מיט אַ גוט־פאַרברענגען אים געבענטשט. און דאַן, און נאָכן מיטן קאָפ־שאָקלען און גרינג־פאַרנויגן זיך פאַר יעדערן, איז דער מלך דאַן פון עס־צימער אַרויס און צו זיך אַוועק־געגאַן, בבא — צו זיך, אום אויך די אַנדערע נאַכט דאָרט צו פאַרברענגען, און די האַרן — אַהיים, און יעדערער צו זיין הויז־געזינד אין די היימען.

און דער מלך איז אויך די צווייטע נאַכט געשלאָפן, און דער מלך האָט אויך די צווייטע נאַכט אין שלאָף פאַרבראַכט, און דעם מלך איז וואָס אַ טאָג אַלץ בעסער און בעסער גע־וואָרן, און דער מלך האָט וואָס אַ טאָג אַלץ געזינטער און אויפגעלעבטער אויסגעזעהן. און אַ וואָך איז אוועקגעגאַן — און דער מלך איז צוריק מענש און מלך געוואָרן, און צוויי וואָכן זיינען איבערגעגאַן און דער מלך האָט זיך צוריק צו זיין שטאַנד און צו זיין פריהער־לאַגע אומ־געקערט, און מיט מלוכה זיך אינטערעסירט און מיט אַלץ,

וואָס ס׳געהער צו מלוכה׳ און זיין אינטערעס האָט שוין געוואַקסן איצט׳ און קיין מינדסט און קיין קליינינגקייט האָט שוין נישט דורכגעלאָזט אָהן אינטערעס. האָט זיך פּאַר אים אין אַ טאָג דאַן אין איינעם בבא און צו אים מעלדן געהייסן׳ האָט מען אים געמאָלדן׳ און דער מלך האָט אים „אריינלאָזן״ באַפוילן׳ איז ער פּאַר אים געקומען׳ און פּאַר אים זיך אַוועקגעשטעלט און זיך פּאַרנויגט מיט כבוד׳ — און דאַן׳ און נאָכן פּאַרנויגן זיך געהעריגן׳ האָט זיך צו אים געקערעוועט און אַזוי געזאָגט צום מלך:

— מלך׳ דיין געזונט און דיין וואוילשטאַנד האָט זיך צו דיר אומגעקערט׳ און דיין פּחד און דיין מורא האָבן זיך אָפּגעטאָן פון דיינע געדאַנקען׳ און איך בין זיכער און בטוח׳ אַז דיין היילונג איז אַ גאָרע היילונג׳ און פעסט און באַגלויבט׳ אַז דיין רפואה איז שוין אויף דיין גאַנצן לעבן׳ און דערום און איך בין דיר איצט זאָגן געקומען׳ אַז מיין זיין דאָ איז איבעריג.

אָפּגעזאָגט — און אויפן מלכס ענטפער און אויפן מלכס פון זיין זייט זאָגן געוואַרט. און אַז דער מלך האָט געזאָמט מיטן ענטפער׳ און אַז דער מלך האָט זיך נאָכן זאָמען געקערט צו בבא׳ן און אים אויף איבערבלייבן און אים אין זיין הויז זיך נאָך פּאַרהאַלטן פּאָרגעלעגט׳ האָט זיך דאַן בבא נאָך אַ מאָל געווענדט צום מלך׳ האָט ער זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— פּאַרהאַלט מיך נישט׳ מלך׳ ווייל דו ווייסט דאָך׳ און איך האָב דאָך דיר דערציילט אין מיין דערציילונג׳ צוליב וואָס און צוליב ווען איך האָב זיך אויף דער וועלט געלאָזט׳ און אַז אין מלך־פּאַלאַץ וואַרט מען אויף מיר׳ און אַז אין מלכס פּאַלאַץ קוקט מען דאָרט אַרויס אויף מיין צוריקקערן׳ און דערום איז מיין בקשה פּאַר דיר׳ מלך׳ און דערום זאָלסט דו מיך נישט פּאַרהאַלטן דאָ מער.

— גוט, - האָט דער מלך נאָך שטילן אָפּשווייגן און נאָך שטילן איבערלעגן זיך אויף בבא׳ס געבעט מסכים געווען, און אויף זיין שטיין און האַלטן זיך פאר אים מיט ליבע און גע־טריישאַפט אַ קוק געמאָן, - גוט, בבא, גיי און זיי גרייט אויף מאָרגן, גיי און גרייט זיך צו צום אָפּגיין.

און דער מלך האָט אויך אויף מאָרגן און אַ צווייטע סעודה צוגרייטן געהייסן, און זאָלן זיך די האַרן צונויפקומען, און ווידער זאָלן זיך די הויף־לייט צונויפזאַמלען אַלע, ווייל דער מלך מיט זיין פריינט געזעגנט זיך, און דעם מלכס ווילן און באַגער, אַז אַלע זאָלן זיין בשעת געזעגענען.

איז אַזוי געווען: האָט מען אויף מאָרגן די סעודה צוגע־גרייט, און אַלע האַרן און איינגעלאַדן צו דער סעודה, און די סעודה איז אַ גרויסע געווען, און אַזוינע, וואָס זעלטן ווען מ׳מאַכט אַזוינע, און האַרן זיינען געקומען, און אָנגעטאָן און און באַצירט אין האַרנשאַפט: און האַרן זיינען אויסגעזעצט געזעסן, און אַלע ווי תמיד, און אַלע אויף די ערטער זייערע באַשטימטע. האָט זיך דער מלך דעמאָלט צום עולם און צו אַלע ביים טיש זיצנדיגע זיך געווענדט. האָט ער אויף בבא׳ן, וואָס איז דאַן ביי זיין רעכטער האַנט געזעסן, אָנגעוויזן און אויף אים דעם עולמס אויפמערקזאַמקייט און זייערע בליקן געקערעוועט, האָט ער זיך דאַן געקערעוועט צום עולם און זיי אַזוי געזאָגט:

האַרן און פריינט מיינע, דער פריינט מיינער גייט באַלד אָפּ פון אונז, דער פריינט אונזערער קאָן זיך דאָ נישט פאַר־זאָמען מער, דערום געזעגענען מיר זיך מיט אים היינט, דערום ווינשעווען מיר אים אַל־דאָס־גוטס אויפן וועג. אָבער מיט וואָס זאָלן מיר איר באַלוינען?

— מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט טייערקייטן און מיט אַל־פאַרמעגן, וואָס מיר פאַרמאָגן, — איז די האַרנס ענטפער געווען.

האָט דער מלך נאָכן ענטפער דאַן פון האַרן אויך צו בבא׳ן זיך געווענדט, האָט ער אויף אים זיין קוק אָנגעשטעלט, און אַזוי אויף אים קוקנדיג, האָט אויך, ווי אויף זיין וואָרט און אויך אויף זיין אַרויסגעזאָגטן געוואַרט.

— ניין, ליבע האַרן, — האָט זיך בבא דאַן אָפּגערופן, — קיין גאָלד און זילבער דאַרף איך נישט, און אין טייערקייטן און חפצים נויטיג איך זיך נישט, ווייל קיין גייער דאַרף נישט קיין איבעריגס, און פאַר אַ גייער איז דאָס שווער אין וועג; דערום דאַנק איך אייך, און דערום זאָג זיך אָפּ פון טייערקייטן.

— איז אויב אַזוי, ליבע האַרן, — האָט זיך דאַן דער מלך אָנגערופן, — אויב אין גאָלד און זילבער נויטיגט ער זיך נישט, און אויב רייכטימער און טייערקייטן זיינען אים שווער אין וועג, האָב איך פון זיינעטוועגן אַ זאַך אַן אַנדערע, האָב איך פאַר אים אַזוינס, וואָס וועט אים פאַרגרינגערן זיין וועג. און דאָס איז מיין וואָלף־פערדל, און דאָס האָט מיר, ווי איר ווייסט, האַרן, אַ ציגיינער און צו מיין קרוין־טאָג געבראַכט, און געזאגט האָט מיר דער ציגיינער, און געלערנט האָט ער מיך בשעת־דאָס־שענקען אַזוי: ביים וואָלף פעלט אַ צאָן אַ פעדערשטער, ביים וואָלף איז אַ צאָן אַרויסגעפאַלן; זעצט זיך אויף אים אַ מענש אַרויף, און האָט ער אַ צאָן אַ וואָלפישן, בינדט ער אים צו אַ לאַנגן שטעקן צו און האַלט אים פאַר די אויגן פון וואָלף, אַזוי וועט דער וואָלף פייל פון בויגן יאָגן, אַזוי וועט ער די גאַנצע צייט דעם שטעקן, וואָס פאַר אים, און נאָכן צאָן זיך נאָכיאָגן, אַזוי קאָן ער פאַר אַ טאָג און צוויי אַ גאַנצע מדינה און אַ גאַנצע לאַנד אָפּלויפן, אַזוי קאָן ער פאַר אַ צייט און אַ קורצער נישט נאָר איין מדינה, נאָר עטליכע אָניאָגן... און דאָס גיב איך איצט מיין פריינט און מיין היילער אַוועק, און אויך דעם צאָן, דעם וואָלפישן, מיט וועלכן ס׳האָט מיך געהיילט

מיין פריינט, און איך האָף און איך בין בטוח, אַז מיין פריינט וועט דאָס באַווילינגן, און איך גלויב און בין פאַרזיכערט, אַז מיין פריינט וועט דאָס אַ סך מיה און פיל וועג פאַרשפּאָרן.

און דאָ האָט דער מלך דעם עולם צו עסן און צו טרינקען און צו וואויל־פאַרגעניגן זיך אָנטון פאָרגעלעגט: זאָל מען עסן און זאָל מען טרינקען, און זאָל מען זיין פריינט באַעהרן, און זאָל מען אים אַ גליקליכע רייזע און אַ פריילין היים־באַגעגעניש ווינשן, און זאָל ער זיין געזונט און זאָל ער פאָרן געזונט, און ווי אַלע האַרן, און ווי אַליין דער מלך ווינשעוועט אים.

האָט מען געגעסן און געטרונקען און געפאָלגט דעם מלך, האָט מען באַעהרט און געווינשעוועט בבאן, און אויך בבא האָט צוריק געווינשעוועט. אַליין דער מלך האָט אויך געגעסן און געטרונקען און זעלטן־פריילין און זעלטן־אויפגעלעגט געווען, האָט ער זיך מיט בבאן און מיט זיין פריינטשאַפט געפרייט און אים די הענט געדריקט און אים געדאַנקט און באַהאַרצט זעהר. און דאַן, און נאָכן אָפּדאַנקען און נאָכן אָפּפרייען־זיך פון מלך, און נאָכן אָפּעסן און נאָכן אָפּטרינקען פון אַלע, האָט זיך דער מלך דאַן צו בבאן געקערעוועט און אים צו זיין רייזע זיך צוגרייטן געהייסן.

האָט ער אים געפאָלגט, בבא, איז ער באַלד פון הינטערן טיש אַרויסגעגאַן און צו זיך אין צימער אַריין, האָט ער דאָרטן זיין טאָרבע אויף זיין אַקסל גענומען און זיין שטעקן אין האַנט אַריין דעם גייערשן, זיך אַזוי אָנגעטאָן און מיטן אויסזעהן זיינעם בעטלערשן צוריק אין עס־צימער, וואו דער מלך מיט די האַרן האָבן אויף אים געוואַרט, זיך אומגעקערט. האָבן זיך דאַן אַלע צו דער טיר געקערט, און דאַן אַרויסגע־גאַנגען אַלע — דער מלך פאַרפריהער, און בבא נאָך אים, און נאָך בבאן — די האַרן אַלע, און נאָך די האַרן — די אַלע באַ־

דינערס פון מלך; זיינען זיי פון פּאַלאַץ אין הויף אַריין געקומען, און פון הויף צום עק פון הויף דאָרטן, צו אַ שטאַל אַ גרויסער, — צו אַ פּאַרמאַכטער און אַן אָפּגעזונדערטער פון אַלע בנינים, און וואָס אין דער שטאַל האָבן זיך פיל־פערד און פאַרשיידענע רייטוואָגנס געפונען; האָט מען זי אויפגעעפנט, די שטאַל, און אַהין אַריינגעגאַן אַלע, איז מען דאָרט פאַרביי אַ סך שטיי־ערטער און פערד־קאַמערן דורכגעגאַן און זיי אויסגעמיטן און פאַרבייגעגאַן, האָט מען זיך צו אַ ווינקל צו איינעם דאָרט געקערט, און דער מלך האָט דעם שטאַל־מייסטער אַ קעמערל, און וואָס איז פאַרשטעלט געווען, דאָרט עפענע געהייסן, האָט דער שטאַל־דינער געעפנט און פון דאָרט אַ וואָלף אַרויסגעפירט — אַ גראָהען וואָלף און אַ ווילד־זיך־האַלטנדיגן, מיט אַן אויסזעהן אַ הינטישן, אָבער גרעסער און לענגער פון אַ הונט; אַרויסגעפירט, האָט דער מלך אים אַ מויל־שלאָס אָנטון געהייסן — האָט מען אים אָנגעטאָן, האָט דער מלך דאַן פון זיין האַלז דעם וואָלף־צאָן אַראָפּגענומען און בבאן צום שטעקן צובונדן באַפוילן — האָט מען אים צוגעבונדן דעם צאָן, האָט מען דעם וואָלף אויסער שטאַל אַרויסגעפירט און איבער הויף און פאַר אַלע אים דורכגעפירט, איז מען מיט אים צום טויער צוגעקומען און פאַר אים אויפגעעפנט דעם טויער; האָט זיך דער מלך דאַן צו בבאן געווענדט און מיט אים זיך געזעגנט, געזעגנט און מיט אים זיך צעקושט, האָט ער דערנאָך אויך אַלע האַרן מיט אים זיך געזעגענען געהייסן און האַרן האָבן זיך מיט אים. האָט דער מלך דאַן בבאן אויפן וואָלף אויפגיין אָנגעוויזן — און בבא איז אַרויפגעגאַנגען; און דאַן, און אַז בבא האָט דעם שטעקן מיטן וואָלף־צאָן אין האַנט אַריינגענומען און אים פאַרן וואָלף און פאַר זיינע אויגן אויסגעשטרעקט, אַזוי האָט זיך דער וואָלף פון זיין אָרט און פון פאַר־טויער־שטיין אַ ריס געטאָן, און גיך און געשווינד, פון

פאַר מלך און פון פאַר האַרן פון מלך, בבאן אויף דער גאַס און זיין אויף־אים־רייטער אויף דער שטאָט אַרויס־געטראָגן.

— זייט געזונט, פאַרבלייבט געזונט, — האָט בבא, אויפן וואָלף שוין זיינענדיג, אויף דער גאַס זיך שוין טראָגנדיג, צו־ריק זיך אומקוקנדיג, מיטן מלך און מיטן גאַנצן עולם, וואָס מיטן מלך, זיך געזעגנט.

— פאָר געזונט און האָב אַ רייזע אַ גליקליכע! — האָבן אים דער גאַנצער עולם, דער ביים טויער שטייענדיגער, מיטן מלך בראש, נאָכגעשריגן.

און בבא איז אַוועקגעפאָרן, און אויפן וואָלף אַוועקגע־ריטן, און בבא איז פון דער הויפט־שטאָט אַרויס, און דאַן אויף יענער מדינה געקומען, און דער וואָלף האָט אים גע־טראָגן, און דער וואָלף האָט אים נישט אויפגעהערט צו טראָגן, און בבא האָט די גאַנצע צייט דעם שטעקן אויסגע־שטרעקט געהאַלטן און די גאַנצע צייט פון די אויגן פון וואָלף אים נישט צוגענומען; האָט ער זיך געטראָגן און געיאָגט, דער וואָלף, און געלאָפן, און ווי אַ ווינט אין פעלד, און גע־פלויגן און נאָך גיכער ווי אַ ווינט, און נישט אָפּגעשטעלט זיך אין ערגיץ, און נישט אָפּגערוהט אין קיין אָרט, און לסוף און אויך פון יענער מדינה אַרויס, און דאַן און אין אַ צווייי־טער געקומען, און אַזוי פון דער ערשטער אין דער צווייטער זיך טראָגנדיג, און אַזוי און פון דער צווייטער אין דער דריי־טער קומענדיג, איז לסוף אין לאַנד, און וואו בבא האָט גע־דאַרפט, געקומען, און אין דער הויפט־שטאָט, וואו דער מלך מיט זיין טאָכטער האָבן געוואוינט, פונקט צום פּאַלאַץ און פונקט צום טויער פון פּאַלאַץ געבראַכט בבאן...

און דערהערט און אַ רעש געוואָרן, און דאָס קול האָט דערגרייכט, און די ידיעה האָט זיך באַלד צעטראָגן אין פּאַלאַץ פון מלך ווענן אָנקומען פון בבאן. האָבן דאָס פריהער פּאַר אַלע די דינער דערהערט, און פון צימער צו צימער געלאָפן און איינס דאָס אַנדערע און זיך איבעריאָגן און איבערלויפן געוואָלט. זיינען זיי געלאָפן און ווי פּאַרסמט געיאָגט זיך, און אַלע האָבן אָהן אָטעם פון איין שלאָס דירות צום צווייטן זיך געטראָגן, און אַזוי און זיך טראָגנדיג, האָבן אַלע און זיך צונויפלויפנדיג, קוים די בשורה אויסגעשריגן און אַזוי און זי אויסשרייענדיג קוים די בשורה אַרויסגעבראַכט:

— בבא!!! בבא איז געקומען!!!

— און אַ געלויף און אַ טומל, און אַ ליאַרם און אַ גערודער איז באַלד דערנאָך אין פּאַלאַץ געוואָרן, און דער מלך איז באַלד אַרויס פון פּאַלאַץ, און בבא איז אים אַנטקעגן געלאָפן און אויף זיין האַרץ און אויף זיין האַלז אים געפאַלן, און דער מלך איז אין אָהנמאַכט געפאַלן, און בבא האָט אים אויפגעמונטערט פון אָהנמאַכט; אוןביידע זיינען זיי אין טאָכטער־צימער אַריין, און בבא האָט געקניהט פּאַר מלך־טאָכטער, און זיין געליבטע איז ווי פריהער און ווי ער האָט זי נאָך פּאַרלאָזט, געלעגן — מיט אויגן נאָך אויסגעגלאַנצטע און מיט קערפּער אויסגעצויגן און איבערגעדעקט ליגנדיג, און מיט אויגן נאָך גלייך און אין איין פונקט־קוקנדיגע און מיט איברים און גלידער נאָך נישט רירנדיגע פון לאַנג־ליגן. האָט זיך דאַן בבא אויפגעשטעלט פון קניהען, האָט ער באַלד זיין טאָרבע און מיט זיינע זאַכן אויפגעבונדן און באַלד פון דאָרט דאָס שפּיגעלע, און פון דער טרעפערין דאָס געשענקטע, אַרויסגענומען, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זיין געליבטער און עס געהאַלטן איר אַנטקעגן, האָט זי אין דעם געקוקט און נישט אויפגעהערט צו קוקן, און דערויף די אויגן

ווי אָנגעשטעלט האַלטנדיג און אַ צייט און זיי נישט צוגענו־
מען פון דאָרטן, האָט זיך ביי איר באַלד דאָס פּנים פאַרענ־
דערן גענומען, און אויך די אויגן — לעבעדיגער ווערן און
פון פאַרגלייזטקייט און פון אין־איין־פּונקט־קוקן אָפּגיין; האָט
זי דאַן דערזעהן פאַר זיך בבאן, האָט זי אַ פרייד און גוואַל־
דיגע אָנגענומען און פון אָרט, און פון איר ליגן פריהערדיגן
האָט זיך אַ ריס געטאָן, האָט זי זיך אַ זעץ־אויף און אַ הויב
געטאָן, און מיט אַ מאָל, און מיט אַ קול אַ שרעקליכן, מיט
אַ פרייד און ווי פון האַרץ זיך אָפּגעריסן צו בבאן און צו איר
געליבטן זיך אַ וואָרף געטאן:

— בבא! מיין בבא!...

און צו דער מלך־טאָכטער האָט זיך דאָס קול אומגע־
קערט, און צו דער מלך־טאָכטער - די יוגנט און דאָס לע־
בעדיגקייט אירס, דאָס יוגנטליכע, האָט זי אַ צייט בבאן פון
צו אָרעמען נישט אַרויסגעלאָזט, און בבא האָט אויך זי נישט
אָפּגעלאָזט, — און דאַן, און אַז זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט ביי־
דע, און דאַן, און אַז זיי זיינען זיך צעגאַנגען אויף אַ ווײַלע,
האָבן זיי זיך ווידער איינס דאָס אַנדערע אַרומגעכאַפּט, און
אַזוי און איינס צום אַנדערן צופאַלנדיג, און אַזוי און איינס
דאָס אַנדערע זיך האַלזנדיג און זיך נישט אָפּלאָזנדיג, האָבן
זיך געהאַלטן און אַ צייט און זיך נישט אָפּגעריסן ווידער...

און דער מלך האָט דאָס צוגעזעהן, און ביים מלך האָבן
זיך טרערן געגאָסן, און דער מלך האָט געקוקט אויף די
קינדער, און טרערן האָבן אים ריטשקעסווייז גערונען און
דערנאָך, און אַז זיי האָבן זיך שוין באַרוהיגט, די קינדער,
האָט דער מלך באַלד און צו זיין פריינט, צו זיין אַלטן און
געליבטן, און צו זיין שטערן־זעהער געשיקט, האָט ער אים
תּיכף קומען באַפוילן, און נאָך דעם שטערן־זעהער צו די
האַרן אַלע — און אַלע זאָלן זיך נאָך היינט און אין הויף צו־

נויפקומען, זיינען זיי געקומען אַלע און זיך געפרייט און שטאַרק מיטן מלך, האָט דער מלך צום שטערן־זעהער זיך געווענדט און ביי אים אַן עצה געפרעגט: צי זאָל מען באַלד די חופּה שטעלן, צי זאָל מען אויסוואַרטן מיט חופּה. האָט דער שטערן־זעהער „תּיכּף“ געהייסן, האָט מען זי געשטעלט; האָט מען זיך געפרייט, און ווי זעלטן ווען מען פרייט זיך, האָט מען אויך געהוליעט, און ווי זעלטן ווען מען הוליעט, און די קינדער האָבן זיך געליבט און צו ליבן זיך נישט אויפגעהערט, און דער מלך האָט געוויינט און נישט אויפגעהערט צו וויינען, און – אויך איך בין דאָרט געווען און אויף יענער חופּה לעקאַך געגעסן, און... ווער סע וויל די מעשה נישט געדענקען, דער קאָן זי פאַרגעסן.

א י נ ה אַ ל ט:

	זייטן
מוסר	9
געקעפּט	29
דער נאַר און דער וואַלד־רוח	55
מדבר	65
אַ בבא־מעשה אָדער די מעשה מיט די מלכים	135

Der Nister
Gedacht
Band II

Jüdischer Literarischer Verlag
G. m. b. H.
Berlin SW 68, Zimmerstr. 7–8